STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07361

ZIKHROYNES UN BILDER

Jacob Dineson

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יעקב דינעזאָן

זכרונות און בילדער

שטעטל, קינדעריאָרן, שרייבער

פארלאג „צאחיספר״,
ביי געז. „צענטראל״,
ווארשע, נאוואליפקי 7.

PRINTED IN POLAND

Zakład Graf. „STEREOTYP"
Warszawa.

אינהאַלט:

1) גאַרישקייטן: דער קהלשער באָק 5
2) זכרונות 26
3) חבלי־משיח 61
4) דאָס פלעשל 85
5) יאָסל אַלגעברעניק און זיין תלמיד . . . 111
6) ברוך 137
7) מיין ערשט ווערק. 162
8) שלום יעקב אַבראַמאָוויטש און מענדעלע מוכר־ספרים . 175
9) מאָטל פאַרבער 191
10) אחיזת־עינים 202
11) דאָס יידישע טעאַטער 211

נאַרישקייט.

דער קהלשער באָק.

אַ נאַרישקייט געדענקט זיך, זאָגט די וועלט, און גוט טאַקע, וואָס דאָס איז אַן אמת.

נאַרישקייט איז דער היפּוך פון חכמה, ווי פינסטער איז דער היפּוך פון ליכטיק; מיר האָבן הנאה, פון דעם ליכטיקן פרימאָרגן, ווייל מיר פאַרגעסן די אומבאַקוועמלעכקייט פון דער פינסטערער נאַכט. און וואָלטן מיר אונדזערע קינדישע נאַרישקייטן גוט געדענקען, וואָלט אונדז געווים שווערער זיין אַמאָל צום שכל צו קומען און קלוּגער צו ווערן.

איך ווייס נישט, ווי ווען, מיר קומען זייער צוגוץ יענע נאַרישקייטן, וועלכע געדענקען זיך מיר נאָך פון מיינע קינדערשע יאָרן.

עס טרעפן זיך שאלות אין לעבן, אויף וועלכע איך וויל גערן הערן אַ תשובה. עס מאַכן זיך קשיות אין מענטשלעכע האַנדלונגען, וואָס פייניקן מיך, אויף זיי אַ תירוץ צו געפינען. עס העלפט קיין שכל נישט צו פאַרענטפערן א זאַך, וואָס טוט זיך קעגן שכל... ביז גאָר נישט געזוכט, נישט גערעכנט דערמאָנט זיך איינע פון יענע קינדישע נאַרישקייטן און פאַרענטפערט מיר אַ קשיה, וואָס קיין חכם מיט זיין חכמה וואָלט מיר אפשר אזוי נישט פאַרענטפערט.

דער משפט דרייפוס, למשל, האָט אין מיר א סך שאלות און קשיות אויפגעוועקט, וואָס האָבן מיר פשוט קיין רו נישט געגעבן, און דווקא אזעלכע שאלות און קשיות, וואָס האָבן אפשר גאָר אַן אנדערן נישט אָנגערירט... אמת, דאָס האַרץ האָט מיר אויך געגויג ווי געטאָן אויף דעם אומשולדיקן קרבן און זיין אומשולדיקער פאַמיל-

יע, נאָר אויף דעמדאָזיקן ווייטיק האָב איך באַלד געפונען א תירוץ: איך ווייס, או איך בין א ייד, דאָס הייסט: א גליד פון דעם גוף, וואָס כאָטש זיינע אברים זענען אזוי צעזייט און צעשפּרייט אין דער גרויסער ברייטער וועלט, זענען זיי דאָך פונדעסטוועגן אזוי איינגעוואַקסן און צוגעבונדן איינער צום אנדערן, אז קוים ווערט ערגעץ איינער פון זיי פאַרוואונדעט, פילן דעם ווייטיק אלע איבעריקע אברים. ווי ווייט צעוואָרפן און צעריסן זיי מעגן אויך זיין.

דאָס אליין איז ביי מיר אַלעמאָל דער בעסטער סימן געוועז, אַז דער יידישער גוף, ווי ער איז צעבראָכן, איז ער נאָך אַלץ פריש און יונג, האָט נאָך בלוט און לעבן, און פאַראַליזירטע גלידער זענען וועניקער ביי אים, ווי אין יעדן אנדערן גוף, וואָס האָט שוין אַזויפיל יאָרן שלעק און פיין איבערגעטראָגן.

אונדזערע שונאים, רעכן איך, ווייסן עס פיל בעסער ווי מיר אליין, דעריבער זוכן זיי שטענדיק כאָטש איין אבר א שווערן קלאַפּ צו טאָן, ווען זיי ווילן, אַז דער גאַנצער יידישער גוף זאָל דעם ווייטיק פילן... און דאָס — האָב איך מיר פאַרענטפערט — איז געווען די הויפּט-כוונה אין דעם גאַנצן רעש און געטומל, וואָס מען רופט עס אָן: „דרייפוס-פּראָצעס". האָב איך מיך באַרויקט... וועניקסטנס, אויף אַזויפיל, וויפל עס באַרויקט זיך אַ קראַנקער, ווען אים ווערט קלאָר, אַז די צוגעקומענע שמערצן זיינע זענען נישט פון א נייער קראַנקהייט, נאָר זיי שטאַמען נאָך אַלץ ארויס פון דעם אַלטן פיבער זיינעם, פון וועלכן ער איז נאָך קיינמאָל אינגאַנצן נישט אויסגעהיילט און געגעזן געוואָרן.

און באמת קען נאר א קינד, וואָס האָט דעם טעם פון קדחת צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן פאַרזוכט, אזא טעות האָבן, צו מיינען, אין דער צווישן-צייט, פון איין פּאַראָקסיזם צום צווייטן, אז ער איז שוין פון קדחת באפרייט און אינגאַנצן געזונט; דער ייד אָבער פאַרגעסט נישט, אָדער ברויך, ווייניקסטנס, נישט פאַרגעסן, אז די שנאה צו אים איז א מין קדחת, רחמנה-לצלן. זי לאָזט אָפּ אויף א ווײַלע, און קומט אָבער זיכער ווידער צוריק, און האָט זי אין פראַנקרייך אויפגעציערט, איז דאָס נאָר אין דער צווישן-צייט, פון איין פּאַראָקסיזם צום צווייטן... מעגן די דאָקטוירים געבן וואָס פאַר אַ נייעם נאָמען, אין תוך אָבער איז עס פאָרט נישט מער ווי דער אַלטער שוין לאַנג באַקאַנטער פיבער, וואָס ווי שלעכט און ביטער ער איז אויך, איז ער

פֿאָרט נישט אזא קרענק, וואָס מען שטאַרבט פֿון דעם, כאָטש ער טרייסלט איצט די ביינער ארויס.

איך געדענק נאָך אַ סצענע פֿון חדר. דער רבי האָט אייזמאָל אַ יינגל געשמיסן. דעם געשמיסענעמס אַ חבר איז געשטאַנען לעבן רבין, די אַרבל פֿון זיין ראָק געקושט און מיט טרערן געבעטן, דער רבי זאָל זיין חבר אָפּלאָזן.

ווי עס פֿאַרשטייט זיך, האָט דאָס יינגל געכאַפּט פֿון רבין פֿאַר זיין גוט הארץ שיינע עטלעכע קלעפּ מיטן עלנבויגן. קוים אָבער איז דאָס געשמיסנע יינגל פֿון בענקל אראָפּ, איז ער אַרויף אויף זיין געטרייען חבר אויסצולאָזן צו אים זיין כעס און ווייטיק, אַריין אים אין די האָר, צו דער ערד אַ וואָרף געטאָן און מיט די פֿיס געטרעטן.

מיר דאַכט, אַז אין דער צייט פֿון דעם דייטש-פֿראַנצויזישן קריג האָט קיין אומה ולשון אַזוי גאָט נישט געבעטן פֿאַר פֿראַנקרייך, ווי אונדזערע יידן. זעט מען איצט אין פֿראַנקרייך נישט דעם אייגענעם יושר, אָדער אפשר דעם אייגענעם פּסיכאָלאָגישן צושטאַנד פֿון יענעם חדר-יינגל, וואָס האָט זיין כעס, אויפֿן רבין און זיינע ריטער אויסגעלאָזן צו זיין געטרייען חבר?... אַלץ די רוט איז שולדיק און נאָר די רוט!...

און דער „כבוד פֿון דער אַרמיי" — וואָס איז דאָס פֿאַר א מין לחש? איך בין זיך מודה ומתוודה, אַז איך גלויב נישט אין דעם איבערנאַטירלעכן כּוח פֿון א לחש, מעג ער זיין פֿון א בעל-שם, א גוטן יידן, אָדער פֿון א טאַטער אפילו.

דערפֿאַר איז מיר מער ווי אַלץ אומבאַגרייפֿלעך געווען, וואָס פֿאַר אַ מין כּוח ליגט עס אין דעם לחש; „דער כבוד פֿון דער אַרמיי!" וואָס מיר הערן אַזוי אָפֿט אויסשרייען אין די פּאַריזער גאַסן און וואָס קוים רעדט מען אים אַרויס, ווערט באַלד איבערגעקערט נאַכט צו טאָג און טאָג צו נאַכט?

צוליב דעם לחש אַליין האָט מען דאָרט א באַוווּסטן באַנדיט און אפּעריסט עסטערהאַזי, וואָס קיינער צווייפֿלט נישט אין זיין שולדיקייט, פֿון משפּט באַפֿרייט, מיט ערע און פּאַראַד, פֿון געריכט אַרויסגייענדיק, אים באַגעגנט. אַ קעניגליכער פּרינץ האָט זיך מיט אים געקושט און האַלב פּאַריז האָט געשריען:

„יחי עסטערהאַזי!"

צוליב דעם לחש נאָר האָט מען דעם וועלט באַרימטן זאָלאַ,

וואָס האָט איצט מער, ווי אַן אנדערש מאָל, פראַנקרייכס ערע געראַ־טעוועט, פאַראורטיילט ווי אַ שענדלעכן פאַרברעכער, אים קיין אמת וואָרט נישט געלאָזט אַרויסרעדן, און אַ האַלב פּאַריז האט אויף זיינע טריט געשפּיגן, אים מיט בלאָטע פאַרוואָרפן, בעת די גאַנצע געבילדעטע וועלט האָט באַוואונדערט דעם גרויסן שרייבער, וואָס האָט אַזאַ מוט געהאַט אַרויסצוזאָגן, אַז נאָך גרעסער ווי זיין וועלטבאַרימטער טאַ־לאַנט איז זיין ליבע צו אמת, צו גערעכטיקייט!

צוליב דעם איינציקן לחש נאָר האָט מען ביי אים זיין אָרדען פון ערנלעגיאָן צוגענומען, בשעת די גאַנצע געבילדעטע מענטשהייט האָט אים אַזאַ גרויסן אָרדען געגעבן. צוליב דעם לחש האָבן פינף מיניסטאָרן פאַלש געשוואוירן, עפנטלעך און פייערלעך פאַלש געשוואוירן.

אָט דאַכט זיך, איז שוין דער הימל קלאָר און לויטער, דער אמת לייכט שוין אַרויס ווי די ליכטיקע זון. פּלוצלונג אָבער לאָזט זיך הערן אַ קול: „דער כבוד פון דער אַרמיי!“ און דער ערשט אויסגע־לויטערטער הימל באַדעקט זיך אין איין רגע צוריק מיט וואָלקנס, שוואַרצע און שווערע, און מען זעט שוין די שיין נישט...

און וואָס איז אַזוינס דער כבוד פון דער אַרמיי? און ווער איז דען די אַרמיי? איז די ארמיי נישט דאָס פאָלק אַליין? איז איר כבוד פון אַן אַנדער מין?

פאַר וועלכן פאָלק אין דער וועלט איז דין און משפט, אמת און גערעכטיקייט נישט אַ כבוד? פאַרוואָס זאָל דווקא דורך דעם דין און משפט, אמת און גערעכטיקייט באַליידיקט ווערן דער כבוד פון דער פראַנצויזישער אַרמיי?

און ווען אפילו דער כבוד פון עטלעכע אַרמיי־פאָרשטייער ווערט דורך דעם ליידן, וואָס איז עס פאַר אַ גוואַלד? איז די ארמיי נישט איינ־איינעם צוזאַמענגעשטעלט פון טויזנטער פאַרשידענע פּערזאָנען, ווי דאָס גאַנצע פראַנצויזישע פאָלק?

וועט איינעם איינפאַלן צו זאָגן, אַז דאָס גאַנצע פראַנצויזישע פאָלק האָט נישט קיין ערלעכקייט און קיין געוויסן, ווייל עסטערהאַזי איז אַ פראַנצויז?

עסטערהאַזי און זיין גלייכן זענען נאָר איינצלנע פּערזאָנען און קענען מיט זייער פאַרדאָרבנקייט אַ פאָלק פון עטלעכע און דרייסיק מיליאָן אַזויפיל באַפלעקן, וויפל עס קענען עטלעכע טראָפּן בלאָטיק וואַסער דעם גאַנצן ים בלאָטיק מאַכן.

אויך נאָך אין נאָך אַזעלכע פראַגן פרעגן זיך, ווען מען איבער־צייגט זיך, אַז דאָס אַלץ שאַפט און מאַכט פאַרט נאָר דער איינציק־ער לחש: „דער כבוד פון דער אַרמיי"...

און מיר דערמאָנט זיך ווידער א נאַרישקייט פון מיינע קינדערישע יאָרן, איינע פון יענע נאַרישקייטן, וועלכע געדענקען זיך טאַקע נאָר צוליב דעם, וואָס זיי זענען נישט מער ווי נאַרישקייטן.

מיר זענען שוין חומש־יינגלעך געווען און אין חומש אַריינגע־לערנט ביז דער פרשה וישלח.

— זאָג זשע, — קאָמאַנדעוועט דער רבי, — עזים—ציגן, מאתים־צווייהונדערט. צווייהונדערט ציגן! — וווּנדערט ער זיך. — איך ווייס נישט, צי אין גאַנצן שטעטל ביי אונדז זענען דאָ אַזויפיל ציגן.

— פערלע! — גיט ער א געשריי צו דער רבי־צין, וועלכע איז בעת־מעשה געזעסן אין א ווינקל חדר און געשטריקט א זאָק. — וויפל ציגן, ביזטו משער, געפינען זיך ביי אונדז אין שטעטל?

— איך ווייס? — ענטפערט פערלע.

— וויפל פאַרט? — פרעגט ער איבער נאָכאַמאָל.

— מיט גוישע?

— לאָז זיין גוישע, וויפל אַן ערך?

— אפשר א הונדערט... געציילט האָב איך זיי נישט. קעגן וואָס אָבער פרעגסטו דאָס?

— איך פרעג עס קעגן דעם, ווייל יעקב אבינו האָט זיין ברו־דער עשון געשיקט אַ מתנה צווייהונדערט ציגן. פארשטייסט?

— איך פאַרגין עס אים גאָרנישט!—רעדט די רביצין איבער. — פאַרוואָס קומט עס אים? האָב איך אַזויפיל ציגן, פאַרקויף איך זיי און קויף אונדז אַ הייזל אַן אייגנס.

נאַרישע אשה, — רופט זיך אָן דער רבי, — אַ הייזל וואָלט זי געקויפט! דריי גרויסע הייזער מיט אַ גרויסן גאָרטן קאָן מען פאַר אַזאַ מטמון געלט קויפן. וויפל, אַ שטייגער, קען מען נעמען פאַר צוויי־הונדערט ציגן?

— מען דאַרף האָבן אַ מיניסטערשן קאָפּ דאָס צו באַרעכענען!

— אַ מיניסטערשן קאָפּ? אַזוי? — לאַכט דער רבי. — איך בין נישט קיין מיניסטער און וועל עס אפשר באַרעכענען. זאָג, אדרבה, וויפל האָסטו באַצאָלט פאַר אונדזער ציגעלע נעכטן אויפן יריד?

— זעקס רובל! איך זאָל אַזוי זעקס יאָר אין נחת לעבן, ווי

גאַנצע זעקס רובל! אפילו אַ גילדן האָט ער נישט אַראָפּגעלאָזן...—שווערט די רביצן.

— נו, — מאַכט דער רבי, — איז דער חשבון נישט מער ווי אַ פּראָסטער כּפל: זעקס מאָל צוויי הונדערט איז אַזוי גרויס... אַזוי גרויס... יאָ, ווי צוועלפהונדערט, פאַרשטייסט פּערלע, טויזנט רובל און נאָך צוויי-הונדערט רובל!... היינט דאַרפסטו נישט פאַרגעסן. אַז דאָס זענען געווען נישט עפּעס אַבי וואָס פאַר אַ ציגן, אַ שטייגער, אונדזער ציגעלע. דאָס זענען געווען, פאַרשטייסטו, ע ז י ם - צ י ג ן, מיטן פולן מויל ציגן, ארץ-ישראל - ציגן. האָסטו אַ השגה, פּערלע, וואָס ארץ ישראל-ציגן זענען? מיינסטו אָבער, אַז דאָס איז שוין גאָר? נאָך קיין אָנהייב אפילו נישט. זאָגט זשע, קינדער, ווייטער!—קאָמאַנדעוועט ער צו אונדז.

— ותישים און בעק (קאָזלעס) עשרים—צוואַנציק, רחלים — שעפסן מאתים—צווייהונדערט, ואילים און באַראַנעס עשרים—צוואַנציק... ווייסט איר וואָס באַראַנעס זענען?

— מיר ווייסן! — האָבן זיך אָפּגערופן עטלעכע ייִנגלעך מיט אַ מאָל.—מיר האָבן שוין געלערנט אין וירא: בעת אברהם האָט געוואָלט קוילן יצחקן, האָט זיך פאַרטשעפּעט אַ באַראַן מיט זיינע הערנער אין אַ צווייג, און ווייל ער האָט זיך געלאָזט מקריב זיין פאַר אַ קרבן אַנשטאָט יצחקן, האָבן באַראַנעס זוכה געווען, מען זאָל פון זייערע הערנער מאַכן אַ שופר.

— גוט, איר געדענקט!—לויבט אונדז דער רבי, צופרידן, וואָס מיר געדענקען אַ באַראַן מיט דעם גאַנצן אויסרייד צוליב אים.

— גמלים — קעמלען, מיניקות — זייגענדיקע, ובניהם — זייערע קינדער, דאָס מיינט מען די קליינע קעמלעך, שלשים — דרייסיק... געדענקט זשע, דרייסיק! וועגן קעמלען האָט ער אונדז דערציילט, אַז דאָס זענען, אַ שטייגער, פערד, וואָס מען רייט אויף זיי אין ארץ ישראל. אויפן רוקן האָבן זיי צוויי הארבעס, צווישן זיי זעצט מען זיך אַריין רייטנדיק, און אַז דער קעמל ווערט אין כּעס אויף זיין באַלעבאָס, וואָס רייט אויף אים, ציט ער צונויף די ביידע האַרבעס און דערשטיקט אים. וועגן דעם אָבער, וואָס זענען אַזוינס אתונות—אייזליכעס און עירים — מוילאייזלען, האָט ער אונדז נישט דערקלערט.

און ווייטער: עשרים תישים — צוואַנציק בעק, האָט ער געזאָגט, אָבער וואָס דאָס איז פאַר אַ מין חיה האָבן מיר נישט געוווסט.

אַרויסגייענדיק אויפן הויף זיך שפּילן אַ ביסל, ווי געוויינלעך, נאָכן לערנען, און דערזעענדיק צום ערשטן מאָל דאָס ציגעלע, וואָס די רביצן האָט נעכטן אויפן יריד געקויפט פאַר גאַנצע זעקס רובל, ווי זי האָט געשוואוירן, האָבן מיר עס פריינטלעך באַגריסט מיט דעם פּסוק, וואָס מיר האָבן נאָר וואָס אין חדר געלערנט: „עזים — ציגן מאתים צוויי הונדערט!" אויף וואָס זי האָט אונדז תיכף געענטפערט אויף איר לשון:

— ממעעע!

אין אַ פּאָר טעג אַרום, קומענדיק גאַנץ פרי אין חדר אַריין, בעת דער רבי איז נאָך געווען אין בית-המדרש ביים דאַווענען, האָבן מיר אויפן הויף דערזען עפּעס אַ מין חיה. שטאַרק ענלעך צו דעם רבינס ציג, אָבער אַ סך גרעסער און ווילדער, מיט אַ פּאָר גרעסערע שטאַרקערע הערנער, מיט אַ לאַנגן עק, מיט אַ ברייטער באָרד, איינגאַנצן באַוואַקסן, ווי עשו און אויגן אַ פּאָר — אַ שרעק!

— דאָס מוז זיין אַן ארץ ישראל-ציג! — האָט זיך אָנגערופן עפּעס אַ יינגל, געדענקענדיק, וואָס דער רבי האָט געזאָגט, אַז ארץ ישראל-ציגן זענען גרעסער פאַר די ציגן פון גלות.

דאָס יינגל האָט געוואָלט אָפּנעמען אַ גרוס פון ארץ-ישראל און איז צוגעגאַנגען נענטער צו דער חיה, גלייך ער וואָלט איר געוואָלט אָפּגעבן שלום עליכם.

אָבער די חיה איז עפּעס אין כעס געוואָרן, פאַרוואָס, ווייסן מיר נישט, און זי האָט זיך אָנגעהייבן וואַרפן צו אונדז מיט אירע מוראדיקע הערנער.

צו אונדזער גליק, איז אויפן הויף געשטאַנען אַ שטויג האָלץ, וואָס האָט אָנגעהערט צו אַ בעקעריי.

מיר זענען באַלד אַלע אַרויף אויפן שטויג האָלץ און פונדאַנען אָנגעהייבן באָמבאַרדירן די חיה-רעה מיט גאַנצע קלעצער.

פלוצלונג אָבער באַווייזט זיך דער רבי און שרייט:

— שקצים! ממזרים! איר קאָנט אים, חלילה, דערהרגענען! וואָס האָט איר צו דעם בכור?

— האַ? וואָס איז דאָס עפּעס פאַר אַ מין? — פרעגן מיר מיט די אויגן איינער דעם אַנדערן, אָן ווערטער. — ווי פּאַסט אַהער דאָס וואָרט בכור?

אַ בכור, האָבן מיר געוווּסט, איז שייך ביי יינגלעך.

אין חדר זענען טאקי געווען צוויי, דריי חברים, וואָס האָבן זיך באַ־ימט, אַז זיי זענען בכורים, אַז זיי דאַרפן אַלע ערב פסח ניט עסן, און אַז משיח וועט קומען, וועט גאָט אָפּנעמען די כהונה ביי די כהנים און וועט צוריק אָוועקגעבן צו די בכורים, ווי ס'איז געווען קודם מתן תורה. אָבער אַז אַ חיה רעה, כאָטש מיט אַ גרויסער באָרד, קען אויך זיין אַזאַ יחסן און זיך אָנרופן בכור, דאָס האָבן מיר מיט אונדזער קינדערישן שכל נישט געקאָנט משיג זיין.

און אַז שוין יאָ אפילו אַ בכור, טאָ פאַרוואָס טאָר מען אים קיין מאָל נישט שלאָגן? איז אַ בכור באמת אַזאַ הייליקע זאַך, וואָס מען טאָר אויף איר אַ פינגער נישט אַרויפלייגן, טאָ פאַרוואָס שלאָגט דער רבי צווישן אַנדערע יינגלעך אויך די בכורים?

אין חדר האָט דערנאָך דער רבי אונדז דאָס אַלץ פּאַוואָליע דערקלערט:

— פאַרצייטנס האָבן יידן געהאַט זייער אייגן לאַנד, און מען רופט עס נאָך עד היום ארץ ישראל, וואָס איז טייטש דאָס יידישע לאַנד. אין דעם לאַנד האָבן מיר געהאַט אונדזער בית־המקדש, ווו די כהנים פלעגן מקריב זיין קרבנות אויפן מזבח, און צו די כהנים האָבן געהערט אַלע בכורים.

אַ בכור, אַ מענטש, לייזט מען אויס מיט פינף טאָלער און אַ בכור, אַ בהמה, מוז מען אָוועקגעבן צום כהן.

— פאַרצייטנס פלעגן די כהנים דעם בכור קוילענען און עסן זיין פלייש בקדושה ובטהרה אין ירושלים.

אַ בכור הייסט דעריבער קדשים, און אין קדשים טאָר מען קיין מום נישט מאַכן. צוליב דעם וואָס מען האָט יאָ אַמאָל מטיל מום געווען, איז טאַקע הרוב געוואָרן ירושלים מיט דעם בית־המקדש און מיר, יידן, זענען נאָך אין גלות עד היום!...

— היינט פאַרשטייט איר שוין, קינדער, — האָט ער געזאָגט, — ווי גרויס די עבירה איז, צו מאַכן דעם בכור אַ מום? געדענקט זשע, קדשים איז דער בכור און פון קדשים טאָר איצט קיינער קיין הנאה נישט האָבן, אפילו נישט דער כהן. ווארים אין חוץ לארץ טאָר אפילו אַ כהן קיין קדשים נישט עסן. וואָס זשע טוען מיר מיט אים? מיר האָדעווען אים, היטן אים אָפּ פון אַ מום. ער איז קיינעמס נישט, אָבער אַלע זענען מחויב אים צו האָדעווען, ובזכות זה, וואָס מיר האַלטן אים ערלעך, וואָס מיר גיבן אים עסן און שלאָגן אים נישט אפילו, בעת ער

טוט אונז אָן אַ שאָדן, וועלן מיר זוכה זיין, אַז משיח זאָל קומען, און ער וועט אונדז צוריקפירען אין אונדזער הייליק לאַנד און מיר וועלן ווידער האָבן אַ בית המקדש, ווו כהנים וועלן מעגן עסן קדשים בטהרה... פאַרשטייט איר, קינדער, וואָס איך זאָג אייך?

און מיר האָבן נאָכמער ווי פאַרשטאַנען... אין איין רגע איז די חיה רעה, וועלכע מיר האָבן ערשט מיט קלענער האַלץ באַכבאַו דירט, געוואָרן הייליק ביי אונדז, הייליקער כמעט פאַרן רבין אַליין...

איין יינגל האָט אָבער בתמימות אַ פרעג געטאָן:

— רבי, איבער הונדערט און צוואַנציק יאָר, אַז דער הייליקער בכור וועט שטאַרבן, וואָס וועט דעמאָלט זיין?

— אַז ער וועט אויסלעבן זיינע יאָרן און וועט שטאַרבן אָן אַ מום, — האָט דער רבי געענטפערט, — וועט מען אים איינוויקלען אין אַ ווייסן זאַק, אַנשטאָט תכריכים, און מען וועט אים מקבר זיין אויף אַ ריינעם אָרט.

— רבי, — פרעגט נאָך אַ יינגל, — און אויף יענער וועלט וועט דער בכור אויך האָבן עולם הבא און זיצן מיט די צדיקים אין גן עדן?

דער רבי, געדענק איך, האָט אָבער צוגעשוויגן, מניה וביה נישט געוווּסט וואָס צו ענטפערן. אפשר האָט ער זיך אַליין געציטכט צו זיצן איבער הונדערט און צוואַנציק יאָר אין גן עדן, און אים האָט זיך זייער נישט געגלוסט צו זיצן ביי דער סעודה של לויתן כאָטש מיט אַ הייליקן בכור, אָבער פאָרט נישט מער ווי אַ באָק מיט הערנער, ביי איין טיש?

און אפשר האָט זיך דער רבי געקלערט, אַז עס וועט פאַר אים בענוג זיין די פאַמוניצע פון דער גן עדן־קיך, ווו מען וועט צוריכטן די טייערע סעודה של לויתן?

דער רבי האָט אָבער געשוויגן.

מיר האָבן דעם רבינס שוויגן אָנגענומען פאַר אַ קלאָרע תשובה, אַז דער בכור, דער באָק מיט די גרויסע שפּיציקע הערנער, מיט דער ברייטער לאַנגער געדיכטער באָרד, וועט אוודאי זיצן צווישן אַלע גרויסע לייט, ווי עס פּאַסט פאַר אַזאַ הייליקן, וואָס מען טאָר אים נישט שלאָגן אפילו, ווען ער טוט אונדז אַ שאָדן.

ביסלעכווייז האָבן מיר אָנגעהייבן קוקן אויף אים מיט גרויס כבוד און יראה.

מיר האָבן אַלע זיכער געגלויבט, אַז בזכות דעם באָק וועלן מיר קומען צוריק צו אונדזער טייער לאַנד, וווּ וועלן עסן נישט

די לייבער אפילו פון די טויטע, און זיי ציגן עסן באַקסער א גאַנץ יאָר, ווי מיר איינמאָל אום חמשה עשר בשבט!...

פון יענעם פרימאָרגן אָן האָבן מיר אונדזערע פרישטיקס און מיטאָגס געטיילט מיט דעם הייליקן בכור.

מיר האָבן אים תּרומה און מעשר געגעבן.

איטלעכן פון אונדז האָט זיך געוואָלט נושא חן זיין ביים באָק, זערן ביי אים א תּקיף, ער זאָל זיך לאָזן א גלעט טאָן.

און גוט איז ער צו אונדז געוואָרן. ער האָט צוגענומען אונדזערע בייגל מיט פּוטער, אונדזער ברויט, פלעגט אונדז ארומשמעקן, זוכן אין די קעשענעס, און אין כּעס און ברוגזלעך פלעגט ער נאר זיין, בעת מען פלעגט אים גאָרנישט געבן.

און ער איז אוודאי גערעכט געווען.

וואָס א טאָג, איז זיין הייליקייט געוואקסן אין אונדזערע אויגן און אונדזער קינדישע פאַנטאַזיע האָט אים פאָרגעשטעלט, ווי ערגעץ, א באַהאַלטענעם צדיק, וואָס ווייסט אַלע סודות, וואָס ווייסט אפילו ווען משיח וועט קומען.

איך געדענק, ווי איינמאָל איז מיינס א חברל געקומען א פאַרווייינטער אין חדר אריין און האָט אונדז דערציילט, אַז זיין ברודערל איז, נעבעך, שטאַרק קראַנק.

די מאַמע האָט א גאַנצע נאַכט געוויינט, דער טאַטע האָט געזאָגט תּהלים, און איצט האָט זי אים געשיקט אין חדר אריין און אָנגעזאָגט, ער זאָל צום דאַוונען בעטן ביי גאָט א רפואה פאַר זיין קראַנקן ברודערל.

ביי די ווערטער האָט זיך מיין חבר אזוי צעכליפּעט, אַז עס האָט אונדז אַלעמען אָנגעכאַפּט פאַרן הארצן. צוזאַמען מיט אים האָבן מיר אַלע געוואָלט בעטן ביי גאָט אַ רפואה פאר זיין קראַנקן ברודערל, און אונדזער קינדישער שכל האָט קיין נעענטערן מליץ נישט געפונען ווי צוצופאַלן צום באָק, צום הייליקן בכור, ער זאָל אונדזער תּפילה ארויפטראָגן צו גאָט און אויסבעטן די נייטיקע רפואה, וואָס מיר ווילן.

און כאָטש מיר האָבן אָך נישט געוווסט דעם כּוח פון „אַ פּדיון", האָבן מיר שוין אָבער אזויפיל שכל געהאַט צו פאַרשטיין, אַז מען דאַרף דעם באָק מיט עפּעס אָפּקויפן, און מיר האָבן אים כמעט אונדזער גאַנצן פרישטיק אָוועקגעגעבן.

אוודאי האָט ער, כאָטש אַ באָק מיט הערנער, שכל געהאַט פון

אזא „פדיון" זיך נישט אָפּצוזאָגן און ער האָט די בייגל מיט פּוטער און אַנדערע עסנוואַרג אויפגעגעסן מיט גרויס אַפּעטיט.

און ער איז עפּעס אַזוי פריינטלעך צוגעלאָזן געוואָרן צו אונדז, אַז ער האָט אונדז נאָך די ברעקלעך פון די הענט אַראָפּגעלעקט. דאָס איז ביי אונדז אַ זיכערער סימן געווען, אַז די רפואה וועט קומען, און דאָס קינד וועט געזונט ווערן.

שפּעטער, ווען מיר האָבן דעם באָק דערזען, ווי ער געבעצט און איז מעלה גרה, האָבן מיר אַזוי גוט חי בחוש געזען, ווי ער איז מתפּלל אויף זיין לשון מיט גרויסע כּוונות און סודות, און מיר האָבן אונדזער חברל געטרייסט, ער זאָל נישט וויינען, זיין ברודערל וועט לעבן, ער וועט געזונט ווערן, ווארים דער הייליקער באָק בעט פאַר אים. זיין תּפילה וועט געוויס אָנגענומען ווערן דאָרט אויבן.

און נאָך הייליקער איז דער באָק ביי אונדז געוואָרן, ווען דאָס קראַנקע קינד איז טאַקע געזונט געוואָרן. דעם חברס אַ שוועסטער האָב איך געהערט אַמאָל דערציילן, ווי דער הויפּישער דאָק־טאָר האָט דאָס קינד פון טויט געמאַכט לעבעדיק. איך אָבער האָב זיכער געוווסט, אַז נישט דער הויפּישער דאָקטאָר, וואָס איז אַ גוי, האָט געשיקט די רפואה, נאָר דער הייליקער בכור, דער באָק, וואָס האָט אונדזערע פּרישטיקס אויפגעגעסן, ווי אַ קרבן, פאַרן קראַנקן, ער זאָל געזונט ווערן!...

אַזוי איז דער באָק ביי אונדז, קינדער, ביסלעכווייז געוואָרן עפּעס ווי אַ מין אָפּגאָט, און האָט נאָר ווער פון אונדז געהאַט אַ שווער האַרץ אָדער אַ דאגה, האָט מען עס פאַרן באָק אויסגערעדט, דערציילט אין שטילן אַלע סודות, זיך מתוודה געווען פאַר אים און ביי אים געזוכט הילף און טרייסט...

אַז ער פאַרשטייט, וואָס מיר דערציילן אים און קען אונדז העלפן און טרייסטן, איז ביי אונדז גאָר קיין ספק נישט געווען.

הייליק איז ער! דורך זיין זכות קאָן אפילו משיח קומען, פאַר־שטייט ער אוודאי אַלץ און קען העלפן צו אַלץ!...

מיט דער צייט אָבער האָבן מיר עפּעס גאָר אויפגעהערט צו פאַרשטיין זיינע דרכים און מנהגים.

עפּעס האָבן מיר איינציקווייז אָנגעהייבן איינצוזען, אַז ער פירט זיך נישט אויף, ווי אַ צדיק גמור, ווי אַ אמתער הייליקער, בפרט זינט ער האָט אָנגעהייבן אַרומצוטאַנצן מיט דעם גלחס ציגן, די טריפנאַצ־

קעס, אמתע חצופות און אויסגעלאַסענע און איז דורך זיי אַ גאַנצער מחותּן געוואָרן מיטן גלח אַליין.

און איינמאָל האָבן מיר מיט די אויגן אַליין געזען, ווי דעם גלחס דינסט, אַ געבוירענע גראָבע פויערטע, מיט אַ צלמל אויפן האַרצן, האָט אַרויסגעטראָגן אַ פּאָמוניצע מיט קלייען און מיט אַלערליי טרפה שאָלעכץ פון גלחס קיך, מסתמא, און דער הייליקער בכור האָט גאָר אָן ישוב הדעת, אַריינגערוקט זיין כשרע מאָרדע מיט דער פרומער געדיכטער באָרד אין דער טריפהנער פּאָמוניצע אַריין און געגעסן און געטרונקן אָט די אַלע טריפהנע מאכלים, ווי ער וואָלט גאָר פאַרגעסן, אַז ער איז אַ בכור, אַ קדשים, און עס איז אים גאָר קיין חרפה און קיין בושה נישט פאַר זיין יחוס און פאַר זיינע באַקאַנטע...

אַ שטיק געזונט און לעבן האָט אונדז די נבלה געקאָסט. סטייטש, ווי פאַרענטפערט מען אַזאַ דרך פון אַ צדיק? ווייס ער דען קיין דין נישט? אָדער צו חיל ער זיך, חלילה, גאָר כופר זיין?

מיר האָבן דאָס דערציילט דעם רבין און אים געשוואָרן, אַז דאָס איז נישט קיין רכילות, נאָר מיר האָבן דאָס אַליין מיט די אייגענע אויגן געזען און קאָנען דאָס נישט פאַרשטיין, ווי אים צו פאַרענטפערן.

— טפשים, וואָס איר זענט, — האָט זיך דער רבי גענומען מלמד זכות זיין אויפן באָק, — הייליק טאַקע איז ער, נאָר תרי"ג מצוות אין ער על פי דין גאָרנישט מחוייב מקיים צו זיין... פאַרגעסט נישט, אַז ער איז פאָרט אַ באָק, אַ באָק מיט הערנער, אַ ליידיקגייער, עסן און טרינקען האָט ער, שלאָגן שלאָגט אים קיינער נישט, מה יעשה הבן ולא יחטא?... פונדעסטוועגן דאַרפט איר אים נישט פיינט האָבן: ער איז פאָרט קדשים... אונדזערער איז ער און נישט דעם גלחס, און וואָלטן מיר געווינט אין אונדזער אייגן לאַנד, וואָלט ער אוודאי קיין מגע און משא נישט געהאַט מיט דעם גלחס ציגן... אין גלות, — קרעכצט דער רבי, — קען אַ מענטש אויך נישט אָפּהיטן אַלע מצוות, בפרט אַ באָק מיט הערנער, כאָטש אַ בכור, כאָטש אַ קדוש!...

דער תירוץ איז אונדז גענוג געווען, און מיר האָבן שטאַרק רחמנות געהאַט אויף דעם באָק, וואָס ער וואַלגערט זיך, נעבעך, אַרום מיט אונדז צוגלייך אין גלות און קען נישט זיין אַזוי פרום, ווי עס פּאַסט זיך פאַר אַ הייליקן בכור.

און נישט נאָר מיר, קליינע, האָבן אַזוי בתמימות געגלויבט אין

דעם באָקס הייליקייט, נאָר אפילו די טאַטעס און מוטערס אונדזערע. אפילו דער רבי און אַלע אמתע פרומע יידן, וואָס וואַרטן און האָפן אויף משיחן, אויף דער גאולה, האָבן גרויס דרך־ארץ געהאַט פאַר דעם באָק, דעם בכור, און האָבן אים אַ בייז וואָרט נישט גערעדט פאַר זיינע התקרבות מיט דעם גלח און מיט זיינע ציגן, און אַ האָר אים נישט געקרימט, אפילו ווען ער האָט זיי דעם גרעסטן שאָדן אָנגעטאָן.

און אזוי האָב איך דערנאָך שיינע עטלעכע יאָר דעם אייגענעם באָק געזען זיך אומטרייבנדיק איבער אַלע מערק און גאַסן, כאַפן פון די מולטערס ביי די אָרעמע ווייבער: ביי איינער — א בויגל, ביי דער אנדערער — א קאַרטאָפל אָדער אַ מייערל און ביי א דריטער האָט אים זיין יושר אויסגעטראָגן צוצוכאַפן איר גאַנץ ביסל שפייז, וואָס זי האָט זיך פון דערהיים מיטגענומען, כדי זיך אונטערצולענען דאָס הארץ פאר א גאַנצן טאָג אויפן מאַרק.

די יידענע שפרינגט אויף א פאַרביטערטע, נעבעך, כאַפט וואָס איר פאַלט אין האַנט אַריין, יאָגט זיך נאָך מיט אַ געיאָמער, מיט קללות נאָך דעם באָק, אָבער באַלד שרייט צו איר נאָך אַ יידענע:

— יענטל, יענטל, זינדיק נישט, דאָס איז דאָך דער בכור, דער קהלשער באָק!

ווי אַ מין לחש ווירקן די עטלעכע ווערטער אויף דער צערייצטער געקרענקטער יענטל. עס פאַלט ביי איר דער שטעקן ארויס פון דער האַנט, זי גיט זיך א פאַטש איבערן פיסק און שטאמלט קוים צו הערן:

נישט פאַררעכנט זאָל עס מיר זיין, גוטער גאָט! איך האָב שיער דיין הייליקן בכור בייז געטאָן!

מיט דער צייט האָב איך געוווסט, אַז מען רופט אים אויך ק ה ל ש ע ר ב אָ ק, וויל ער געהערט צו גאַנץ קהל, צו אַלע יידן פונם שטעטל.

אַלע קענען אים, אַלע ווייסן זיין יחוס, און ער שעדיקט אַלעמען, און קיינער רעדט אים אַ קרום וואָרט נישט.

זיין געוויינלעכע סטאַנציע איז דער פאַליש פון דער ווייבערשער שול. ווען ער בלייבט ביים גלח אָדער פאַסטוך צו גאַסט, נעכטיקט ער אויף זיין סטאַנציע, נור אַ גאַנצן טאָג טרייבט ער זיך אַרום שלינג און שלאַנג אין אַלע גאַסן, פוילט זיך אפילו זומער־לעב אין פעלד

צו גיין מיט אַלע ציגן און אַנדערע בעק צוגלייך, מאַכט אָן הזיקות און האָט גאָר קיין קלאָגער און קיין ריכטער נישט פאַר זיין פוסטפּאַסעווען.

ווי עס שיינט, האָט ער טאַקע מיט דער צייט אַליין געמוזט געוואָר ווערן, ווער ער איז און וואָס זיין יחוס איז. וואָרים וואָס א יאָר, איז ער אַלץ גרעסער און שטאַרקער געוואָרן פון נחת און פון חירות, און וואָס שטאַרקער און גרעסער ער האָט זיך דערפילט, אַלץ ווילדער און שטאָלצער איז ער געוואָרן, ביז ער האָט פשוט אַ מענטשן נישט געלאָזט דורכגיין זיכער א גאַס.

אָט הערט מען, ווי ער האָט אַ קינד אַרויפגענומען אויף די הערנער, און אָט דערציילט מען פון אים נאָך אַ בעסערע זאַך:

אַ יונג ווייבל האָט זיך פאַרוואָלט גיין דאַוונען אינדערוואָכן אין שול, איז דער באָק אויף איר אין כעס געוואָרן, וואָס זי שטערט אים זיין מנוחה, האָט ער איר אַ שטויס געטאָן. דאָס יינגע ווייבל איז אַראָפּגעפאַלן פון די טרעפּ און האָט, נעבעך, מפּל געווען אַ קינד אין זעקסטן חדש.

דער ווייבלס מאַן, דערציילט מען, האָט אפילו אין בית-המדרש קולי קולות געמאַכט, געפּרעגט, סטייטש, ווי האַלט עס קהל אַזאַ שטאָט-מזיק און גיט אים נאָך אָפּ די ווייבערשע שול פאַר זיין דירה?

נאָר ר׳ אריה דין האָט דעם יונגנמאַן אָפּגעצאָלט, ווי ער האָט אשר פאַרדינט, און אים טאַקע געגעבן צו פאַרשטיין, אַז ער, דער יונגערמאַן, איז עתיד לתן את הדין פאַר אַזעלכע דברים רעים, וואָס ער האָט גערעדט אויף אַזאַ הייליקן באָק און וואָס אַלע יידן זענען על פּי דין און על פּי יושר מחויב צו היטן, אַז אים זאָל אַ האָר נישט געקרימט ווערן!

צי האָט דער יונגערמאַן טאַקע פאַרשטאַנען, אַז ער האָט געזינדיקט מיט זיינע דברים רעים אויף דעם באָק, צי נישט, נאָר רעדן אויף אים שלעכטס האָט ער שוין נישט גערעדט.

און ווי נאָר און וועמען נאָר דער באָק פלעגט אַרויסברענגען פון געדולד און מען פלעגט אויף אים האָבן תרעומות, פלעגט זיך באַלד אַרויסכאַפּן ר׳ אריה דין אַליין, אָדער אַנדערע אַזעלכע פרומע, ווי ער, און עס פלעגן געגנגען זיין צוויי, דריי ווערטער:

— „דער הייליקער בכור-קדשים!“—און ווי אַ כשוף האָט עס גע-

ווירקט, יענעם שטום צו מאַכן, אַזוי, אַז יענער זאָל נישט קאָנען און נישט וועלן מער אויפן באָק אַ שלעכט וואָרט, חלילה, אויסרעדן.

נור איין אבנר דער לערער האָט געהאַט מוט און העזה דעם אמת אָפן אַרויסצוזאָגן, אַז נישט דער באָק איז ווילד, נאָר די גאַנצע שטאָט יידן זענען, נישט דאָ געדאַכט, ווילדע ברואים.

— אמת, ער איז אַ בכור, — פּלעגט אבנר טענהן, — איז ער דען הייליקער ווי אַ מענטש? פאַרוואָס מעג מען אַ מענטשן, אַ בכור, יאָ אויסלייזן מיט פינף טאָלער און אַ באָק, אַ בכור, נישט? און ווען אפילו נישט, מה רעש, וואָס איז ער פאַר אַזאַ יחסן, מען זאָל אים נאָכגעבן די שמד? זאָל ער גיין צו אַלדע שוואַרץ יאָר! ווען טויג ער? אויף וועלכע צרות דאַרף מען אים האָדעווען? נישטאָ קיין כהנים, קיין ירושלים, קיין בית המקדש, און ביז משיח וועט קומען און וועט אונדז אָוועקגעבן ירושלים צוריק, וועט מען נאָך זיינע אוראייניקלעכס אייניקלעך אויסקוילן און אויפעסן, אָדער אין טרפות פאַרקויפן... האָט מען געהערט אַזוינס, אַ גאַנצע שטאָט יידן זאָל דרך ארץ האָבן פאַר אַ באָק מיט הערנער, זיך לאָזן פון אים אָנטאָן כל השאָדן און קיינער זאָל גאָרנישט טאָרן אַ בייז וואָרט אפילו אויף אים אויסרעדן? מה יעשה הבאָק ולא יחטא? נאָר זאָגן מוז איך אייך, רבותי, אַז ער איז פאָרט נישט מער, ווי אַ גרויסער טפּוש, אייער הייליקער באָק! אַן אַנדער באָק אויף זיין אָרט וואָלט אייך אַלעמען געמאַכט פאַר ציגן, וואָלט אייך געמאָלקן און דאָס מילך געפּירט פאַרקויפן פון שטאָט אין דאָרף אַריין.

מיינט איר אפשר, אַז אבנר האָט עפּעס אויסגעפירט מיט זיין לצנות? אַ האָר אויך נישט! אדרבה, ער האָט נאָך געכאַפּט דיין מיאוסן פּסק גאָר אויפן גרויסן אופן.

ר' אריה, דער דין, האָט אים אין שול בפני עם ועדה אָנגע-רופן אפיקורוס, און האָט זיך צעשריען:

— דו גלויבסט אין משיחן אויך נישט? ווילסטו נישט גלויבן, טאָ גלויב נישט, אָבער, רשע, וואָס ביזטו מעכב די גאולה מיט דיין לצנות?

און טאַקע פון יענעם טאָג אָן האָט מען אים אַ נאָמען געגעבן: א ב נ ר ד ע ר א פ י ק ו ר ו ס.

אין שול האָט מען אים נישט נאָר נישט אויפגערופן אַ גאַנץ

יאָר, מען האָט אים אפילו צו אַ מנין נישט מצרף געווען. אויף דער גאַס פלעגן אים נאָכלויפן קונדייסים און שרייען:

— אָט גייט אבנר דער אפּיקורוס, וואָס גלויבט נישט אין משיחן! און פרומע ווייבער פלעגן אויסבייטלען אַלע בייזע חלומות צו זיין קאָפּ!

אַן אַנדערער אויף זיין אָרט וואָלט מסתמא אַ שפּיי געטאָן אויף דער גאַנצער שטאָט און וואָלט אַנטלאָפן ווו דער שוואַרצער פעפער וואַקסט, נאָר אבנר איז בטבע אַן איינגעשפּאַרט יידל און האָט אַלץ אָנגענומען פאַר גוט. ער האָט ווייטער גערעדט רכילות אופן באָק און ווייטער געליטן צרות צרורות דורכדעם.

און ווער ווייסט, ווי לאַנג עס וואָלט זיך אַזוי געצויגן די מלחמה צווישן אבנרן מיט ר׳ אריה דין פאַר דעם כבוד פונם באָק, ווען עס מאַכט זיך נישט אַ מעשה, וואָס האָט אויפגערודערט די גאַנצע שטאָט.

געשען איז עס אַזוי. אין שטאָט האָבן גענומען שטאַרבן קליינע קינדער. איז ר׳ אריה מיט זיינע לייט אַרומגעגאַנגען זוכן חטאים. וואָרים אַז עס שטאַרבן קליינע קינדער, איז דאָך טאַקע אַ סימן, אַז ס׳מוזן זיין חטאים.

דער איספּראַווניק פון אויעזד, ווידער, איז אַראָפּגעפאָרן מיט אַ גאַנצער קאָמיסיע זוכן מיסט און בלאָטע אין יידישע הויפן און הייזער.

אַ שטוב, דערציילט מען, האָט ער נישט דורכגעלאָזן. אומעטום איז ער מיט זיין קאָמיסיע געווען, און האָט גוטע צרות אָנגעטאָן באַלעבאַטים...

אינמיטן זומער האָט זיך אים פאַרוואָלט, אַז יידן זאָלן מאַכן פּסחדיק די הייזער, די קעלערס און די בוידעמס.

איז אים נאָך דאָס ווייניק, האָט ער געהייסן, מען זאָל רייניקן די הויפן, די שטאַלן און פאַרחתמעט די באָד און די מקווה, און גענומט זיך אויך צו די בתי מדרשים. אין דער קאַלטער שול אפילו איז ער אויך געווען.

קומט ער אָבער אַרויף אויף די טרעפּ און עפנט די טיר פון דער ווייבערשער שול, גייט אים אַנטקעגן דער באָק, שטאַרק אין גרימצאָרן און גיט זיך אַ וואָרף צו אים. קענטיק, אַז ער האָט גע-
האָט בדעה אַרויפצופאַקן דעם איספּראַווניק אויף די הערנער...

זיין טריפהנער מזל איז געווען, וואָס ער, דער איספּראַווניק, האָט

שכל געהאַט צו גיין נישט אַליין, ווארים איינער אויף איינעם, וואָלט דער באָק זיכער אים מנצח געווען.

אָבער זיינע דעסיאַטניקעס האָבן זיך פאַר זייער נאַטשאַלניק איינגעשטעלט און האָבן דעם איספראַווניק מציל געווען.

זיי זשע צערידן און לאָז דעם באָק צורו, איז ניין! ברענט אין אים דער כעס פאַר אַזאַ העזה פון אַ יידישן באָק, וואָס וויל זיך גאָר פאַרמעסטן קעגן אים, דעם באַלעבאָס פון אויעזד.

נעמט ער, דער איספראַווניק, און הייסט די דעסיאַטניקעס, זיי זאָלן דעם באָק תיכף אַוועקפירן אין בוינע און אים דאָרט אָפטאָן זיין רעכט.

פאַרשטייט זיך, אַז ס'איז געוואָרן אַ יללה אין שטעטל, נאָכמער ווי אויף דער ווילדער גזירה פון שייערן און כשרן אין אַ מיטן זומער, ווי ערב פסח.

ר' אריה איז באַלד צוגעפאַלן צום איספראַווניק, ממליץ טוב צו זיין אויפן באָק. איז אָבער ר' אריה נישט געווען אַזאַ גרויסער דברן אויף רוסיש.

רעדט ער האַלב רוסיש, האַלב דייטש און אַ ביסל לשון הקודש. ער דערקלערט דעם איספראַווניק, אַז ער, דער באָק, איז אַ בכור, אַ קדשים, און דעריבער טאָר מען אים נישט מטיל מום זיין.

דער איספראַווניק מיט זיינע לייט צעלאַכן זיך, און ר' אריה גייט, נעבעך, אַוועק בבשת פנים.

פאַלט ר' אריה נישט אַראָפּ ביי זיך און לויפט און קלויבט אויף אין שטאָט אַ היבשע מטבע און טראָגט עס אַוועק דעם איספראַווניק אַ מתנה, אים מכפר פנים זיין.

אַנדערע זאָגן אפילו, אַז נישט ר' אריהס פדיון האָט דעם כשרן באָק אויסגעלייזט פאַר דער צייט פון אַ שחיטה, נאָר טאַקע דעם גלחס ממליץ טוב זיין אויף אים האָט געהאָלפן, און נישט די קדושה פונם בכור איז דעם גלח אָנגעגאַנגען, נאָר פשוט דעם גלח איז דער בכור צונויץ געקומען.

ער האָט געהאַט אַ סך ציגן, דערדאָזיקער גלח, און ער האָט פשוט מורא געהאַט, אַז אָן אַ באָק וועלן די ציגן אויפהערן אים צו געבן זייער מילך.

אַזוי, צי אַזוי, דערווייל איז דער באָק ניצול געוואָרן פון שחיטה, נאָר לאָזן אים אַ שטאָט איבערקערן, אומדרייען זיך איבער די גאַסן

און גאָר אויף זיך קיין אויבערהאַר נישט האָבן, האָט דער איספּראַווניק אויך נישט געוואָלט. על כן האָט ער אים איבערגעגעבן אויף די הענט פון אַ זיכערן פאַסטוך, וועלכן ער האָט שטרענג אָנגעזאָגט, ער זאָל אויף אים גוט השגחה געבן און נישט אַרויסלאָזן פון אויג און פון דער בייטש...

וכן היה, אַזוי איז טאַקע געווען. דער פאַסטוך האָט דעם באָק אַריינגענומען אין זיין האַנט אַריין, אים געהאַלטן ביי זיך, און אין שטאָט איז מיטאַמאָל לייכטער געוואָרן צו לעבן. די מאַרקווייבער זיצן זיך פון דעמאָלט אָן, אָן מורא און פחד, לעבן זייערע מולטערס אויבס און קרייטעכער.

זיי מעגן אַפילו רויק כאַפּן אַ דרעמל. קיינער וועט זיי איצט נישט צונעמען זייער סחורה אומזיסט און אומנישט.

קינדער, וואָס גייען אין חדר, קאָנען אָן אַ באַהעלפער אַרומבלאָנקען פריי איבער די גאַסן, און זייערע מאַמעס ציטערן שוין נישט, טאָמער וועט זיי אָנבאַגעגענען דער בכור און וועט זיי דורס זיין.

אַפילו מעוברתע ווייבלעך שרעקן זיך מער נישט אַריינצוגיין אין דער קאַלטער שול, שבת, צום ערשטן מנין. זיי ווייסן, אז דער באָק איז שוין ביים פאַסטוך און די שול איז פאַר זיי אליין.

און נאָכמער: אַפילו אַבנר איז שוין אויך אויס אַפּיקורוס.

די שלעכטע רייד, וואָר ר׳ אַריה האָט אויף אים גערעדט, האָט מען שוין לאַנג פאַרגעסן. אַדרבה, מ׳וווּנדערט זיך איצט, ווי אַזוי האָט מען דאָס ביז אַהער קיין שכל נישט געהאַט צו פאַרשטיין, ווי גערעכט אַבנר איז דעמאָלט געווען. די גרעסטע שונאים פון פריער זענען איצט אַבנרן די בעסטע גוטע פריינט געוואָרן, און פרומע ווייבער, וואָס האָבן פריער אַלע בייזע חלומות אויסגעבייטלט צו אַבגרס קאָפּ, ווינטשן זיך איצט אַזעלכע קינדער און אייניקלעך צו האָבן, אַזעלכע געראָטענע, ווי אַבנר...

שפּעטער, ווען איך בין עלטער געוואָרן און געפרווּוט שוין זיין אין פאַרשידענע שטעט און שטעטלעך, האָב איך דעם אייגענעם באָק ווידער באַגעגנט דאָ און דאָרט, כאָטש שוין אין אנדער פעל, מיט אַן אַנדער באָרד, אָפט שוין אַפילו גאָר אָן אַ באָרד... וואָס קומט אָבער אַרויס? די הערנער זענען אומעטום און אַלעמאָל דיזעלבע...

אומעטום ליידט מען פון זיי, אומעטום שווייגט מען און מען

איז די יסורים פון זיי מקבל באהבה, ווייל אומעטום איז ער אַ בכור, קדשים און מען טאָר אים נישט אָנרירן מיט אַ פינגער.

* * *

דאַכט זיך, אַ נאַרישע מעשה מיט אַ באָק. נאָר, ווי געזאָגט, אַ נאַרישקייט געדענקט זיך, אפשר טאַקע נאָר דערפאַר, ווייל דווקא אַ נאַרישקייט חזרט זיך איבער אַזוי אָפט אין לעבן.

נאָר ווי דאָס איז, מיר ווערט צוליב דעם פאַרשטענדלעך דאָס, וואָס אַנדערע קאָנען עס נישט פאַרשטיין, און טאַקע די נאַרישקייט האָט מיר היינט געגעבן צו פאַרשטיין, וואָס פאַר אַ כוח עס ליגט אין דעם מין לחש: ד ע ר כ ב ו ד פ ו ן א ו נ ד ז ע ר א ר-מ י י, וואָס האָט אין פאַריז אַלעמען אַזוי נאַריש, אַזוי לעכער-לעך און אַזוי אומערלעך געמאַכט...

נישט גאַסנייונגען שרייען דאָס, נאָר דער אייגענער ר' אריה, דאַכט מיר, לויפט אַרום איבער פאַריז מיט זיין שטעקן אין האַנט, און נישט וועגן דעם כבוד פון אונדזער אַרמיי שרייט ער, נאָר מען הערט זיינע אַמאָליקע ווערטער:

— די הייליקייט פון אונדזער בכור זענט איר מחלל! ווער עס רעדט אויפן באָק אַ שלעכט וואָרט, דער גלויבט נישט אין משיחן און איז מעכב די גאולה!

אַכטאונצוואַנציק יאָר פייניקט און בלוטיקט זיך פראַנקרייך אויס-צוהאַלטן און צו האָדעווען איר בכור, איר באָק . . . אכטאונצוואַנציק יאָר טרייבט זיך דער אייגענער באָק אַרום פראַנק און פריי, טוט אַ פוס אין קאַלט וואַסער נישט אַריין, כאַפּט, ראַבעוועט פון די מולטער-לעך ביי די מאַרקווייבער, שעדיקט, מאַכט אָן צרות אומעטום, ווו דער רוח טראָגט אים אָן, טוט אָפּ מיאוסע מעשים, אַז ס'איז אַ חרפה אויס-צודערציילן, און קיינער, אויסער דער גלח מיט זיינע ציגן, האָבן פון אים נישט קיין הנאה און קיין נוצן.

און כאָטש אַלע זעען שוין זיין ווילדקייט, אַז אָט-אָט וועט ער די גאַנצע שטאָט איבערקערן, שרייט מען קאָך אַלץ:

— אבנר דער אפיקורוס! דו גלויבסט נישט אין משיחן! אַ פאַר-רעטער ביזטו און מען מעג דיך אינמיטן גאַס טויטן!

— הלוואי וואָלטן מיר אַזאַ באָק געהאַט מיט אכטאונצוואַנציק יאָר

צוריק — זאָגן די קליגערע — וואָלטן מיר געווען די שטאַרקסטע אין דער וועלט!

אומזיסט שרייען, געבעך, די פּאַריזער אבנרס, אַז נישט אַ באָק אַליין דאַרף אַ לאַנד, עס זאָל שטאַרק זיין, און אומזיסט דערמאָנט מען פראַנקרייך דעם פּסוק: ציון במשפט תפדה ושביה בצדקה. עס העלפט נישט קיין שרייען, קיין דערמאָנען.

— אָבער אבנר און זיינע לייט זענען אַפּיקורסים! — שרייט דער פּאַריזער ר' אַריה. — זיי גלייבן נישט אין משיחן און זיי ווילן נישט אונדזער שטאַרקייט!...

און חדר-יינגלעך, קונדייסים, לויפן זיי נאָך, וואַרפן בלאָטע אויף די אבנרס, און פרומע ווייבער בייטלען אויס אַלע בייזע חלומות צו זייער קאָפּ.

אַלטע בעלי-עבירהניקעס קויפן זיך היינט איין עולם הבא אין פּאַריז, דערמיט וואָס זיי פאַרגיסן הייסע טרערן איבער דער זינדיקייט פון דור, וואָס אין אים ווערן געבוירן אַ זעלכע אַפּיקורסים, ווי אבנר און זיינע לייט...

און אַז איך לייען די צייטונגען, וואָס ברענגען אַלע טאָג פריש ידיעות וועגן דעם, וואָס עס טוט זיך איצט אין פּאַריז, דערמאָן איך זיך אין דער מעלה פון יענעם קהלשן באָק און מיט קהלת צוגלייך זאָג איך: מה שהיה הוא שיהיה! שוין לאַנג אַלץ דאָ געוועזן!...

און די אַלטע באָבע מיינע, דאַכט מיר, שטייט ווי אַ לעבעדיקע פאַר מיינע אויגן און זאָגט מיט איר זיסן שמייכל:

— הערט איר, קינדער, די גאַנצע וועלט איז איין שטאָט און אַלע מענטשן האָבן איין שכל... קליינע קינדער — קליינע נאַראָנים. גרויסע מענטשן — גרויסע נאַראָנים!...

און טאַקע נאָר צוליב דעם גלויב איך, אַז אויך אין פראַנקרייך וועט קומען אַמאָל אַ איספּראַווניק און וועט נעמען איר הערנערדיקן באָק און אָפּגעבן אים צו אַ גוטן פּאַסטוך אין די הענט אַריין, און יענער וועט אים שוין לערנען דרך ארץ, אים נישט לאָזן מער ווילד זיין און אַנטאָן אַלעמען גרויס שאָדן.

און דעמאָלט וועט צוריק אַלעמען אַ ליכט אין די אויגן ווערן.

אבנר וועט צוריק ווערן אַ חשובער קלוגער ייד אין פּאַריז, גרויסע לייט וועלן זיך מיט אים באַרימען, און פרומע ווייבער וועלן זיך ווינטשן צו האָבן אַזעלכע קינדער און אייניקלעך, ווי ער.

וואָס קומט אָבער אַרויס? דערווייל הערשט נאָך דער גלח אין פּאַריז, און קלוג איז ער און שטאַרק איז ער, און טאַקע נאָר ער און זיינע לייט האַלטן פאַרן הערנערדיקן באָק שטאָל און אייזן.

און פאַר זיי איז אוודאי בעסער, אַז דער באָק זאָל קיין קלוגן פּאַסטוך נישט האָבן איבער זיך און ער זאָל טאַקע אָנמאַכן גרויסע צרות אין שטאָט.

צרות מאַכן דעם עולם פרימער, און אַז דער עולם איז פרום, לאָזן זיך די ציגן מעלקן אין גלות און זיינע לייט וועט קיין מילך און קיין קעז און פוטער שוין נישט פעלן!

זכרונות

צוויי מענטשן, צוויי יידן, מיין איך, האָבן, נישט ווילנדיק און נישט וויסנדיק, מיין ערשט באַוווסטזיניק לעבן אין מיר צעריסן, אין מיר אַ מלחמה אויפגעוועקט, פון וועלכער איך האָב אַ צייט געליטן און וועלכע האָבן מיר אויך אַ סך אומשולדיקע טרערן געקאָסט.

איך מיין יענע מלחמה, ווען דער קאָפּ איז זיך דערווידער מיט דעם האַרצן, און דער שכל קען נישט אייניק זיין מיט דעם געפיל.

דער שכל האָט זיך זיין קלאָרן קאַלטן חשבון, באַרעכנט, וואָס גוט, וואָס גלייך איז; דאָס געפיל אָבער וויל פון דעם נישט וויסן און פאַרלאַנגט אַ מאָל פונקט דעם היפוך.ביידע האָבן זייערע וויכטיקע טענות, ביידע ציען מיט אַ גלייכן כוח יעדער אין זיין זייט. דער מענטש שטייט אינמיטן, ווערט צעריסן פון ביידע, ביז עס קומט אַ הילף פון אַ זייט און ציט איבער אַהין אָדער אַהער. דעמאָלט פרייען מיר זיך מיט דעם שלום און באַגרייפן קוים, ווי אַזוי האָבן מיר עס פריער נישט פאַרשטאַנען ?!

איינער פון די צוויי מענטשן איז געווען אַן אָרעמער ייד, ר׳ מאיר יעקע דער תלמוד־תורה־מלמד. דער אַנדערער — קלמן מאַרינהאָף, אויך נישט קיין נגיד און אויך אַ מלמד.

ר׳ מאיר יעקע איז געווען אַ הויכער שטאַרקער ייד, ווען נישט אַזוי הויך און שטאַרק, ווי עוג מלך הבשן, אָבער נישט קלענער און נישט שוואַכער געוויס פאַר גלית הפלשתי.

דער חלוק צווישן גליתן און ר׳ מאיר יעקען, להבדיל, האָב איך דאַן געמיינט, זענען נאָר די פּאָר געוואַלדיק לאַנגע פיאות, וואָס ר׳ מאיר האָט זיי און גלית — נישט.

ווייניקסטנס, האָב איך אַזאַ גליתן אין מיין מאַמעס אַ טייטש־

חומש געזען אָפּגעמאָלט און האָב מיר גאָר קיין אַנדערן נישט געקענט פאָרשטעלן.

ר׳ מאיר יעקען האָב איך קיינמאָל נישט געזען — נישט זיצנדיק, נישט שטייענדיק און נישט גייענדיק, כאָטש איך פלעג אים אָפט באַגעגענען מיט ר׳ ברוך דעם שוחט און מיט ר׳ אריה דעם דין.

גיין אָבער פלעגן נאָר זיי, און ר׳ מאיר פלעגט שפרייזן, ווי נישט זיין כוח וואָלט איבּ טראָגן, און די פאָר לאַנגע ווילדע פיאות זיינע פלעגן שווימען, פון ווינט ארומגעפלאַטערט, ווי צוויי פלאַגן אויף א הויכן מאַסט, אין די פאָר לאַנגע ברייטע פאָלעס פון זיין כינעזישער זופּעצע, וועלכע פלעגן זיך אָנבלאָזן און אויסשפרייטן פון גאַנג, פלעגן אַנשטאָט צוויי זעגלען טראָגן ר׳ מאיר יעקען, ווי אַ שיף אויפן ים.

און קוים פלעג איך אים מיט זיין קאָמפּאַניע דערזען, פלעג איך שוין וויסן, אַז אין שטאָט טוט זיך עפּעס. עפּעס וואָס איז ערגעץ קאַליע געוואָרן, צי דער ערוב האָט זיך איבערגעריסן, צי מ׳ט דער מקווה האָט וואָס געטראָפן, אָדער אַנדערע אַזעלכע יידישע זאַכן, וואָס ברויכן אַ תקון אָדער אַ השגחה, ווי דאָס כשרע פליישׁ אין די יאַטקעס, אַ חשש חמץ ערגעץ אין אַ מצה־פּאָדראַד, — אומעטום וועלן זיי שוין מתקן זיין, אומעטום אַכטונג געבן, און איך מעג שוין זיין זיכער, יידן וועלן שוין צו אַ מכשל, חלילה, נישט קומען.

אפילו אין גרויסן בית המדרש, דאַוונענדיק, האָב איך קיינמאָל ר׳ מאיר יעקען נישט געזען, ווי אַבי וועמען, נאָר דער גאַנצער אומגעלומפּערטער גוף זיינער האָט זיך אומגעוואָרפן, אומגעשליידערט, ווי אַ בוים אין וואַלד ערגעץ פון אַ שטאַרקן שטורעמווינט.

און דאָס איז קיין דאַוונען נישט געווען, אַ שטייגער, ווערטער פון אַ סידור אַרויסגערעדט, נאָר אַ לאַנגער ווילדער ברום פון אַ צערייצטן לייב, וואָס האָט זיך אויף איין רגע נישט איבערגעריסן פון „מזמור שיר חנכת״ ביז „גאל ישראל״.

פון זיין געשריי: „ולגדולתו אין חקר״, האָב איך געמיינט, צייטערן נישט בלויז די פענסטער פון בית המדרש, נאָר עס ציטערן טאָקע אַלע זיבן הימלען, און דאָרט, אויבן, צווישן די מלאכים, מאַכט אַזאַ „ולגדולתו אין חקר״ דעם אייגענעם רושם, וואָס עס מאַכט אַ אָנגעפּולטע באָמבע, ווען זי פאַלט אַריין אין אַ מחנה חיל. זיין „קדוש, קדוש, קדוש״ איז געווען אַ סאַלוט פון הונדערט האַרמאַטן מיטאַמאָל.

אזא קול האָט מאיר יעקע געהאַט און מיט אַזא גבורה האָט ער געדאַוונט.

און נישט אומזיסט האָבן זיך פרומע ווייבער געבענטשט, מיט מער מזל נאר, אַזעלכע צדיקים קינדער צו האָבן, ווי ער, און נישט אומזיסט האָבן מיר, חדר-יינגלעך, אים געהאַלטן פאַר דעם גרעסטן צדיק אין דער וועלט.

מער צדיק אפילו פאַר אונדזער רב, וואָס איז געווען באַרימט פאַר א גרויסן גאון, כאָטש מיר האָבן געוווסט, אַז אין לומדות און חריפות איז דער רב גרעסער פאַר ר׳ יעקען, וואָרים ווען נישט, וואָלט דאָך ר׳ מאיר יעקע אַליין געקענט זיין א רב און וואָלט נישט דאַרפן לערנען מיט קליינע, אָפגעריסענע, באָרוועסע קינדער חומש מיט רש״י.

איך געדענק נישט פון ווענען האָב איך עס געהערט אַמאָל, נאָר איך האָב גע וסט, אַז ר׳ מאיר יעקע וויל זיין א קרבן עולה אָדער קרבן חטאת פאַר כלל - ישראל, און מיט שמחה וועט ער אַמאָל גיין אין פייער, אָדער אין וואַסער אַריין, אויסצולייזן מיט זיין טויט אַלע יידן פון א גזרה א שלעכטע, אָדער אַזוי צו שטילן גאָטס צאָרן אויף יידן.

און האָב איך מיר נאר געוואָלט פאָרשטעלן עפעס אַן אמתע הייליקייט, איז מיר אַלץ ר׳ מאיר פאַר מיינע אויגן געשטאַנען. אפילו משיחן אין משיחס צייטן האָב איך מיר אָן מאיר יעקען נישט געקענט פאָרשטעלן.

אָט, דאַכט מיר, קומט שוין משיח, יידן גרייטן זיך צו, אים מקבל פנים צו זיין, נאָר איידער איך דערזע משיחן אַליין, זע איך שוין די ר׳ מאיר שפרייזט מיט די צעפלויגענע פיאות, מיט די אויפגעבלאָזענע פאָלעס פון זיין זופעצע, און ערשט הינטער אים זע איך משיחן אַליין און א גאַנץ רעדל זקנים און שיינע יידן.

אָט דאַכט מיר גיט משיח א בלאָז מיטן גרויסן שופר, עס הויבט זיך אָן די גרויסע מלחמה מיט גוג און מגוגן, ר׳ מאיר גיט זיך אַ א הייב, א שפרייז און עס פאַלן אונטער זיינע פיס חילות גאַנצע, ווי סנאָפּעס אויפן פעלד; ער הייבט אויף זיין רעכטע האַנט און גיט א געשריי: „ימינך ה׳ נאדרי בכח!" און עס פאַלן ביים שונא די ציינער אַרויס פאַר שרעק.

שפעטער דאַכט מיר, זע איך שוין ר׳ מאיר יעקען אין גן עדן, אין רעכטן מזרח, אויבנאָן.

ער טאַנצט, ער זינגט מיט אַזאַ גבורה, מיט אַזאַ התלהבות, אַז ס׳דאכט זיך, דער גאנצער גן־עדן טאַנצט מיט און זינגט מיט מיט אים, פונקט ווי שמחת תורה צו הקפות — די גאַנצע שול, און פונקט ווי אין שול, שטייט דער רב מיט אַלע זקנים, קוקן אויף מאיר יעקען מיט פרייד און פּאַטשן צו מיט די הענט:

— שישו ושמחו!

עס שטייען דאָרט די הייליקע אבות אברהם, יצחק און יעקב מיט צדיקים און פּאַטשן מיט די הענט פון שמחה.

ר׳ מאיר יעקע טאַנצט, עס טאַנצן די פּיאות זיינע אינדערהויך, די פּאָלעס זיינע אינדערבינדער, ער טאַנצט און זינגט. עס טאַנצט דער גאַנצער גן־עדן מיט. אפילו ירמיהו הנביא, וואָס קלאָגט און וויינט אויפן פּאָרטרעט, וואָס הענגט ביי אונדז אויפן וואַנד, גיט אויך אַ שמייכל און פּאַטשט אויך כלומרשט צו, און דער גאַנצער עולם איז לוסטיק, לעבעדיק.

אין חדר פלעגן מיינע חברים אָפט רעדן פון מאיר יעקען און יעדעס מאָל דערציילן פון זיין פרומקייט, זיך באַרימען, אַז זיי האָבן אים ליב ווי דאָס לעבן, און עס איז טאַקע אַ מצווה אים ליב צו האָבן, וואָרים צוליב זיין זכות לעבן מיר אפשר אַלע.

צוליב זיין דאַווענען מיט אַזאַ כוח, מיט אַזאַ גבורה, קערט גאָט די וועלט נישט איבער, ווי סדום און עמורה פאַר אירע שווערע זינד.

דערפאַר איז ער ווערט, מען זאָל אים זיינע טריט קושן! און מיר האָט זיך אויך געוואָלט אַזוי פרום זיין, ווי מיינע חברים און מאיר יעקען אויך ליב האָבן, ווי זיי.

נאָר יעדעס מאָל, ווען איך האָב געטראַכט פון ליבשאַפט צו אים, פון קושן זיינע טריט, ווי די חברים מיינע האָבן געזאָגט, פלעג איך אַ ציטער טאָן און דאָס האַרץ האָט עפּעס אין מיר געציטערט.

און איינמאָל ער איז צו אונדז אַריינגעקומען נאָך אַ נדבה, מסתמא, און האָט מיר געוואָלט מיט זיין גרויסער האַנט אַ גלעט טאָן, האָב איך זיך געריסן פון אים און פון שטוב אַרויסגעלאָפן און צוריק אַריינגע־גאַנגען, ווען איך האָב אים געזען אַוועקגייענדיק.

די מאַמע האָט זיך אָנגעבייזערט אויף מיר, געזאָגט, אַז זי האָט עס פון מיר גאָרנישט גערעכנט, איך זאָל פון אַזאַ פרומען ייִדן נישט לאָזן זיך אַ גלעט טאָן.

— פאַרוואָס? האָט ער דיר ווען שלעכטס געטאָן? — האָט זי געפרעגט.

איך בין געשטאַנען און געשוויגן, זיך געפילט זינדיק, דאָס האַרץ האָט עפּעס ווי געקלאַפּט אין מיר. איך אַליין האָב נישט געוווּסט וואָס מיט מיר איז געשען. פון דעמאָלט אָן האָב איך אָנגעהייבן מורא צו האָבן פאַר מאיר יעקען, מורא האָבן, טאָמער גיט ער מיר א קוש, און פון דעם געדאַנק, טאָמער הייסט ער מיר אים צוריק אַ קוש געבן, האָב איך אַלעמאָל אַ ציטער געטאָן. פאַרוואָס? - האָב איך אים אפשר נישט ליב? איז ער אפשר נישט ווערט פאַר אַזאַ דאַוונען, פאַר אַזאַ פרומקייט, איך זאָל אים ליב האָבן?

דיזאזיקע שאלות האָבן זיך אַלעמאָל מיר געשטעלט, ווען איך בין נאָר נאָענט געווען פון ר׳ מאיר יעקען. קיין קלאָרע תשובה האָב איך אָבער נישט געהאַט, און קיים האָט זיך מיר אויסגעדאַכט, אַז ער וויל רעדן מיט מיר, אויך אַ גלעט טאָן, בין איך באַלד מיט אַנגסט אַנטלאָפן געוואָרן.

פּונקט דער היפּוך האָט מיר געטראָפן מיט דעם אַנדער יידן, מיט קלמן מאַרינהאָף.

קלמן מאַרינהאָף — אַזוי האָבן אים נאָר זיינע תלמידים דייטשלעך גערופן.

אין שטאָט האָט ער קיין אַנדערן נאָמען נישט געהאַט, ווי קלמן דער אפּיקורוס. וואָס דאָס איז אַזוינס אַפּיקורוס, האָב איך נאָך נישט געוווּסט.

נאָר פון די חברים האָב איך געהערט, אַז דער קלמן איז אַזאַ מין פאַרשאָלטענער ייד, וואָס האָט פאַרקויפט זיין נשמה צום שטן, און איצט האָט ער קיין אַנדער אַרבעט נישט, ווי נאָר צו טאָן טאָג און נאַכט אַלערליי עבירות, כדי צו דערצאָרענען גאָט, אַז משיח זאָל נישט קענען קומען אויסצולייזן די יידן פון גלות.

און איך געדענק, ווי עס פלעגן אים נאָכלויפן חדר-ייִנגלעך און נאָכשרייען אים די אותיות פון דייטשישן A. B. C. און מיט אַ באַזונדערן ניגון זינגען: „קאַ, על, עם, ען, אַ, פע, ער, עס!...״ און ער פלעגט זיך גיין זיין וועגס, צושמייכלענדיק, אַזוי ווי דאָס וואָלט אים נאָך אַ הנאה טאָן.

און אַזאַ שיינער איז ער געווען, אַזעלכע שיינע לאַנגע געקרייזל-

טע האָר האָט ער געהאַט אַרום און אַרום, אַז עס האָט זיך אַ ברעקל פּיאה אפילו נישט אָנגעזען.

אַזוי שיין און ריין איז ער שטענדיק אָנגעטאָן געווען, כאָטש נישט קורץ, ווי די דייטשן גייען, נאָר עפּעס גלאַט אַזוי פיין, אַ פאַר-געניגן געווען צו זען אים — און אַזוי שיין פלעגט ער מקבל שבת זיין פרייטיק צו נאַכט אין דעם דייטשן מנין, וואָס איז געווען אין דעם אַנדערן הויז פון מיין היים, וואו איך פלעג אַלע שבת דאַווענען.

און ווי פיין פלעגט ער לייענען אין דער תורה, און דעם ניגון זיינעם פון מפטיר איז אַ מחיה געווען צו הערן.

איך האָב געוווסט, אַז אין דעם מנין דאַווענען נאָר דייטשן, פון שבת צו שבת, אַז אַלע, וואָס דאַווענען דאָ—זענען נישט קיין פרומע, נאָר ערגער פאַר אַלעמען איז קלמן.

איך וואָלט דאָ נישט געדאַוונט, ווען מיין טאַטע וואָלט געווען אַ היימישער. נאָר אָן דעם טאַטן האָט די מאַמע מיך נישט געלאָזן גיין אין גרויסן בית המדרש, און פלעגט זאָגן:

— שבת מעגסטו געוויס דאָ דאַווענען. לפחות, וועסטו דאָ נישט קענען שטיפן, ווי אין בית המדרש.

א חבר מיינער האָט מיר אַמאָל געזאָגט, אַז אונטער קלמן דעם אפיקורוס איז אַלעמאָל אָפן דער גיהנם, און איך פלעג מורא האָבן צום עמוד צוצוגיין, איך זאָל צוליב אים אין גיהנם נישט אַריינפאַלן.

פונדעסטוועגן פלעג איך קוקן אויף אים און מיט פאַרגעניגן הערן זיין דאַווענען, זיין זאָגן מפטיר, און מיר פלעגט שטאַרק פאַר-דריסן, פאַרוואָס ער האָט זיין נשמה פאַרקויפט צום שטן...

וואָס לערנט ער מיט זיינע תלמידים? — האָב איך אַמאָל מיי-נעם א חבר געפרעגט, וואָס האָט אים בעת מעשה געשאָלטן.

דערדאָזיקער חבר איז מיט דריי יאָר עלטער געווען פאַר מיר, און האָט שוין לאַנג געלערנט גמרא, בעת איך האָב ערשט מיט אַ פאָר וואָכן צוריק אָנגעהייבן רש״י.

דעם חבר האָב איך אַלץ געגלויבט.

איך האָב געמיינט, אַז ער ווייסט אַלץ. נישט אומזיסט לערנט ער שוין גמרא און איז נאָך דעם רבס אַן אייניקל.

— תלמידים, זאָגסטו? — האָט זיך דער חבר אויף מיר אָנגעבייזערט. — מען טאָר זיי נישט אָנרופן מיט אַזא הייליקן נאָמען! זיי טראָגן די פּיאות פאַרלייגט הינטער די אויערן, דערמיט פאַרקרימען זיי

די מצוות, גייען מיט קורצע רעקלעך, אזוי ווי די דייטשע שקצים׳ רעדן דייטש, און אפילו חומש לערנט זייער רבי דער אפיקורוס מיט זיי אויף דייטש! פאַרשטייסט?

— וואָס זענען זיי שולדיק, — האָב איך געפרעגט, — אַז זייער רבי לערנט מיט זיי אזוי?

— מאַלע וואָס ער לערנט! — האָט זיך מיין חבר אָפּגערופן. — זיי דאַרפן אים נישט פאָלגן!

אָבער זייערע טאַטעס הייסן זיי דאָך זיי ביי אים לערנען! — האָב איך נאָך אַלץ זיי פאַרענטפערט.

— ווען דאַרף מען גיכער פאָלגן, — האָט מיין חבר מיך פלוצלונג אַ פרעג געטאָן, — אַ טאַטן אָדער גאָט?

איך האָב נישט געוווּסט וואָס צו ענטפערן, נישט ווייל איך האָב נישט געוווּסט, אַז גאָט דאַרף מען פריער פאָלגן פאַר אַ טאַטן, נאָר ווייל מיר איז שווער געווען מודה צו זיין, אַז די יינגלעך, אַזעלכע שיינע און פיינע יינגלעך, האָבן שוין אַ גרויסע עבירה, וואָס זיי לערנען ביי אַזאַ רבין.

— זאָלסט עס געדענקען, — האָט דער חבר זיך ווידער גע־ווענדט צו מיר, ווי אַן עלטערער גוטער פריינט, — אַז גאָט דאַרף מען אַלץ און אַלעמאָל פאָלגן, מער פון אַ טאַטן, מער פון אַ רבין אפילו, און אַז אַ טאַטע און אַ רבי אפילו הייסן אָפּקערן פון גאָטס וועג און טאָן אַן עבירה, טאָר מען זיי נישט פאָלגן, און מ׳האָט נאָך אַ מצווה, וואָס מ׳פאָלגט זיי נישט! גאָט אָבער מוז מען אַלץ, אַלץ פאָלגן! איך וואָלט אים פאָלגן, אַז ער זאָל מיר נאָר הייסן אפילו אויפן שפיץ דאַך פון דער שול אַרויפקריכן און זיך אַראָפּוואַרפן.

— וואָלסטו דאָך געהרגעט ווערן, — האָב איך אים באַמערקט.

— אפילו געהרגעט ווערן! — האָט דער חבר געענטפערט. — אַז גאָט אַליין וואָלט עס הייסן, וואָלט ער מיך באַלד לעבעדיק מאַכן, פאַרשטייסט?

— און איך, — האָט זיך נאָך אַ חדר־יינגל אָפּגערופן, שניידנ־דיק מיט אַ שטיינדל אַ שטיקעלע גלאָז, — און איך, דו זעעסט אָט דאָס שטיקל גלאָז, וואָלט איך עס אַראָפּשלינגען, אַז גאָט אַליין זאָל מיר נאָר הייסן!

— פערד! — האָט מיין חבר אויף אים אַ געשריי געטאָן. —

צו וואָס זאָל דיר גאָט הייסן אַזאַ נאַרישקייט? נאַ דיר, גאָר אַ שטיק שפּיציק גלאָז אַראָפּשלינגען!

— צו וואָס זאָל דיר גאָט הייסן פון שפּיץ שול־דאַך זיך אַראָפּוואַרפן? — האָב איך געפרעגט.

— פון אַ נסיון וועגן! ווי ער האָט געהייסן שעכטן יצחקן, צו פּרווון אברהמען, צי ער וועט אים פאָלגן! — האָט מיין חבר דערקלערט.

איך האָב נאָך אַלץ נישט פאַרשטאַנען, מיט וואָס איז זיך אַראָפּוואַרפן פון שול־דאַך מער נסיון ווי איינשלינגען אַ שטיק שפּיציק גלאָז, כאָטש דאָס לעצטע האָט מיר אויסגעוויזן אַ סך שווערער.

נאָר מיין חבר האָט פיינט געהאַט, מ׳זאָל אים אַ סך מאָל איבערפרעגן און האָט אונדז אָנגעהייבן דערציילן אַ מעשה פון די למד־וואָניקעס, און דער סוף איז געווען, אַז ער ווייסט זיכער, אַז ר׳ מאיר יעקע איז איך איינער פון זיי. אויף זיין זכות האַלט זיך די גאַנצע וועלט, און אַז ער זאָל נאָר וועלן, יואַלט משיח שוין קומען.

טאָ פאַרוואָס וויל ער נישט? — האָב איך אים, אַלץ גלויבנדיק, געפרעגט.

— ער וויל נישט בלויז צוליב קלמנקע אפּיקורוס, — האָט מיין חבר זיכער געזאָגט.—פאַרוואָס זאָל טאַקע אַזאַ רשע דערלעבן משיחן? אדרבה, לאָמיר זיין פרום, בעטן גאָט, אַז קלמן זאָל פּגרן, וועט שוין ר׳ מאיר יעקע קיין תירוץ נישט האָבן, און ער וועט טאַקע באַלד אַראָפּברענגען משיחן!

משיח זאָל קומען! איך האָב שטאַרק געהאָפט און נאָך שטאַרקער געוואָלט, ער זאָל וואָס גיכער קומען. און איך האָב אַ וויכטיקע סיבה געהאַט, וואָס מיר האָט זיך אַזוי שטאַרק געוואָלט.

ערשט פאַראיאָרן איז מיינס אַ ברודערל געשטאָרבן, אַ שיין קינד, וואָס איך האָב זייער ליב געהאַט.

מיין גאַנצע טרייסט, נאָך זיין טויט, איז געווען: משיח וועט קומען, וועט זיין תחית המתים, וועט מיין ליב ברודערל לעבעדיק ווערן.

דעריבער האָב איך טאַקע זייער געוואָלט בעטן גאָט, אַז קלמן זאָל וואָס גיכער שטאַרבן און זאָל שוין משיח קומען. מיין ברודערל וועט צוריק לעבעדיק ווערן און די מאַמע וועט אויפהערן צו וויינען שטילערהייט, ווען זי דערמאָנט זיך אָן אים.

אָבער עפּעס האָב איך נישט געקענט בעטן אַ טויט אויף קלמנען. און אַז איך פלעג אים זען, פלעגט מיין האַרץ אים, קענן מיין ווילן, ווינטשן לאַנג לעבן, כאָטש איבער אים קומט משיח נישט און מיין ברודערל מוז, נעבעך, נאָך ליגן אין קבר.

און נישט נאָר מיר, קליינע חדר-יינגלעך, האָבן קלמנען שולדיק געמאַכט, וואָס משיח קען נישט קומען, נאָר די גרויסע יידן און יידע־נעס האָבן אים נאָך אין ערגערע זאַכן באַשולדיקט.

און איך געדענק, ווי איינמאָל, מ'האָט נאָר וואָס אָפּגעדאַוונט, דער עולם האָט נאָך אפילו טלית און תפלין נישט אויסגעטאָן, האָט זיך פּלוצלונג אַריינגעריסן אין בית-המדרש אַן עלטערע יידענע, מיט רויט אָנגעוויינטע אויגן, איז צו גלייך צום ארון-הקודש, אַ ריס געטאָן דעם פּרוכת, געעפענט ביידע טירלעך, אַריינגעשטעקט איר קאָפּ, זיך מיט ביידע הענט אַרומגעכאַפּט אַרום די רייניקייטן, און מיט אַ שרעק־לעך געוויין אָנגעהייבן טענהן:

— הייליקע, ליכטיקע ספרי תורות! ווי שטייט עס אין אייך גע־שריבן, אַז איבער די זינד פון דעם כופר, קלמנקע דעם אַפּיקורוס, זאָל מיין אומשולדיק קינד מיר אָפּגענומען ווערן פאַר דער צייט?! אַזאַ פרום קינד, אַזאַ יונג ביימעלע, אויסגעהאָדעוועט מיט גרויס מי און פיין, מיט מזל חתונה געמאַכט, אַ קינפּעטאָרין, אַ ערשטלינג, נעבעך, און דאַרף זיך שוין געזעגענען מיט דער ליכטיקער וועלט, מיט איר טייערן מאַן, דעם מופלג, מיט איר ערשט קינד, וואָס זי האָט ערשט מיט דריי טעג צוריק געבוירן, און גיין אין פינסטערן קבר, נעבעך... פאַר־וואָס? פאַר וועמענס זינד? פאַר קלמנקען, זאָל ער קיין גוטס נישט האָבן, פאַר זיינע עבירות! אוי, תורות הייליקע, אוי, ספרים ריינע, זעט, וואָס עס טוט זיך איבער אים ביי אונדז אין שטאָט! עס פאַלן אומשולדיקע עופהלעך, נעבעך, אין די וויגעלעך, עס שטאַרבן קינפּע־טאָרינס אין די בעטן, אויסגעריסן, אויסגעבראָכן ווערן שיינע צווייגעלעך און יונגע ביימעלעך! עס ווערן קינדער אָפּגענומען פון עלטערן און יונגע מאַמעס פון זייערע קינדערלעך!... שווייגט נישט, הייליקע תורות, פליט אַרויף צו גאָט, בעט אים, ער זאָל שוין איינשטילן זיין גרימ־צאָרן, צערייסן דעם ביטערן גזר-דין פון מיין קינד, מיר, פינסטערער מאַמען, מיין קינד אָפּגעבן, דער יונגער קינפּעטאָרין איר רפואה צושיקן, און זאָל ער טאַקע באַווייזן זיין דין, זיין משפט אויף דער וועלט און זאָל ער זיין שטראָף שיקן אויף דעם שולדיקן, אויף קלמנקען, דער־

ערשטער דונער זיינער זאָל אים טרעפן, און די, וואָס גייען אין דיינע וועגן, זאָלן מער פון קיין קרענק און פון קיין צער נישט וויסן!

די, וואָס האָבן אירע טענות געהערט, האָבן געוויינט. אויך מיינע אויגן זענען פול געוואָרן מיט טרערן, דאָס הארץ האָט געקלעמט און מיר האָט זיך געדאַכט, אַז איך ווער דערשטיקט פון אַנגסט.

אין בית-המדרש איז אַ רעש געוואָרן.

— ביז וואַנען וועט מען עס באמת ליידן פון אים? — האָט איינער געשריען. — ווען האָבן מיר פון אַזעלכע גזירות געהערט, פון אַזעלכע קלאָגן געוווּסט! זינט דאָס שוואַרציאָר האָט דעם אַפּיקורוס גע-בראַכט צו אונדז, איז וואָס אַ טאָג, אַ נייע גזירה, וואָס אַ שעה, אַ נייע קלאָג!

— עס איז אַ מצווה אים ווי אַ הערינג צערייסן!—האָט געשריען אַ הויכער ייד, מיט אַ גרויסן תפלין של ראש אויפן שטערן. — אין אַן אנדער שטאָט וואָלט אַזאַ מענטש שוין לאַנג אַ כפרה געוואָרן פאַר כלל ישראל, נאָר דאָ זענען דען אויך דאָ מענטשן? וועט ווער אַ פינגער אויפהייבן אויף אים?

— אדרבה, — האָט זיך נאָך איינער אָפּגערופן, — אַז איר זענט יאָ אַזאַ מענטש, טאָ גייט טאָקע, מאַכט פון אים, וואָס איר קאָנט און זאָל ער טאַקע ווערן די כפרה פאַר אונדז אַלעמען!

— איך? וואָס עפּעס איך? איר מיינט אפשר, איך האָב מורא פאַר אים? — האָט דער ייד מיטן גרויסן של-ראש געשריען.—מיט איין ריר וואָלט איך פון אים אַ באַרג אַש געמאַכט. נאָר פאַר זיינע באַלע-באַטים, די גבירים, וואָס גיבן אים זייערע קינדער אין חדר, האָב איך מורא... איך לעב פון זיי, און מיין פרנסה איז קלמנקעס טריפה-נער מזל, פאַרשטייט איר?

די איבעריקע האָבן אויך דאָס אייגענע געטענהט.

און באמת, ווער וויל זיך טשעפּען מיט גבירים, וואָס האַלטן שטאָל און אייזן פאַר אַזאַ אפיקורוס?

— גאָר שווייגן דאַרף מען אויך נישט,—האָט איינער געזאָגט, — און ווייסט איר וואָס? מען מוז בעטן מאיר יעקען, וואָס האָט פאַר קיין גיבור קיין מורא נישט, אַז ס'איז נאָר שייך צום כלל. זאָל ער נעמען די מצווה אויף זיך, און טאָקע נאָך היינט ביינאַכט מאַכן אַ באַרג אַש פון דעם אַפּיקורוס!

די עצה איז אַלעמען געפעלן. אַז ר' מאיר יעקע קען פון אַזאַ

קלמן, וואָס איז קוים אַ העלפט פון אים — מאַכן אַ באַרג אַש, איז ביי מיר קיין ספק נישט געווען.

פון איין רעכטן קלאַפּ, האָב איך מיר פאָרגעשטעלט, וועלן זיך קלמנס אַלע ביינער צעשיטן, און אַז ער וועט עס טאָן, איז מיר אַוודאי קיין שאלה נישט.

ר׳ מאיר יעקב וויל שוין לאַנג זיין אַ קרבן פאַר כלל ישראל, פאַרוואָס זאָל ער באמת לאָזן שטאַרבן אַזאַ יונג ווייבל, נעבעך, וואָס איר מאַמע האָט אַזוי געקלאָגט? פאַרוואָס זאָל ער נישט מציל זיין קליינע עופהלעך, וואָס פאַלן, נעבעך, ווי פליגן אין די וויגעלעך?

אַרויסגייענדיק פון בית המדרש, האָב איך געפילט, אַז ס׳טוט מיר עפּעס אַזוי חיי דאָס האַרץ. עס האָט רחמנות אויף דער ווינענדיקער יידענע, אויף איר טאָכטער, וואָס מאַטערט זיך, נעבעך, און שטאַרבט שוין אפשר די מינוט.

איך גיב דער יידענע גערעכט, איך גיב דעם גאַנצן עולם גערעכט, פאַרוואָס זאָלן טאַקע אומשולדיקע קינדער שטאַרבן?

פאַרוואָס זאָל טאַקע אַ פרום ווייבעלע, נעבעך, ערשט פון קינפּעט אַוועק פון דער ליכטיקער וועלט אַהין אין דעם פינסטערן קבר, בעת ער, קלמנקע, דער, וואָס איז שולדיק, גייט זיך אַזוי פריילעך אין די גאַסן, מיט זיין טייערן שטעקן, מיט די געגלאַנצטע שטיוול?

איך ווער אַליין אין כעס אויף אים און וואָלט אים, דאַכט זיך, ווי אַ הערינג צעריסן.

נאָר אָט שטעלט זיך מיר פאָר, ווי מאיר יעקב קומט אַריין צו אים, און גיט קלמנען אַ וואָרף אויף דער ערד. יענער וויל זיך מציל זיין, הייבט ער אָן צו בעטן, נאָר מאיר יעקב הערט נישט און שרייט:

— רשע, אַפּיקורוס!

און עס צעשיטן זיך קלמנס ביינער.

איך גיב אַ ציטער פון דעם געדאַנק, און דאָס האַרץ טוט מיר נאָכמער חיי, ווי פריער.

— אָבער פאַרוואָס טוט אַזוי גאָט? — פרעג איך פּלוצלונג. — פאַרוואָס לאָזט ער קלמנען טאָן עבירות, אים צו דערצאָרנען, און ער לאָזט אויס זיין כעס אויף אומשולדיקע עופהלעך און יונגע קינפּעטאָרינס? פאַרוואָס קען ער אַליין נישט שטראָפן קלמנען? האָט ער דען אויך מורא פאַר די גבירים? ניין, ער קען, נאָר ער וויל נישט. בעסער אומשולדיקע שטראָפן, אַ סך, אַ סך, איידער איין אַפּיקורוס!...

און איך פיל, ווי אין כעס איך חער אויף גאָט. איך פיל, אַז איך האָב מאיר יעקען איצט פיינט, נאָר אויף גאָט בין איך נאָכמער אין כעס.

— רשע, רשע, — הער איך, — ווי דער יצר טוב שרייט אין מיר,—אויף גאָט ביזטו אין כעס!? אַזאַ פרומער ביזטו? הערסט צו דעם יצר הרע און האָסט רחמנות אויף קלמנען? אויף דעם אפּיקורוס?..

און איך שטאַרק זיך און חיל אים פיינט האָבן, און איך בעט גאָט, ער זאָל מיר מוחל זיין.

איך חער רויק. נאָר פאַרוואָס טוט מיר פאָרט ווי דאָס האַרץ? וואָס איז דאָס שייך צום האַרצן? פאַרוואָס בין איך אומעטיק, און ס'ווילט זיך מיר נישט עסן אַ גאַנצן טאָג?

און ווי בעט איך גאָט, איך זאָל קענען פרום זיין, ווי אַלע מיינע חברים, וואָס קענען היינט אויך לויפן און שטיפן, לאַכן און זינגען, ווי אַלע טאָג, גלייך ווי ס'וואָלט גאָר קיין קראַנקע קינפעטאָרין נישט געווען, און מאיר יעקע וואָלט נאָך היינט נישט דאַרפן מאַכן אַ באַרג אַש פון קלמנען!...

אויך די טרייע מאַמע האָט באַמערקט, אַז איך בין היינט עפּעס נישט ביי מיין מוט.

זי האָט מיך געפרעגט, צי טוט מיר נישט וואָס ווי? געטאַפּט דעם שטערן, צי האָב איך נישט וואַרעמקייט? געפרעגט: צי ברעכן מיר נישט די גלידער, צי פיל איך נישט אַ קעלט אין די ביינער?

אויך די צונג האָב איך איר געמוזט ווייזן, און אַז זי האָט קיין אַנדער סיבה נישט געפונען, פון וואָס איך בין אַזוי אומעטיק און עס באַרגיש, האָט זי געזאָגט:

— סיידן דער רבי האָט דיך געשמיסן, אָדער געשלאָגן!

איך האָב געזוכט עפּעס אַ געלעגנהייט, כדי צו קענען וויינען. די לעצטע ווערטער דער מאַמעס האָבן מיר געגעבן אַזאַ געלעגנהייט.

איך האָב אָנגעהייבן צו חיינען, און וואָס די מאַמע האָט זיך נישט געבעטן, איך זאָל כאָטש עפּעס עסן, און זי וועט מאָרגן דעם רבין מי יודע וואָס טאָן, האָב איך נאָר געשוווירן, אַז נישט דער רבי, נישט די חברים האָבן מיר גאַרנישט געטאָן, אָבער עסן האָב איך נישט געקענט און האָב זיך געלייגט שלאָפן אָן חעטשערע.

אַ גאַנצע נאַכט נאָך אַזאַ טרויעריק צוגעבראַכטן טאָג האָב איך מאיר יעקען אין חלום געזען אין פאַרשידענע פּאָזעס, ווי איך פלעג

אים ווירקלעך אמאל זען, און ווי מיין פאנטאזיע פלעגט מיר אים אפט אויך פארשטעלן.

אט זע איך אים זיך טראגנדיק מיט ר׳ אריה דעם דין און מיט זיין גאנצער קאמפאניע צדיקים, און אט ליופט צו די יידענע, וואס האט אינדערפרי אין ארון הקודש אזוי געקלאגט, פאלט צו צו אים און שרייט:

— ר׳ מאיר יעקע, ראטעוועט מיין טאכטער! אזא יונג ביימעלע! נאר איר איינער קענט פון קלמנקע דעם אפיקורוס א בארג אש מאכן! גיכער גייט, נעמט נקמה פאר מיין קינד!

— קומט ר׳ מאיר יעקע!—שרייט צו אים דער ייד מיט דעם גרויסן תפלין של ראש—קומט, איך וועל אייך ווייזן, וואו דער אפיקורוס באהאלט זיך!

דער ייד גייט און ר׳ מאיר יעקע שפרייזט נאך.

אט איז די שול, אט דא, אט דא אין פאליש ליגט ער!—שרייט דער ייד.

רבי מאיר יעקע שפרייזט אריין, שלעפט ארויס קלמנען פאר זיי־נע געקרייזלטע האר, גיט א שפרינג אפ מיט אים.

אט איז ער שוין אויפן שפיץ דאך און גיט אים א שליידער אראפ. קלמן פאלט לעבן מיינע פיס, צעבלוטיקט, צעשלאגן.

איך וויל צוגיין צו אים, נאר אט איז שוין מאיר יעקע ווי־דער דא און קלמן בעט זיך מיט אזא רירנדיקן ניגון. דאכט זיך, מיט דעם ניגון פון מפטיר, ווי איך האב ערשט פאריקן שבת אים געהערט לייענענדיק אין דייטשן מנין.

עס צעגייט מיר דאס הארץ פון מתיקות און רחמנות.

נאר מאיר יעקע גיט א געשריי:

— ולגדולתו אין חקר!

עס גיט א קלאפ און א קלינג. איך זע, ווי די שויבן פון די שול־פענסטער פאלן ארויס און צעשיטן זיך אין שפליטער.

מאיר יעקע בויגט זיך איין, הייבט אויף א שטיק גלאז, א גרויס שטיק און דערלאנגט עס קלמנען.

— שלינג דאס איין, אפיקורוס!—גיט ער א ברום. — גאט האט דיר געהייסן!

— און אז גאט וועט אייך הייסן טאן אזא נארישקייט,— פרעגט

קלמן אַליין מיט דעם ניגון פון מפטיר, — וועט איר אים פאַלגן, ר׳ מאיר יעקע?

— אוודאי! — גיט ער אַ ברום, און עס הילכט אָפּ דער ברום פון אַלע זייטן און עס ברומט, דאַכט זיך, די גאַנצע וועלט אַרום מיר, עפּעס ווי אַ שטורעמווינט אַ שטאַרקער, און איך זע מיט שרעק, ווי מאיר יעקע כאַפּט אַ שפּיציק גלאָז, עפנט אַ שרעקלעך מויל, שלינגט איין, און באַלד נאָך אַ שטיק און נאָך אַ שטיק.

ער שלינגט און שלינגט, עס נעמט זיך גאַרנישט אויס. נישטאָ שוין קלמן, נאָר איך בין אַליין מיט אים. איך ציטער אַלייך פאַר שרעק, איך האָב מורא, טאָמער גיט ער מיר אַ שטיק גלאָז איינצו־שלינגען. און ווי איך גיב עס נאָר אַ טראַכט, ווייס ער שוין וואָס איך טראַכט...

— נו, יינגעלע, — גיט ער צו מיר אַ געשריי, — שלינג דו אויך איין אַ שטיק גלאָז, גאָט וויל דיך פּרוּוון צו דו וועסט אים פאַלגן!

איך הייב אָן לויפן, נאָר די פיס זענען מיר שווער, ווי קלע־צער. איך שריי, נאָר מיין קול איז פאַרשטיקט. אָט, אָט, כאַפּט ער מיך, ער האַלט מיך שוין, נאָר אין דער רגע דערפיל איך אַזאַ ווייכע וואַ־רעמע האַנט אויף מיין שטערן. איך עפן מיינע אויגן: די געטריי־מאַמע שטייט לעבן מיין בעטל, האַלט איר האַנט אויף מיין קאָפּ און פרעגט מיך: צי האָב איך זיך אויך דערשראָקן פון דעם שליידער, וואָס דער ווינט האָט געטאָן די לאָדן אין פענסטער און דריי שויבן אויסגעבראָכן?

— שולדיק איז דאָס דינסטמיידל,—דערציילט זי מיר,—וואָס זי האָט די לאָדן נישט גוט פאַרמאַכט, נאָר אַ כפרה דער הזיק פאַר דיר, מיין קינד! אָבער וואָס ציטערסטו אַזוי? עס איז אַ ווינט און עס וועט אוודאי באַלד רעגענען, עס דונערט שוין אפילו...

און נאָך איידער איך האָב צייט אַ וואָרט אויסצורעדן, ווערט דער גאַנצער חדר ליכטיק פון אַ בלענד־ווייסן בליץ און באַלד האָט אַ קלאַפּ געטאָן אַ דונער, וועלכער האָט אינמיטן ווי זיך אָפּגעריסן און אין טויזנט שטיקער זיך צעשאָטן.

— טו חסד, גאָט אין הימל! — הער איך דער מאַמען שטיל און פרום זאָגן. — חסד טו מיט אַלעמען, און באַשיץ מיין טייער קינד, מיין אומשולדיק קינד!

און דאָס וואַרפט אַרויף אויף מיר נאָך מער אימה. עס בליצט ווייטער און אַ לאַנגער דונער ציט זיך האַרב און בייז, אַמאָל העכער, אַמאָל שטילער.

די געטרייע מאַמע איז אַריבערגעבויגן איבער מיר, ווי מיך צו באַשיצן. איך טוליע זיך צו איר און ציטער ווי אין אַ קדחת.

איך האָב געוווּסט צוליב וועמען עס דונערט.

„קלמנצן האָט דער דונער געטראָפן" טראַכט איך מיט שרעק.

איך האָב אויך געזינדיקט, שטאַרק געזינדיקט, אויף גאָט אַליין שלעכטס געטראַכט, אָבער איך האָב שוין איצט חרטה. איך בעט אים מיר מוחל זיין, איך וויל נישט מער!

נאָר עס העלפט נישט אויף צו דונערן. גאָט איז נאָך אין כעס, און כאָטש איך ווייס, אַז מען קען זיך פון גאָט נישט באַהאַלטן, פונדעסטוועגן באַהאַלט איך זיך הינטער דער מאַמען און הער נישט אויף צו ציטערן.

— וואָס האָסטו אַזוי מורא, מיין קינד? — פרעגט די מאַמע, זיך וווּנדערנדיק, וואָס איך ציטער אַזוי.

— גאָט איז אין כעס! — רעד איך שטיל אַרויס.

— זאָל ציטערן יענער, וואָס דערצאָרנט אים! — טרייסט זי מיך. — זאָל יענער זיך שרעקן, וואָס טראָגט אַ שווערע זינד אויף זיין האַרצן. דו, מיין זון, ברויכסט נאָך נישט אַזוי ציטערן, אין גאָטס הענט זענען מיר אַלעמאָל, זיין שטראָף קען אונדז טרעפן, צי עס דונערט, צי נישט.

— זיי מיר מוחל, מאַמע טייערע! — האָב איך אַרויסגעשטאַמלט, כאָטש עפּעס גרינגער צו מאַכן מיין זינד, וואָס ליגט אַזוי שווער אויף מיין האַרצן איצט.

איך האָב איר געוואָלט אַלץ דערציילן, נאָר זי האָט אויף מיין ווידוי נישט געוואַרט און מיט אַ קוש געענטפערט:

מוחל, מוחל, מיין ליב קינד, זאָל מיר אַזוי גרינג זיין צייט מיין לעבן דיר אַלץ מוחל צו זיין, ווי גרינג מיר איז דיין נעכטיקן קאַפּריז דיר מוחל צו זיין! נאָר עפּעס האָט דאָך געמוזט זיין, וואָס דו ביזט אַזוי אומעטיק געוועזן, אַבי דו האָסט חרטה! און, זעסט, גאָט איז אונדז שוין אויך מוחל. עס לייטערט זיך אויס, און מאָרגן וועט אַ שיינער טאָג זיין!

די גוטע מאַמע האָט נאָך דריי מאָל אָפּגעלעקט מיין שטערן,

דריי מאָל אויסגעשפּיגט, געשעפּטשעט עפּעס פון אַ סגולה יעגן, מיר געהייסן שלאָפן און איז אַליין אויף צוריק אין איר בעט אריין.

אויף מאָרגן האָב איך אין חדר געהערט, אַז דער נעכטיקער גרויסער דונער האָט צעבראָכן די פליגלען פון ווינטמיל און אַז ביי דעם מילנער איז אַ טייער פערד דערהרגעט געוואָרן.

— און קלמן? — האָב איך געפרעגט.

— דעם אפיקורוס מיינסטו? — האָט מיין חבר איבערגעפרעגט.

— יאָ, ער לעבט?

— ער וווינט דען ביים מילנער? פאַרוואָס זאָל ער נישט לעבן?

— אָבי איך האָב געמיינט, אַז דער דונער האָט אים איינגע-שלאָגן... — האָב איך בתמימות געזאָגט צו מיין חבר...

— הלוואי אמן! — האָט דער חבר געזאָגט. — אָבער אַזאַ רשע האָט גאָר קיין מורא נישט. איך האָב אים היינט געזען, ער איז געגאַנגען פון באָדן זיך. ער איז געזונט ווי עשו.

אָבי ער לעבט, האָב איך זיך געטרייסט, אָבי דער דונער האָט אים נישט איינגעשלאָגן, און מאיר יעקע האָט אים נישט געהרגעט! דערמאַנענדיק זיך אָן מאיר יעקען, דערמאָן איך מיין חלום, און מאיר יעקע שטעלט זיך מיר פאָר, ווי אַ ווילדער גזלן, ווי אַ ווילדע חיה רעה, וואָס שלינגט גלאָז. איך גיב אַ ציטער און פיל, אַז איצט האָב איך אים פיינט, און, פאַרקערט, קלמן איז מיר ליב. איך זע אים, ווי ער איז צעשלאָגן, פאַרוואונדעט. עפּעס פּילט מיין האַרץ אַזאַ מין רחמנות אויף אים. אַז איך וואָלט אים איצט זען, דאַכט מיר, וואָלט איך אים זאָגן, ער זאָל זיך היטן פון מאיר יעקען. נאָר אָט דערמאָן איך זיך דעם נעכטיקן דונער און ווידער שרייט עס אין מיר: פאָלג נישט דעם יצר הרע, וואָס רעדט דיך אָן מאיר יעקע דעם צדיק פיינט צו האָבן און קלמן דעם אפיקורוס, דעם רשע, ליב צו האָבן! מיינסט, אַז ס'דו-נערט איצט נישט, דאַרף מען שוין פאַר גאָט קיין מורא נישט האָבן? אַלעמאָל זענען מיר ביי אים אין האַנט, צי עס דונערט, צי נישט. אַלעמאָל קען אונדז זיין שטראָף טרעפן, האָט די מאַמע געזאָגט, און איך האָב שוין ווידער חרטה, נאָר וואָס טו איך מיט מיין האַרצן, וואָס באַגט, האָט רחמנות, וואָס קאָן פאָרט נישט ליידן אָט דעם ווילדן מאיר יעקען, וואָס שלינגט גלאָז, ווי אַ חיה רעה?

דער רבי רופט אונדז אַריין לערנען. בעת איך לערן, פאַרגעס איך אויף אַ ווײַלע מיינע מחשבות.

אַ פּאָר שעה, נאָך פּאַר מנחה, האָט דער רבי אונדז געזאָגט, אַז אין דער גרויסער שול זאָגט הײנט דער קעלמער מגיד, און עס איז אַ יושר צו גײן אים הערן.

— װער עס װיל, זאָל אַהײם גײן, און װער עס װיל, זאָל גײן מיט מיר הערן דעם מגיד.

איך בין מיטן רבין אַװעק אין שול. די שול איז שױן לאַנג פּאַק און פול געװען, דער מגיד האָט שױן געזאָגט, און נאָר צוליב דעם רבין, װאָס איז געװען זײער חשוב בײם המון, איז מיר באַשערט געװען צו שטײן אױף אַ באַנק קעגן בימה, זען דעם מגיד מיט אַלע זײנע תנועות און הערן קלאָר יעדעס װאָרט.

איך געדענק נישט, צי האָב איך אַלץ פאַרשטאַנען, נאָר דאָס געדענק איך, װי אַלע עטלעכע מינוט האָט זיך עפּעס װי א שטורעם דורכגעטראָגן דורכן גאַנצן עולם יידן, און פון מזרח-װאַנט, אױבנאָן, ביזן פּאָליש, דאָרט, װײט אַראָפּ, פלעגט זיך אױפהײבן אַ געװײן, אַ קלאָגן, און אױבן, אין דער װײבערשער שול — אַ כליפּעריי מיט אַ גע־יאָמער, װאָס פלעגט שטיל װערן און זיך װידער אָנהײבן, װידער שטיל װערן און באַלד פונדאַסנײ זיך אָנהײבן.

דאָס יידישע הארץ איז, אַפּנים, אומעטום און אין אַלע צײטן פול מיט צרות און טרערן. מען ברויך נאָר דאָס ריכטיקע װאָרט, דעם רירנ־דיקן ניגון און דאָס דיקע אײז, װאָס דאָס קאַלטע לעבן האָט איבער אים פאַרצױגן, זאָל זיך צעברעכן און די טרערן זאָלן זיך גיסן.

דער קעלמער מגיד האָט די בײדע מעלות געהאַט. פאַר מיר איז שױן גענוג געװען דער ניגון אַלײן, כאָטש איך האָב זײנע װער־טער אפשר גאָרנישט פאַרשטאַנען. קוקנדיק אױף די גרױסע, האָב איך אױך געװײנט.

פּלוצלונג האט דער מגיד אַ געשריי געטון:

— װאַסער!

מען האָט אים דערלאַנגט װאַסער, און דער עולם האָט געקוקט, װי ער טרינקט. איך האָב זיך אױך נישט געקענט אָפּקוקן, װיפל און װי לאַנג ער טרינקט.

אַז ער האָט אױפגעהערט צו טרינקען און דער עולם האָט זיך אַ ביסל באַרויקט, האָט דער מגיד מיט גאָר אַ נײעם פײער אױסגע־רעכנט, װיפל מדרגות עבירות עס זענען דאָ.

— עס זענען דאָ עבירות, — האָט ער מיט זיין ניגון געזאָגט, — גאָר קליינע עבירות, אַזעלכע עבירות, וואָס דער עולם האַלט זיי גאָר־נישט פאַר עבירות, און שלאָגט זיך אין הארצן נישט אויף זיי אפילו אים יום כפור צו על חטא, אָבער עבירות זענען זיי. ברידערלעך!... עס זענען, ווידער, דאָ עבירות, וואָס אַלע ווייסן, אַז זיי זענען עבירות, נאָר דער, וואָס טוט זיי, מיינט גאָרנישט די עבירה, און איז עובר אויף יעדן טריט און פילט גאָרנישט, אַז ער טוט אַן עבירה, אָבער דאָרט, אויבן, ברידערלעך, אין פנקס ווערן זיי פאַרשריבן און קלייבן זיך אַן גאַנצע בערג!...

— עס זענען דאָ נאָך עבירות, יידעלעך, שווערע עבירות! און נאָך עבירות שרעקלעכע, און עבירות נאָך שרעקלעכערע עבירות, ברידערלעך, גאָר אימהדיקע און אַזעלכע עבירות, רחמנא לצלן, וואָס זענען מחריב עולמות! אָט האָט איר זיבן מינים עבירות, וואָס ווערן איינגעטיילט אין זיבן מדרגות. געדענקט זשע, ברידער, פאַרגעסט נישט, יידן, זיבן מדרגות עבירות זענען דאָ!...

— לעומת זה, אַי, ברידערלעך! לעומת זה זענען די זיבן מדורי גיהנום!

און דאָ האָט ער אָנגעהייבן אויסרעכענען ווי גרויס, ווי ברייט, ווי טיף און הויך דער גיהנום איז, מיט אַלע זיינע זעכציק מאָל הייסערע פייערן, מיט זיינע שרעקלעכע טייכן פעך און שוועבל, מיט די קעסלען, גרויסע ווי די גאַנצע וועלט, פול מיט צעגאָסענעם בליי, אין וועלכן עס לייטערן זיך די נשמות. אַזוי קלאָר און דייטלעך האָט ער עס פאָרגעשטעלט, אַז אויף מיר, ווי אויף אַלע צוהערער האָט די הויט געציטערט.

— אָט דער גיהנום, ברידער, איז ערשט דער מדור ראשון פון גיהנום! אין דעם גיהנום פאַלן אַריין אַלע, כמעט אַלע נשמות, און אַ נשמה פון אַ יידן אַוודאי! כי אדם אין צדיק בארץ, אשר יעשה טוב ולא יחטא! — האָט ער מיט זיין דורכדרינגלעכן קלאָג־ניגון אויסגעשריען. — נישטאָ גאָר אַ מענטש, וואָס זאָל נישט זינדיקן, און אַ ייד אַוודאי! וויפל מאָל גייט אַ ייד ד׳ אמות אָן נעגלוואַסער! וויפל מאָל זאָגט ער נישט אשר יצר, ווען ער איז עס מחויב על פי דין! זיפל ברכות לאָזט אַ ייד אַדורך און ענטפערט קיין אָמן נישט! אַי, ברידערלעך, ווײ־געשריען, יידעלעך! אַ קלער, אַ קוק, אַ ריר, אַ שמעק אפילו איז אויך אַן עבירה. שוין פאַרשריבן אויפן יידן, און דער ייד ווייס אפילו

גאָרנישט און שלאָגט זיך נישט קיין על חטא אויף זיי... פאַר אַזעלכע עבירות לייטערן זיי זיך אין מדור ראשון! געדענקט־זשע, ברידערלעך, אין מדור ראשון פון גיהנום!...

נאָכדעם האָט ער אויסגערעכנט די עבירות פון דער אַנדערער מדרגה און פאַר זיי געעפנט דעם מדור שני — אַזוי דעם מדור שלישי ביז דעם לעצטן מדור — אָבער אַלץ שרעקלעכער און שרעקלעכער, אַזוי, אַז מיר איז שוין די גאַנצע וועלט פינסטער געוואָרן, און איך האָב זיך געפילט, ווי ביי גזלנים אין די הענט, ווי ביי ווילדע חיות צווישן די ציין.

און דאָס לעבן איז מיר שוין נישט ניחא געווען. עס האָט מיך שטאַרק פאַרדראָסן, צו וואָס האָב איך דעמאָלט, בעת מיין נשמה איז נאָך אין גן עדן געווען, געדאַרפט ענטפערן, אַז איך וויל געבוירן ווערן, בעת מען האָט מיך וועגן דעם געפרעגט. בעסער וואָלט איך גאָרנישט געבוירן געוואָרן און מיין נשמה, אַ ריינע, וואָלט נאָך איצט מיט אַלע אַנדערע, נישט געבוירענע נשמות, פריי אַרומגעפלויגן אין גן עדן, און וואָלט בעסער געזונגען שירה מיט אַלע מלאכים. און איצט איצט בין איך פול מיט עבירות און גיי לייד דאָרט אין גיהנום, און ווייס גאָט נאָך, אין וועלכן מדור איך וועל אַריינפאַלן!...

ווילאַנג איך טראַכט אַזוי, טרינקט דערווייל דער מגיד אָן אַ שיעור, רוט אָפּ אַ ביסל און הייבט ווידער אָן:

— מיינט איר, יידן, אַז דאָס איז שוין גאָר? ניין, ברידערלעך! עס איז דאָ נאָך אַ גיהנום, אַ גרעסערער, אַ טיפערער און אַ ברייטערער! גרעסער איז ער ווי די גאַנצע וועלט, טיפער — ווי דער תהום, ברייטער — ווי אַלע זיבן הימלען! און די יסורים אין אים איז גאָר אין לספר ואין להגיד! אָט דעם גיהנום רופט מען „שאול תחתיה"! דער אונטערשטער שאול, וואָס איז אונטער אַלע זיבן מדורי גיהנום און פון אים איז שוין קיין וועג נישטאָ אַמאָל אַרויסצוקומען! און ווייסט איר, יידן, פאַר וועמען איז אָנגעגרייט אָט דער גיהנום? פאַר אַפּיקורסים, רחמנה לצלן! פאַר קלמנקע דעם אַפּיקורוס, ימח שמו וזכרו!...

— אַי, קלמנקע, וויי צו דיר, אַפּיקורוס! דו זעסט דאָך שוין דיין סוף, דיין ביטערן סוף, קלמנקע, דיין פינסטערן סוף, אַפּיקורוס!

— און טאָמער מיינסטו, אַז מ'וועט פייניקן דיין לייב צוועלף חדשים, צוועלף יאָר, הונדערט יאָר און דערנאָך וועסטו אויסגעלייטערט

ווערן? ניין, קלמנקע, הונדערט יאָר איז ווייניק, טויזנט יאָר איז קיין אָנהייב נישט! מ׳וועט פייניקן דיין לייב, קלמנקע, לנצח נצחים! אייביק און אייביק! גיהנום כלה, דער גיהנום וועט פאַרלענדט ווערן, וואשן, קלמנקע, און דיין פייער, וואָס וועט דיך ברענען, דיך בראָטן און פייניקן דיין לייב, לא כלה, וועט נישט פאַרלענדט ווערן!

— טו תשובה, קלמנקע, תשובה טו, תעניתים, סגופים, גלגול רמש און גלגול שלג, אָט דאָס איז תשובה! פייניק דיין לייב! גוואַלד, תשובה טו! גוואַלד, קלמנקע, וואָס טראַכטסט דו זיך?...

די לעצטע ווערטער האָט שוין דער מגיד נישט געזאָגט, נאָר געשריען מיט די לעצטע כוחות, מיט אַזאַ געוואַלדיקן קול, מיט אַזאַ דורכדרינגענדיקן ניגון, אַז ס׳האָט זיך ווי צפּנס אַ מין שטורעם אויפגעהייבן און האָט אין כוואַליעס אַלץ גרעסערע און גרעסערע דעם גאַנצן עולם פאַרטרונקען.

ס׳האָבן זיך טרערן געגאָסן. נישט געווען איינער, וואָס האָט נישט געוויינט און געכליפּעט, און דער מגיד האָט ווייטער געשריען:

— וואָס טראַכטסטו זיך, גוואַלד, וואָס טראַכטסטו זיך?!

מיין האַרץ איז שוין לאַנג טויט געווען אין מיר. עס האָט מיר אַזוי געקלעמט, אַז איך האָב אפילו דעם רבין אַ וואָרט נישט געקענט ענטפערן, ווען ער האָט מיך, אַרויסגייענדיק פון שול, געפרעגט, צי האָב איך פאַ־שטאַנען די דרשה, צי געפעלט זי מיר?

איך בין אין כעס געווען אויפן רבין, וואָס ער האָט מיך מיטגענומען אין שול. בעסער וואָלט איך נישט געהערט דעם מגיד, נישט געוווסט קלמנס סוף, נישט געוווסט פון אַזעלכע פייערן, פיין און יסורים, אפילו נישט מדור ראשון, אין וועלכן איך אַליין וועל געוויס אויך געלייטערט ווערן, איך זאָל אפילו אַזוי פרום זיין, ווי ר׳ מאיר יעקב אַליין...

און מיין האַרץ האָט געוויינט אין מיר פון קלמנס צרות אין שאול תחתיה און האָט געציטערט פאַר מיינע אייגענע פיין, כאָטש אין מדור ראשון אָדער שני... אַ קער, אַ ריר, אַ קוק, אַ טראַכט — שוין אַן עבירה! שוין אין גיהנום!

ווי קען מען אָבער אָפּגעהיט זיין פון אַזעלכע עבירות? און וואָס טו איך דען דעם רבונו של עולם, אַז איך פאַרגעס זיך אַמאָל און שפּרינג אַראָפּ פון בעט אָן נעגלוואַסער?...

און בין איך דען שולדיק, אז דאָס אויג מיינס זעט, אַז מיין

איבער הערט, און אַז ס'טראַכט זיך אפילו אין שמונה-עשרה אַמאָל, גאָרנישט ווילנדיק, און ער, גאָט, ער פאַרשרייבט שוין, קלויבט צו-זאַמען שוין גאַנצע בערג עבירות און וואַרפט מיין נשמה אין גיהנום, אין וועלכן מדור ער וויל, און פייניקט זי, וויפיל ער וויל און ווי לאַנג ער וויל...

פאַרוואָס? וויל איך דען טאָן די עבירה? וויל איך אים דער-צאָרנען?... און אַלע זאָגן נאָך, אַז גאָט איז אַ גוטער, אַ גרויסער בעל רחמים און וויל נאָר, אַז אַלעמען זאָל גוט זיין!

אַ שיינער גוטער איז ער מיט אַזאַ פייערדיקן גיהנום, אַ שיינער בעל רחמים איז ער, אַז טויזנט יאָר שאול תחתיה איז ווייניק, אַז אַ מיליאָן יאָר אין אַזעלכע פיין איז נאָך קיין אָנהייב נישט!...

אַזוי האָט מיין האַרץ, אָדער דער יצר הרע אין מיר געטענהט, אהיים גייענדיק פון שול. איך האָב זיך געלייגט שלאָפן, אַ פאַרבי-טערטער, אַ צעשלאָגענער.

איך וויל כאָטש דורכן שלאָף פאַרגעסן מיין ביטערן גורל, נאָר דעם קעלמער מגידס: „גוואַלד, קלמנקע, וואָס טראַכסטו דו זיך!" קלינגט ווי אַ גוואַלד-גלאָק אין מיינע אויערן און לאָזט מיך נישט שלאָפן.

און ווידער כאַפט זיך אויף דער יצר הרע, און ווייזט מיר וואָס פאַר אַ שלעכטער גאָט איז, וואָס פאַר אַ האַרט האַרץ ער האָט. איך פיל, ווי איך ווער אין כעס אויף גאָט, אויפן קעלמער מגיד און אויך אויף ר' מאיר יעקבן. ווי קומט ער אַהערצו, ווייס איך נישט, נאָר ער מישט זיך אומעטום אַריין אין מיינע געדאַנקען. נישט לאַנג אָבער האַלט אָן מיין כעס.

— רשע, רשע! — הער איך קלאָר דעם יצר טוב, שרייענדיק אין מיר. — רשע, דו זינדיקסט קעגן גאָט! מען טאָר אויף גאָט קיין קשיות נישט פרעגן! אַז ער האָט באַשאַפן אַ גיהנום, ווייס ער דאָך צו וואָס! אַן אמתער פרומער ווייס טאַקע און גלויבט, אַז גאָט איז אַ גוטער!

איך הייב אָן צו ציטערן פאַר מיינע זינדיקע מחשבות, איך וויל שוין פרום זיין, גלויבן, אַז גאָט איז אַ גוטער...

— דו מוזט תשובה טאָן, גוואַלד, טו תשובה! — שרייט דער יצר טוב מיט דעמזעלבן קול און ניגון, ווי דער קעלמער מגיד.

תשובה טאָן? כ'וויל תשובה טאָן, נאָר ווי טוט מען תשובה? סגופים, פאַסטן, האָט דער קעלמער געזאָגט. גוט, טאַקע מאָרגן וועל איך פאַסטן, אפילו אַ זופּ טיי אין מויל נישט נעמען, אָבער וואָס וועט

די מאמע זאָגן? וועט זי לאָזן מיך פאסטן? וועט זי נישט שרייען: דו זאָלסט עסן, איך הייס!?

איך ווייס, אז גאָט מוז מען גיכער פאָלגן, ווי א מאמען, אָבער מיין מאמען? מיין גוטער פרומער מאמען? מיין גוטער פרומער מאמען נישט פאָלגן? ניין, דאָס קען איך נישט, דאָס וועל איך קיינמאָל נישט קענען!

— גלגול רמש, גלגול שלג,—האָט נאָך דער קעלמער געזאָגט,—זומער זיך קויקלען אין מוראַשקעס און ווינטער — אין שניי. דאָס איז אויך תשובה. גוט, איצט איז זומער, מאָרגן טאַקע איז ראש חודש, איך קען אוועקגיין אין וואַלד, אויסזוכן א קופּע מוראַשקעס, זיך אוועקלייגן און זיך לאָזן קריכן און זיך לאָזן בייסן, וויפיל זיי ווילן, אפילו זיך נישט א קער טאָן! וואָס אָבער וועל איך טאָן, אז איין מוראַשקע וועט זיך פארוועלן דווקא צו מיר אין נאָז אַריינקריכן?

און איך הייב אָן צו ניסן פון דער פאָרשטעלונג אליין, ווי עס וועט מיר דאָן קיצלען... און ווינטער, אין די גרויסע פרעסט, זיך לייגן אויפן קאַלטן שניי אין זיך קויקלען? וווּ? אויפן גאַס? ווי קען מען זיך אויסטאָן אינמיטן גאַס, א נאַקעטער, אָן א העמד אפילו, זיך קויקלען? מען וועט דאָך מיינען, איך בין משוגע געוואָרן?

און וואָס וועל איך טאָן, אז איך וועל זיך צוקילן און נאָך אוועקשטאַרבן?

עס איז טאַקע גוט צו שטאַרבן פון תשובה, אָבער ווי וועל איך אפילו אויף יענער וועלט קענען אויסהאַלטן, אז מיין מאמע וועט קלאָגן און וויינען נאָך מיר?

ניין, דאָס קען איך אויך נישט!

און עס בלייבט ביי מיר אזוי צו פייניקן מיין לייב מיט וואָס נאָר איך וועל קענען. איך געפין דערווייל קיין בעסערע זאַך נישט און גיב מיר א שטאַרקן ביס אין אָרעם און פיל גוט דעם ווייטיק.

איך לאָז אָבער נישט אָפּ. ביז עס גיט מיר א קלעם דאָס האַרץ און פון די אויגן הייבן זיך אָן גיסן טרערן.

— גוט, גוט! — זאָגט מיר דער יצר טוב. — אָט אזוי, אַלע טאָג, וועט גאָט דיר מוחל זיין! ס'טוט מיר נאָך ווי אפילו, נאָר איך האָב א הנאה, פיל זיך געטרייסט, ס'איז מיר גרינגער אויפן האַרצן. ס'דאַכט מיר: גאָט אַליין האָט עס געזען, און מיט א חן-שמייכעלע זאָגט ער:

גוט אַזוי, יינגעלע! טו עס פון מיינעטוועגן, איך האָב ד'צרפון בחת!

נאָר אינמיטן דערמאָן איך מיך ווידער אין אַלע זיבן מדורי גיהנום, מיט אַלע זינדיקע נשמות, וואָס ווערן געפּייניקט אין זיי.

און דאָרט, אין טיפן פינסטערן שאול תחתה, הענגט קלמן פאַרן צונג אויף אַן אָנגעבערענטן האָק. איך זע די אויסגעבערענטע וווּנדן אויף זיין לייב, די אויסגעריסענע שטיקער פלייש. טויזנט שלאַנגען אין עקדישן בייסן אים און זויגן זיין בלוט, א נטער אים קאָכן און זידן טייכן פעך און שוועבל.

אָט פאַלט ער אַריין אין זיי, מאַטערט זיך און שרייט, נאָר א מלאך, אַ שוואַרצער, ווי אַ שד, להבדיל, כאַפּט אַ לאַנגן אָנגעגליטן האָק, גיט אַ זעץ אַריין אין קלמנס זייט, שלעפּט אים אַזוי אַרויס און הענגט אים ווידער אויף, און ביי אַ זייט שטייט דער קעלמער מגיד און שרייט:

— וואָס טראַכסטו זיך? אי, קלמנקע, וואָס טראַכסטו זיך?

און דאָרט, אין דער הויך זיצט גאָט אַליין מיט זיין שניי־ווייסער גרויסער באָרד און הייסט אַלץ שטאַרקער, אַלץ הייסער מאַכן דעם שאול תחתיה און לאַכט פון נקמה אויף דעם אפּיקורוס.

— אוי, וואָס פאַר אַ גזלניש האַרץ ער האָט! — שרייט אין מיר אַ קול. — וואָס האָט אים קלמן אַזוינס געטאָן, אַז ער איז אַזוי אין כעס? ווער קען אים עפּעס טאָן? איז ער דען נישט שטאַרקער פאַר אַלעמען?

— רשע, רשע! — שרייט ווידער דער יצר טוב צו מיר. — ערשט אַ ביסל תשובה געטאָן און זינדיקסט שוין ווידער. גיהנום ביזטו ווערט! און איך טראַכט נישט לאַנג, בויג צו מיין קאָפּ צו מיין לייב, גיב זיך נאָכאַמאָל אַ שטאַרקערן ביס, נאָר איך פיל עפּעס גאָר קיין ווייטיק נישט. עס מישט זיך מיר אין קאָפּ, עס איז אַלץ אַזוי אימהדיק אַרום מיר. איך הייס שוין נישט, ווו איך בין, טראַכט שוין גאָרנישט און כאַפּ זיך אויף אין עטלעכע טעג אַרום.

איך בין קראַנק געווען, שטאַרק קראַנק געווען. שולדיק איז דער קעלמער מגיד. זיין דרשה האָט מיינע נערוון אַזוי צעריסן, ביז איך האָב באַקומען אַ נערוונפיבער, געלעגן אָן באַוווסטזיין, אָנגערעדט פון היץ מי יודע וועלכע נאַרישקייטן.

ע שט שפּעטער, אַז איך בין שוין געזונט געוואָרן, פלעגן מיינע

עלטערע שוועסטער זיך רייצן מיט מיר און מיר אויפוואַרפן: אַ מו ראַשקע אין נאָז!׳ „אין שאול תחתיה!״ „גאָט איז אַ שלעכטער!״ — און „וואָס טראַכסטו זיך, קלמנקע!״

איך פלעג אָנהייבן וויינען און די מאַמע פלעגט מיך טרייסטן:

— הער זיי נישט, מאַלע וואָס זיי זאָגן... דו האָסט גאָרנישט גערעדט, גאָרנישט געזאָגט, גלויב זיי נישט!

איך אָבער האָב געוויסט, אַז איך האָב עס יאָ געמוזט רעדן, ווען נישט, פינוואַנען וואָלטן זיי געוווסט מיינע מחשבות?

און רעדט דען איצט אין מיר נישט דער יצר הרע דיזעלבע ווערטער? צאַפּט ער דען איצט נישט ווידער מיין בלוט מיט זיינע טענות קעגן גאָט פאַר אַזאַ שרעקלעכן גיהנום? הייסט ער מיר נישט עד היום פיינט האָבן מאיר יעקען און ליב האָבן קלמן דעם אַפּיקורוס פאַר זיינע זינד?

און דער יצר טוב? איז ער בעסער? האָט ער מער רחמנות אויף מיר? דערמאַנט ער מיר נישט, אַז אַ קער, אַ ריר, אַ טראַכט, אַ קוק איז אַ נייע עבירה?

ווייזט ער מיר נישט מיין אייגענעם גיהנום? שרייט ער מיר דען איצט נישט מיט דעם קעלמערס קול און ניגון:

— וואָס טראַכסטו זיך? גוואַלד, וואָס טראַכסטו זיך?

און אַזוי רייסן זיי מיך ביידע. איך לייד ווייטיק פון דעם און פון יענעם, בין בלאַס, אַראָפּ פון מיר מיין קינדישע לוסטיקייט, אויס שטיפער, אויס פריילעך יינגל. איך בין שטענדיק פאַרטראַכט, שטענ־דיק אומעטיק, ווי אַן אַלטער מרה־שחורהניק.

איך זע יינגלעך שטיפן, לויפן, טאַנצן, זינגען און שפּרינגען. איך פיל נאָך דעם אַמאָליקן טעם אין דעם. איך ווייס, ווי גוט דאָס איז, איך בין זיי מקנא, נאָר זיי נאָכטאָן קען איך נישט.

עס ווייַנט דאָס האַרץ אין מיר, נישט נאָר אויף זיך, וואָס איך אַליין וועל ליידן אין גיהנום, נאָר אויך אויף זיי, אויך זייער גיהנום פייניקט מיך. זיי ווייסן, נעבעך, נאָך גאָרנישט.

„וואָלטן זיי אָבער דעם קעלמער מגיד געהערט, ווי איך, וואָלטן זיי איצט וויינען און נישט שפּרינגען און זינגען!״—רעד איך צו זיך.

און דער יצר הרע הייבט ווידער אָן זיינע טענות קעגן גאָט:

— וואָס טוען זיי, אָט די פריילעכע קינדער, דיר, גאָט? וואָס כּו

איך דיר? דו ווייסט דאָך דעם אמת, אַז איך וויל דיך פאָלגן, אַז איך וויל אפילו תשובה טאָן, מיט פאַסטן, מיט קויקלען זיך אין מוּראַשקעס, אין שניי, נאָר איך קען נישט. איך קען קיין משוגענער נישט זיין פאַר מיין אייגענער מאַמען, פאַר מיינע אייגענע שוועסטער! זיי לאַכן שוין אַזוי אויך פון מיר, און די מאַמע וויינט קוקנדיק אויף מיין בלאַסקייט, אויף מיין אומעט...

און ווער ווייסט, צו וואָס איך וואָלט געקומען, ווען עס מאַכט זיך נישט אַמאָל גאָר אומגעריכט עפּעס אַזוינס, וואָס האָט מיינע אויגן געעפנט.

גייענדיק אַמאָל שבת דאַווענען מנחה, האָב איך דערזען אַ גאַנצע מחנה חדר־יינגלעך שרייען און ליאַרעמען עפּעס אינמיטן גאַס.

איך בין צוגעגאַנגען און אַ קוק געטאָן. זאַלקע פּיאַניצע ליגט שיכּור אין אַ רינשטאָק און די יינגלעך שפּייען אויף אים, פאַרוואַרפן אים מיט בלאָטע און שרייען:

— זאַלקע שיכּור! זאַלקע שיכּור!

זאַלקען האָב איך געקענט.

איך געוווּסט, אַז ער איז אַ גרויסער מופלג, און קען אפשר בעסער לערנען פאַר אונדזער רב. און ווען ער וואָלט נישט געווען אַזאַ שיכּור, וואָלט ער געקענט זיין דער גרעסטער גאון.

איך האָב אויך געהערט דערציילנדיק, אַז אין די יונגע יאָרן זיינע איז ער געווען אַ תּלמיד פון אַ גרויסן גאון און אַ גרויסן צדיק. נאָר ער, זאַלקע, האָט דעם רבין זיינעם אַ מאָל אַ פרעג געטאָן אַ האַרבע קשיה, אויף וואָס דער גרויסער גאון האָט אים נישט געוווּסט וואָס צו ענטפערן און איז זייער פאַרשעמט געוואָרן, און דערפאַר האָט ער אים, זאַלקען, פאַרשאָלטן, אַז ער זאָל קיין לייט נישט זיין, און זיין גוטער קאָפּ און שכל זאָלן אים נישט פאַרשאַפן קיין כּבוד.

דעריבער איז טאַקע זאַלקע געוואָרן אַ שיכּור ביז היינטיקן טאָג, און ווען איך פלעג אים זען, פלעגט מיר דאָס האַרץ צוגיין פון רחמנות אויף זיין אומגליק, און ווי שיכּור ער איז געווען, האָב איך אים דאָך נישט געקענט שולדיק מאַכן.

איך האָב גוט געוווּסט, אַז ער אַליין וויל אפשר אויך קיין שכּור נישט זיין, נאָר וואָס קען ער, נעבעך, טאָן, אַז אויף אים ליגט אַזאַ קללה פון אַזאַ צדיק, וואָס לאָזט זיך אים נישט אויפהייבן און ווערן אַ מענטש.

אויך די מאַמע מיינע פלעגט אויף אים רחמנות האָבן, און ווען ער פלעגט נאָר צו אונדז אַריינקומען, פלעגט זי אים באַלד שטעלן אַ שטול און זאָגן:

— זיצט, ר׳ זאַלקע!

זי פלעגט אים אויך אַלעמאָל געבן עסן און טרינקען, און צו־דערש מאָל אַ בגד, ער זאָל אַזוי קרוע־בלויה נישט גיין. נאָר קיין געלט פלעגט זי אים נישט געבן.

— מען טאָר אייך קיין געלט נישט געבן, ר׳ זאַלקע! — פלעגט זי זאָגן. — אייך געבן געלט איז גלייך ווי אַ קליין קינד געבן אַ מעסער אין האַנט!...

נאָר אַז ער פלעגט אוועקגיין, פלעג איך אַלעמאָל זען טרערן אין דער טאַמעס אויגן, און אַן אַנדערשמאָל פלעג איך הערן, ווי זי רעדט פאַר זיך:

— נישט געשטראָפט זאָל מען ווערן, רבונו של עולם, מיט אַזאַ קללה! אַזאַ קאָפּ, אַזאַ מופלג, אַזאַ חכם און אַזוי פאַרשאָלטן, נעבעך!

דערזעענדיק איצט, ווי ער ליגט אַזוי, און די יינגלעך האָבן גאָר קיין רחמנות נישט, מאַכן זיך לוסטיק איבער אים און טוען כל הרשעות, וואָלט איך זיי אויף שטיקער צעריסן פון כעס.

זיי זענען אָבער געווען אַ סך און איך — איינער, האָב איך זיי געבעטן מיט גוטן, זיי זאָלן רחמנות האָבן אויף אַזאַ אַלטן אומגליקלעכן יידן, זיי געזאָגט, אַז ס׳איז אַ עבירה, אַ גרויסע עבירה אים אַזוי מבזה צו זיין.

מען האָט מיך אויסגעלאַכט, און איינער האָט מיר נאָך דער־לאַנגט א פליק אונטערן אויער.

עס האָט זיך מיר זייער געוואָלט אים העלפן, און איך האָב זיך אומגעקוקט, צי גייט נישט ווער פון די גרויסע יידן, וועל איך אים בעטן און ביידע, איך מיט דעם גרויסן, וועלן מיר זאַלקען ווי עס איז אוועקפירן אין זיין היים.

נאָר אָט האָב איך דערזען קלמן דעם אפיקורוס מיט נאָך עפּעס אַ „דייטש”, און איך האָב מיך דערוועגט צוצוגיין צו זיי און זיי בעטן זיי זאָלן כאָטש די יינגלעך אַוועקטרייבן פון אים. זיי זענען צוגעגאַנ־גען, דערזען זאַלקען און האָבן אָנגעהייבן צו לאַכן.

— ווי האַלט איך שוין מיט אַלע אונדזערע פרומע צדיקים אַזוי ווי מיט זאַלקען! — האָט קלמן געזאָגט צו דעם „דייטש”. — ווי דער־

לעב איך שוין ר׳ אריה דעם דין מיט ר׳ ברוך דער שוחט אַזוי צו זען זיך וואַלגערנדיק שפּורעהייט אין אַ רינשטאָק!...

ער האָט די קינדער נישט אַוועקגעטריבן, און זיי האָבן פאַר אים אין די אויגן געשטופּט און געריסן זאַלקען, געלאַכט, געליאַרעמט און געשריען הוראַ, אַזוי, אַז עס האָט זיך אוודאי אין דער צענטער גאַס געהערט.

קלמן איז זיך מיט זיין דייטש אַוועגעגאַנגען. אין דער מינוט האָב איך אים מיט אַן אמת פיינט געהאַט, און איך האָב אים געוואָלט באַפּשרייען:

— אפּיקורוס, אין שאול תחתיה!

נאָר פּלוצלונג האָב איך דערזען ר׳ מאיר יעקען, שפּריינדיק אוודאי אין בית המדרש צו מנחה.

ווי ער האָט דערזען זאַלקען, האָט ער באַלד צעטריבן אַלע יינגלעך, און טרערן זענען געשטאַנען אין זיינע אויגן.

— אוי, קינדער, — האָט ער אַזוי ווייך, אַזוי האַרציק גערעדט, — ווי האָט איר דאָס אַזאַ שלעכטס האַרץ אַזאַ קראַנקן אַלטן יידן אַזאַ רשעות אָנצוטאָן? אַהיים גייט בעסער, אַהיים! גאָט זאָל אייך מוחל זיין, איר ווייסט באַרנישט, ווי גרויס אייער עבירה איז!

אַלע קינדער האָבן טאַקע באַלד חרטה געהאַט, און קיינער האָט ר׳ מאיר יעקען אַ וואָרט נישט געענטפערט. דערנאָך האָט זיך ר׳ מאיר יעקע אין דרייען אייגנגעבויגן צום שכור און אים אָנגעהייבן צו וועקן:

— ר׳ זאַלקע, שטייט אויף! ר׳ זאַלקע, קומט מיט מיר אַהיים!

און אַזוי לאַנג האָט ער אים געוועקט, ביז ער האָט אים אַוועקגעשטעלט אויף די פיס.

און וויפל האָט זיך ר׳ מאיר יעקע אָנגעמאַטערט און אָנגעליטן, פירנדיק דעם שכור אונטער די הענט אַהיים!

זאַלקע האָט אים געשלאָגן, אים געשפּייט אין פּנים, זיך געריסן פון אים און אַלץ געשריען:

— מאיר יעקע פּרא אדם!

און ר׳ מאיר יעקע אַלץ:

— ר׳ זאַלקע, ר׳ זאַלקע!

גרויסע יידן, וואָס האָבן פאַרבייגייענדיק געזען מאיר יעקעס אָנשטרענגונג, האָבן געשריען:

— לאָזט אים אָפּ, דעם שכור! אַ יוד, וואָס איז אַליין נישט חס

אויף זיין כבוד, איז אָסור לרחם עליו, און איר זענט גאָרנישט מחויב אַזוי דאָס לעבן אַוועקצולייגן צוליב אים!...

נאָר ר׳ מאיר יעקע האָט געענטפערט:

— פערגעסט נישט, מיינע ליבע יידן, אַז אַפילו אַ צעריסן בלעטל פון אַ הייליקן ספר טאָר מען אויך נישט לאָזן זיך וואַלגערן אויף דער ערד, בפרט צעבראָכענע לוחות! איר האָט גאָרנישט אַזאַ פּאַלאַץ אַ טייערן, ווו ר׳ זאַלקען אַוועקצולייגן... וואָרים לוחות ושברי לוחות, אַפילו צעבראָכענע לוחות, ליגן אויך אין אָרון הקודש!... קורע זיין מוז מען, אַז מען זעט אַזאַ תלמיד חכם אין אַזאַ מדרגה! וויינען דאַרף מען, אַז מען זעט צו וואָס אַ מענטש מיט אַזאַ גרויסן קאָפּ קען קומען!...

און גאָרנישט מאיר יעקעס קול האָב איך געהערט, נאָר עפּעס טיף האַרציקס, טיף רירנדיקס און עפּעס האָבן זיינע אויגן מיט אַזאַ גוטסקייט און ליבשאַפט געקוקט, אַז איך האָב אין דער רגע גאָר אַן אַנדערן מאיר יעקען דערזען.

און אין איין רגע איז אַוועק מיין אַמאָליקער פּחד פאַר אים, און איך האָב געפילט אַזאַ מין צוגעלאָזטקייט און ליבשאַפט צו אים, ווי איך האָב נאָך קיינמאָל אַזוי צו אַן אַנדערן נישט געפילט.

און נישט נאָר אויף זאָלקען, וואָס איז אַ מופלג געווען, איז ער אַזוי חס געווען, נאָר איך האָב שפּעטער כמעט דאָס אייגענע ביי אַן אַנדער פאַל ווידער געזען.

עס איז געווען אַ מאַרק־טאָג· לעבן אַ שענק איז געלעגן אַ שכורער גוי, און פּראָסטע בעלי עגלות האָבן זיך גערייצט מיט אים.

ווי ער האָט זיך נאָר געוואָלט אויפהייבן, האָבן זיי אים אַ שטויס געטאָן און ער איז צוריק געפאַלן. האָט ער זיך אָבער שוין ווי עס איז אויפגעהייבן און געוואָלט אַוועקגיין, האָבן זיי אים אונטערגעשטעלט אַ פוס און ער ליגט שוין ווידער אין בלאָטע.

פּלוצלונג איז ר׳ מאיר יעקע צוגעגאַנגען.

— אַי, יידן, — האָט ער געזאָגט, — פּאַסט עס פאַר אַ יידן? וואָס טוט איר?

— עס איז דאָך אַ שכורער גוי! — האָבן די בעלי עגלות זיך אָפּגערופן.

— ניין! מיינע ליבע יידן, אויף אים איז אויך אַ רחמנות! — האָט זיי מאיר יעקע מוסר געזאָגט. — ער איז אויך אַ מענטש האָט

אַ צלם אלקים אויף זיך, און ווער עס איז אים מבזה, איז מבזה דעם צלם אלקים בכלל, און האָט נאָך אַן עבירה פון חילול השם!

און ער האָט אים צו זיין וואָגן צוגעפירט, גיזהאָלפן אים אויפן וואָגן אַרויפקריכן, אים צורעכט געמאַכט זיך אוועקצוזעצן, און האָט געבעטן אַ גוי אַכטונג געבן, אַז קיינער זאָל אים נישט טשעפּען.

איינמאָל, דאָס איז אַקוראַט חול המועד סוכות געווען, איז שטאָט איז עפּעס נישט געווען שטיל: צי כאָלערע, צי אַזוי אַ שלעכטע קראַנק־הייט, נאָר מען האָט גערעדט, אַז עס פאַלן מענטשן, ווי פליגן.

און, ווירקלעך, פלעג איך צו אָפט די מטה מיט דעם אָרון באַגעגענען. אָט פירט מען אַ געשטאָרבענעם אין אָרון. עס גייט צו דער לוויה קוים אַ מנין יידן. איך גיי אויך ביזן טייך, וואַש די הענט און וויל שוין גיין אַהיים, נאָר איידער די הענט ווערן נאָך טרוקן, דערזע איך, ווי מען טראָגט די מטה אין דער הויך אויף די אַקסלען.

עס איז שוואַרץ אין גאַס פון מענטשן, וואָס גייען צו דער לוויה. עס רייסט דאָס האַרץ, הערענדיק דאָס געוויין און געיאָמער פון די ווייבער, וואָס גייען הינטערן עולם. אפּנים, אַ גרויסער נגיד אי. געשטאָרבן קלער איך.

אינדערהיים איז מען אויך עפּעס אָפּגעהיט, די מאַמע ציטערט, נישט נאָר איבער מיר, אָבער אויך איבער מיינע שוועסטער און זאָגט אָן, מען זאָל זיין אָפּגעהיט.

דאַוונען אָבער האָב איך געמוזט גיין. ווער וועט דען דעם טאַטן דעם אתרוג אַוועקטראָגן צו הלל, אַז נישט איך?

גייענדיק צוריק אַהיים, האָב איך דערזען, ווי ר' מאיר יעקע קריכט, ריכטיקער, געזאָגט, שפּרייזט אַריבער איבער אַ פּאַרקן.

איך בלייב שטיין פאַרוואונדערט און קוק מיר איין, ווהין שפּרייזט ער אַזוי. אויפן הויף זעגען אומגעגאַנגען אַסך היגער. מיט איין שפּרונג האָט ער אָנגעכאַפּט אַ הון און וויל שוין אַריבערשפּרייזן איבערן פּאַרקן צוריק, נאָר אין דער רגע לויפט אַרויס פון שטוב עפּעס אַ יידענע און הייבט אָן צו שרייען:

— ר' מאיר יעקע, וואָס טוט איר, גאָט איז מיט אייך, דאָס איז דאָך מיין הון!

— איך חייס, איך ווייס, מרימל, — ענטפערט ער, — איך קען אַלע אייערע היגער די ווייסע, די גרויע, די שוואַרצע און די געל־

פלעקטע... אָט גייען זיי, צען, צוועלף, כן ירבו, איך פערגין אייך, פאַרנוצט זיי געזונטערהייט!

— אָבער די, וואָס איר האַלט, איז אויך מיינע! — שרייט די יידענע.

— אייערע, אייערע, מרימל. און טאַקע אייער מצווה וועט עס זיין, אַז דער חולה, וואָס וועט זי עסן, וועט געזונט ווערן און קומען צו כוחות!

— פאַרוואָס האָט איר אָבער נישט געפרעגט ביי מיר? — טענהט די יידענע און פרווט זיך אַפילו אַרויסרייסן די הון פון מאיר יעקעס האַנט.

— איך האָב אייך נישט געוואָלט ברענגען צו אַן עבירה, — האָט מאיר יעקע געענטפערט. — צו אַן עבירה, מרימל, פון נישט געבן צדקה, בעת גאָט העלפט, מ'האָט און מ'קען געבן... בפרט און אַזאַ צייט, וואָס גייט אין פקוח נפש...

— און גנבענען איז נישט קיין עבירה? — האָט די יידענע ביין געפרעגט.

— אַן עבירה, אַ גרויסע עבירה, מרימל, גאָט זאָל שומר ומציל זיין! נאָר זעט איר מיינע ברייטע געזונטע פלייצעס? בעסער זאָל פאַלן אויף זיי די עבירה, איידער אויף אייך, שוואַכע אשה!... האָט איר בעסער די מצווה פון פקוח נפש, און שמייסן זאָל מען דעם הויכן, דעם גרויסן מאיר יעקען!

און, נישט רעדנדיק מער א וואָרט און נישט הערנדיק דער יידענעס טענות, איז ער מיט איין שפרייז צוריק אַריבער איבערן פאַרקן, און אַוועק מיט דער הון גלייך צום שוחט.

און וויפל האָב איך זיך אָנגעהערט דערנאָך דערציילנדיק פון ר' מאיר יעקעס מי און מסירת נפש פאַר די קראַנקע אין הקדש, ווו ער האָט געטאָגט און גענעכטיקט, ווו קיין אַרבייט איז אים נישט צו שווער געווען, קיין סכנה נישט צו גרויס און קיין מלאכה נישט צו נידעריק!

און וויפל מענטשן האָבן אים געהאַט זייער רפואה, זייער לעבן צו פאַרדאַנקען!

אויך קלמנען האָב איך אין דער נישט-שטילער צייט אַמאָל געזען; ער איז זיך מיט זיין שטעקן, ווי אַלעמאָל, געגאַנגען שפּאַצירן. פלוצלונג האָב איך דערהערט אַ מוראדיקן געשריי.

אַ צעשויבערטע יידענע איז פון אַן אָרעם נידעריק שטיבל אַרויס־געלאָפן און האָט געשריען:

— אוי, מיין קינד, אַ בחור פון פערצן יאָר איז מיר חרוב! גע־קומען פון גאַס און אים איז נישט גוט געוואָרן! קומט אריין, ר׳ ייד, האָט גאָט אין הארצן, זיצט אַ רגעלע לעבן אים, איך וועל לויפן אין בקור חולים נאָך אַ דאָקטאָר!

און אַז די יידענע האָט קלמנען אָנגענומען פאַר דער האַנט, און געוואָלט אים אַריינפירן אין שטוב, האָט קלמן אַ געשריי געטאָן:

— אוועק, אוועק! ריר זיך נישט צו צו מיר, ס׳איז אַ קלעפּיקע קראַנקהייט!

— אַן אַנדער ייד איז באַלד צוגעגאַנגען, מיט דער יידענע אַריין אין שטוב, און קלמן איז זיך אַוועקגעגאַנגען, רייבנדיג די האַנט, וואָס די יידענע האָט זיך צוגערירט צו איר.

איצט האָב איך מיין אַמאָליקן טעות קלאָר דערקענט, און כאָטש איך האָב קלמנען נאָך נישט פיינט געהאַט, ווי איך האָב זיך אַמאָל, פון פרומקייט געווונטשן, אים פיינט צו האָבן, האָב איך אָבער ר׳ מאיר יעקען ליב באַקומען נאָך אַ סך מער, ווי איך האָב זיך געווונטשן, און ווי אַ שטיין אַ שווערער האָט מיין הארץ יעדעס מאָל צוגעדריקט, ווען איך האָב זיך דערמאַנט, ווי אומגערעכט איך בין קעגן אים געווען מיט מיין מורא פאַר אים און נאָכמער — מיט מיין שנאת חנם צו אים.

און ווידער האָב איך קיין רו נישט געהאַט פון מיין יצר טוב, ווי איך האָב אים דעמאָלט אָנגערופען, אָבער דער יצר הרע, ער איז שטום געוואָרן, אפילו זיינע טענות קעגן גאָט הער איך נישט מער.

וואָס זאָל איך טאָן, האָב איך זיך מיישב געווען, איך בין דאָך נישט איינער. אַלע זענען דאָך אַזוי זינדיק, ווי איך, לאָז גאָט טאָן מיט מיין נשמה, וואָס ער וויל, וואָס קען איך זיך העלפן?

אָבער דער יצר טוב שרייט נאָך אַלץ:

— טו תשובה, דו האָסט געזינדיקט קעגן ר׳ מאיר יעקען, בעט אים מחילה, ער איז אַ גוטער, ער וועט דיר מוחל זיין, וועסטו האָבן כאָטש מיט איין עבירה ווייניקער!

*   *
*

און איך האָב שטאַרק געוואָלט אים מחילה בעטן, און נישט נאָר מחילה בעטן אַליין, נאָר אים טאַקע זאָגן, אַז איצט האָב איך אים שוין

אמת ליב, ליב ווי מיין לעבן און וואָלט מיט אים טיילן אַלץ, וואָס איך האָב, אָבער ווי בעט מען אים מחילה? ווען זע איך אים אַליין? אַליין וואָלט איך זיך אפשר נישט שעמען אים צו זאָגן דעם אמת, אָבער אין בית המדרש איז דאָך דאָ אַ גרויסער עולם יידען, און ווען זע איך אים אַליין אפילו אויפן גאַס?

נאָר איינמאָל, בשעת די מאַמע מיט די שוועסטער זענען ערגעץ אַוועקגעגאַנגען, און איך בין געבליבן אַליין אינדערהיים, קומט אַ־יין ר' מאיר יעקע בעטן אַ נדבה פון אַ חולה ווענן, מסתמא, און פרעגט מיך:

— ייגעלע, ווו איז דיין מאַמע?

— זי איז אַרויסגעגאַנגען, זי וועט באַלד אַריינקומען. זיצט ר' מאיר יעקע! — האָב איך אין איין אָטעם קוים אַרויסגערעדט און דאָס האַרץ מיינס האָט געשפּרונגען פון פרייד, וואָס איך בין זוכה צו רעדן מיט ר' מאיר יעקען אַליין.

— זי וועט באַלד קומען? — האָט ער נאָכאַמאָל געפרעגט, צו וויסן, צי איז אים כדאי צו וואַרטן.

— זי וועט באַלד קומען, — האָב איך געענטפערט. — זי זוימט זיך קיינמאָל נישט!

ר' מאיר יעקע האָט זיך אַנידערגעזעצט, נאָר זיין גאַנצער גרויסער אומגעלומפּערטער גוף איז עפּעס ווי בצלם געוואָרן פון מיר.

איך האָב מער ווי זיינע גוטע אויגן נישט געזען. איך האָב געקוקט אין זיי, שטאַרק געקוקט, און אַזוי ווייך, אַזוי גוט זענען זיי געווען!

אויפן שפּיץ צונג ליגן מיר שוין די ווערטער:

— זייט מיר מוחל!

נאָר דאָס האַרץ הייבט זיך, איך קען זיי נישט אַרויסרעדן.

— קענסטו שוין לערנען, ייגעלע? — פרעגט ער מיך.

— איך קען! — ענטפער איך אים מיט שמחה, כאָטש אַזוי שטאָלץ און זיכער האָב איך ביז איצט אפילו מיין מאַמען נישט געענטפערט.

— וואָס לערנסטו?

— חומש מיט רש״י! — ענטפער איך אַלץ דרייסטער.

ער האָט מיך געפרעגט פון חומש, רש״י, איך האָב אים אויף אַלע זיינע שאלות געענטפערט לייכט און רויק, ווי נאָך קיינעם נישט.

און מיר צו ווייזן, ווי צעפרידן ער איז פון מיין ענטפער, האָט ער אַרויפגעלייגט זיין גרויסע האַנט אויף מיין שטערן און האָט אָנגעהייבן מיך צו גלעטן.

איך ווייס נישט ווי אַזוי איז עס געשען, נאָר אין דער מינוט האָב איך זיין לינקע האַנט צוגעטראָגן צו מיינע ליפּן און איך האָב זי באַדעקט מיט קושן און מיט טרערן.

— וואָס טוסטו, ייִנגעלע? — האָט ער אַזוי ווי דערשראָקן זיך, אַ כאַפּ געטאָן און זיך אָנ׳דערגעשטעלט. — דו וויינסט?

— זייט מיר מוחל, ר׳ מאיר יעקע, טייערער ר׳ מאיר יעקע! — האָב איך מיטן גאַנצן האַ־צן אַרויסגערעדט.

— דיר מוחל זיין? פאַרוואָס? וואָס האָסטו קעגן מיר געזינדיקט?

— איך... איך האָב אייך אַמאָל, אַמאָל פיינט געהאַט! — האָב איך וויינענדיק קוים אַרויסגעשטאַמלט.

— מוחל, מיין זון, מוחל! במחילה גמורה מוחל, אַלע מאָל מוחל. על שעבר ועל שעתיד. מעגסט מיך ווייטער פיינט האָבן, בין איך דיר אַלץ מוחל! — האָט ער מיך אַ הייב געטאָן אינדערהייך און מיך אויך שטאַרק געקושט.

— ניין, איצט האָב איך אייך שוין ליב, ר׳ מאיר יעקע, ווי מיין גאַנץ לעבן ליב... — האָב איך נאָך שלוכצנדיק געזאָגט.

— נו גוט, זייער גוט! איך האָב דיך אַלעמאָל ליב געהאַט און האָב דיך איצט נאָכמער ליב. נאָר וואָס וויינסטו נאָך? איך בין דיר דאָך מוחל, מיטן גאַנצן האַרצן מוחל!

און גאָט? — האָב איך געפרעגט.

— גאָט איז דיר אוודאי מוחל, מיין זון. גאָט איז אוודאי אַ גוטער און איז געוויס מוחל, ווער עס פאַרלאַנגט נאָר, ער זאָל אים מוחל זיין!

— און אין גיהנום וועט מען נישט פייניקן מיין נשמה דערפאַר, אפילו נישט אין מדור ראשון? — האָב איך נאָכגעפרעגט.

— וואָס פאַר גיהנום, וואָס פאַר נאַרישקייטן רעדסטו? אַ, דו מיינסט אוודאי דעם קעלמער מגידס גיהנום? זעסטו, אַז איך פאַרשטיי? נאַרישקייטן! ווי קומסטו אין גיהנום? אפילו אַ פּושע ישראל, זאָגט די הייליקע גמרא, וועט אויך נישט זיין אין גיהנום, און דער גמרא מוז מען מער גלויבן, ווי דעם שוטה, דעם קעלמער מגיד!

— און קלמן, דער אפיקורוס ?—האָב איך געפרעגט. — ער וועט אויך נישט זיין אין גיהנום ?

— ניין, מיין זון, ועמך כלם צדיקים, שטייט געשריבן! כלם צדיקים, יידן, אפילו קלמן אויך, ער איז אויך אַ ייד, נאָר אַ ביסל נישט קלוג, זאָל ער מיר מוחל זיין. קען לערנען און רעכנט, און פון אַ נאַרישער גאווה נאָר האָט ער אויף זיך אויסגעטראַכט, אז ער איז אן אפיקורוס... און אַז ער טוט אפילו אַמאָל וואָס ס'איז נישט רעכט, איז אבי ער האָט באַלד חרטה! דער רבונו של עולם אָבער, וואָס ווייסט דעם מענטשנס הארץ, זעט אויך קלמנס האַרץ, ווי צע־בראָכן עס איז פון יעדער נאַרישקייט, וואָס ער טוט...

— און עולם הבא וועט ער אויך האָבן ?—האָב איך אלץ ווייטער געפרעגט.

— אוודאי, אוודאי! — האָט ער געענטפערט. — כל ישראל יש להם חלק לעולם הבא. אַלע יידן, אפילו קלמן און נאָך ערגערע פאַר אים וועלן האָבן עולם הבא, שנאמר, ווייל עס שטייט אין פסוק: ועמך כלם צדיקים! אַלע יידן זענען צדיקים, איינער מער, איינער ווייניקער, אינאיינעם אָבער זענען אַלע יידן איין פאָלק... נאָר דאָ, אין דעם עולם השקר, מיינט מען, אַז עס איז דאָ גרויס און קליין, אָרעם און רייך... נאָר דאָ מיינט מען, אַז מ י י נ ע איז טאַקע נאָר מ י י נ ע און ד י י נ ע איז טאַקע נאָר ד י י נ ע. אויף יענער וועלט, וועט נישט זיין מער מיינע און דיינע, נאָר אַלעמענס! אין גן עדן איז איין חלק פאַר אַלעמען, פאַר דעם קלענסטן, ווי פאַר דעם גרעסטן! וואָרים אַלע יידן זענען גלייכע צדיקים!

— אפילו דער, וואָס דאַוונט נישט ? — האָב איך געפרעגט.

— אפילו דער, וואָס דאַוונט נישט! — האָט ר' מאיר יעקע מיט אַ קרעכץ געענטפערט דערפאַר דאַוונען פאַר אים צען אַנדערע יידן! פאַרשטייסט, מיין זון ?

— אָבער אַזאַ יידן מעג מען טייטנט האָבן! — האָב איך ווי מיט כעס אַרויסגערעדט.

— חלילה, מען טאָר קיינעם נישט פיינט האָבן! — האָט ר' מאיר יעקע געענטפערט. — עס זענען דאָ יידן אויף דער וועלט, וואָס פאַרדינען נישט זייער ברויט און קומען דיך בעטן אַ שטיקעלע ברויט. האָסטו זיי פיינט, אַז דו גיסט זיי אַ נדבה?

— ניין!

— אַזוי ברויך מען נישט פיינט האָבן יענעם, וואָס פאַרדינט אַליין נישט זיין עולם הבא און אַנדערע זענען אים מזכה! גוט און ווייל איז אָבער צו דעם, וואָס פאַרדינט דאָ זיין ברויט אַליין, און גוט און ווייל איז אויך צו יענעם, וואָס ווארט נישט, אַז לייט זאָלן פאַר אים טאָן מצוות. ער טוט אַליין און פאַרדינט אַליין זיין עולם הבא!... זיי, מיין זון, אַ קלוגער, און פאַרדין דיר תמיד אַלץ אַליין אי דאָ אויף דער וועלט, אי דאָרט אויף יענער וועלט!

אין די רייד איז די מאַמע אריינגעקומען. זי האָט אים געגעבן אַ נדבה, ער איז אַרויס פון שטוב, אָבער נאָך איידער ער האָט די מזוזה אַ קוש געטאָן, האָט ער זיך אויסגעדרייט צו מיר און אַזוי ליב, אַזוי גוט אויסגערעדט:

— געדענק!

און נאָך עד היום געדענק איך יענעם ליבן טייערן „געדענק!״

מיין גאַנצע מרה שחורה איז פון מיר אראָפּ, איך בין צוריק אַ פריילעך יינגל געוואָרן, ווי פריער. די מאַמע האָט געגלויבט, אַז דאָס האָט מאיר יעקע פון מיר אַ לחש אַראָפּגענומען, און פלעגט אים אָנווינטשן לאַנגע יאָרן און אַלדאָס גוטס.

גוטע אומשולדיקע קינדהייט! ווי אמת איז דאַן מיין רצון געווען, דעם אמת צו געפינען, און ווי שטאַרק האָט מיר לייד געטאָן מיין ספק!

ווי ערלעך און אָפנהאַרציק האָב איך מיין טעות דערקענט און זיך געסטאַרעט אים אויסצובעסערן!

אויך היינט לייד איך אַמאָל דורך אַ פאַלשן באַגריף, דורך אַ טעות.

האָב איך אַמאָל פיינט דעם, וואָס איך ברויך אים ליב צו האָבן, און איך האָב ליב דעם, וואָס איז מיין ליבשאַפט נישט ווערט. און אַז עס טרעפט שוין אַפילו, אַז איך זע שוין איין מיין טעות, פאַרוואָס קען איך היינט אַזוי אָפנהאַרציק און מיט אמת נישט אויסבעסערן מיין טעות, ווי דעמאָלט, בעת איך האָב מאיר יעקעס האַנט געקושט און מיט פרומע טרערן באַגאָסן?...

צי בין איך איצט אַנדערש געוואָרן, צי איז דער היינטיקער מאיר יעקע נישט מער, וואָס ער איז געוועזן?...

חבלי־משיח.

אין חסידים־שטיבל זיצן עטלעכע בטלנים.

נישט בטלנים, אָרעם־בחורים, וואָס קומען פון דער פרעמד דאָ פאַר זיך אָדער אין אַ ישיבה צו לערנען, נאָר אַזוי לייַדיקע יידן אָן געלט און אָן דאגות, וואָס קיינער שטערט זיי נישט צו זיצן אין שטיבל און בטלנים צו זיין.

ר׳ פישל ביילע־מנוחהס, אַ חסיד, אַ ווײַדענער ייד, אַ פופ־ציקער, אַ חלוש בטבע, פאַרלאָזט זיך אינגאַנצן אויף זיין ווייב ביילע־מנוחהן, מישט זיך נישט אין אירע עסקים אין קראָם פון הערינג, זאַלץ און זייף און נאָך אַנדערע גראָבע פויער־מינים, לאָזט זי האָבן קינדער, וויפל זי וויל, זיי האָדעוועט און חתונה מאַכן מיט זייערע באַ־שערטע נאָך זיין פיינעם ערך נאָך, לאָזט זיך צו דער חופה אויסרופן:

— הרב ר׳ פישל, דער אבי הכלה די כלה בענטשען!״ נעמט אויך צו „מזל טוב״ פון אַלע געסט, און גאָר.

שבת און יום טוב מאַכט ער אויך קדוש און הבדלה אינדער־היים, אינמיטן וואָך עסט ער אינדערהיים און לערנט זוהר אין שטיבל. אָבער ווינטער, אַז ס׳איז אויפן גאַס קאַלט, הייסט ער זיך ברענגען אין שטיבל.

ר׳ ישראל שוחט, אַ זקן פון אַ יאָר זיבעציק, אַ מאָגערער, לאַנ־גער ייד מיט אַ קליין ווייס בערדל, האָט שוין מיט אַ יאָר דריי צוריק די שחיטה איבערגעגעבן זיין יינגערן איידעם, באַקומט פון אים פאַר דער חזקה וויפל ער ברויך אויף זיינע קליינע הוצאות, עסט ביי דער עלטערער טאָכטער און נעכטיקט אין שטיבל.

ר׳ משולם מלמד, אַ ייד אַן אַלמן פון צווייטן ווייב, האָט נאָר איין זון אין אַמעריקע, אַ פּרעזידענט אָדער אַזוי אַ גרויסער לייט.

געסתמא, ווי ער אַליין שרייבט אין זיינע בריוולעך. איינמאָל אין יאָר שיקט ער דעם טאַטן אַן אָנווייזונג אויף צען דאָלאַר, פון וואָס ר׳ משולם האָט ממלא צו זיין, וואָס אים פעלט נאָך אויף הוצאות צו זיין מעמד פון מלמדות.

ר׳ משולם איז אַ חסיד, וואָס איז שטענדיק שטאַרק פאַרטיפט אין קבלה, ווייס זיכער, אַז די גאַנצע וועלט איז באַשאַפן פון רבינס וועגן, נאָר דער רבי, זאָל לעבן, וויל פון דער וועלט נישט נהנה זיין מער, וויפל חסידים גיבן אים.

ר׳ משולם וואַרט אפילו אויף זיין דריטן זיווג. נאָר ביז וואַנען, וואָס, איז אים אַ שאָד די דריי קערבלעך אַ חודש דירה-געלט. אין גלאַט אַזוי וואָס טויג עס אים, אַן אַלמן, צו זיצן אַליין אין אַ דירה. האָט ער טאַקע צוזאַמענגענומען זיין ביסל זאַכן, אָפּגעגעבן עס אַ קרוב צו באַהאַלטן און האָט זיך אַליין אַריינגעקליבן אין שטיבל.

ערשט אַ טאָג דריי, אַז ר׳ משולם איז פון ווינאָגראַדקע געקומען, וווהין ער איז געגאַנגען צופוס זיך מיישב זיין מיטן רבין מכוח אַ דריטן זיווג.

און ער דערציילט איצט ר׳ פישלען און ישראלן מיט גרויס התפעלות פון זיין נסיעה.

— איך האָב אַ ווילדע הנאה געהאַט, — זאָגט משולם, — איך פאָר דאָך שוין אַ יאָר דרייסיק, פערציק, צי נישט מער. און האָב קיינמאָל אַזאַ משונה הנאה נישט געהאַט, ווי הייניקס מאָל.

— פון וואָס, למשל? — פרעגט ר׳ פישל.

— פון אַלץ, — ענטפערט משולם. — ראשית, איז דאָסמאָל עפּעס אַ קיעווער גביר געקומען, מען האָט געזאָגט אַ גרויסער אדיר, וואָס האָט אפשר כמה כיליאָן און ער האָט, חוץ נדבות, אַלע אָרעמעלייט געהייסן שטעלן טישן, פאַר אַלע אורחים, אפילו פאַר רייכע, און אויף זיין חשבון געגבן עסן כל טוב. י״ג און י״ש איז געווען לרוב. איך, למשל, האָב אַ חוץ דאָס ביסל שיריים פון רבינס כוס של ברכה אפילו נישט טועם געווען—נישט פון י״ג, נישט פון י״ש. איך טויג מיך נישט דערצו. חסידים אָבער האָבן גוזמאות געטרונקען און זענען געווען בגלופין. שנית, האָט דערדאָזיקער גביר, בעיני ראיתי, טאַקע בעת דער סעודה אַרויסגענומען עפּעס אַ מין הפלאדיק סאַמעט פּושקעלע, אַ קוועטש געטאָן ערגעץ אַ פּרוזשינקע, האָט זיך קונציק געעפנט פון זיך אַליין דאָס דעקל, און ער האָט אַרויסגענומען אַ טייער גינגאָלדן

טאַבאַקערקעלע, אַ הפלא־זאַך... חסידים האָבן זיך געוואָרפן אַ קוק טאָן אויף דאָס טאַבאַקערקעלע, און מען האָט שיער מענטשען נישט צעטראָטן.

איך האָב אפילו אויך געכאַפּט אַ שטויס אין זייט, אָבער איך האָב דאָס טאַבאַקערקעלע געזען, גוט געזען... מבינים האָבן עס געשאַצט אין כמה אלפים קערבלעך, נאָר אין מיינע אויגן איז עס נאָכמער ווערט. איך האָב אַזאַ טייער טאַבאַקערקעלע אין מיין לעבן נישט געזען. שלישית, האָט שפּעטער דער רבי, זאָל לעבן, בעצם ידו געטיילט צו שמעק טאַבאַק איטלעכען חסיד ביים טיש. כ׳האָב מיט דריי פינגער אַ שמעק טאַבאַק אָנגענומען, וואָס איז מיר געגוג געווען אויף אַ גאַנצן טאָג. און בעת מעשה האָט דעם רבינס פּנים געשיינט כתואר פּני החמה ממש. מ׳האָט באַלד דערקענט, אַז דער רבי האָט משונה הנאה פון דער מתנה און עס איז איצט אַ עת רצון. מ׳האָט געשמועסט צווישן עולם וועגן גרויסע ישועות אויפן כלל יידן. איך האָב אַליין געפילט, איך בין מלא שמחה יחדוה. ס׳האָט זיך עפּעס אַ מין עליות נשמה געפילט. נאָר שפּעטער, אַז כ׳האָב געוואָלט צוקומען צום רבין, רעדן וועגן מיין ענין, צוליב וואָס כ׳בין געקומען און מ׳האָט מיך נישט אַריינגעלאָזען, האָב איך דורכן שלאָס פון טיר געזען ווי דער רבי, זאָל לעבן, זיצט מיט דעמדאָזיקן עושר. אָבער, מיינט איר, ווי זיצט ער? טאַקע ווי אין פּסוק שטייט: מה טוב ומה נעים שבת אחים גם יחד. אָט ווי איך זיץ און שמועס דאָ מיט אייך, און אַזוי שעות גאַנצע, בין איך שיער נישט נכשל געוואָרן מיט אַן עבירה פון לא תחמוד... איך האָב געפילט, אַז כ׳בין מקנא יענעם קיעווער עושר, און מיר האָט זיך אויך געוואָלט זיין רייך, ווי ער, איך זאָל אויך קאָנען דעם רבין שענקען אַזאַ גינגאָלדן טאַבאַקערקעלע און זאָל אויך אַזוי זיצן שעות גאַנצע אין אַ חדר מיוחד און שמועסן מיטן רבין... און אַזוי שטאַרק האָט זיך מיר דאָס געוואָלט, אַז איך האָב געפילט, אַז איך פאַל אַריין אין עצבות... גוט נאָך, וואָס איך האָב געהאַט אַ שמעק טאַבאַק פונם רבינס טייער טאַבאַקערקעלע, האָב איך באַלד אַ שמעק געטאָן... אָבער אויך גוט אַ ניס געטאָן, אַז עס איז מיר ליכטיק געוואָרן אין די אויגן און האָב טאַקע תיכף געהאַט אַ הרהור תשובה... איר מעגט זאָגן, וואָס איר ווילט, זען מיט די אויגן אַזאַ כבוד, אַזאַ מין גדולה פון אַן עושר איז טאַקע אַ גרויסער נסיון, נישט עובר צו זיין אויף לא תחמוד!

— פון וואָס ער ווערט דאָ נתפּעל! — רופט זיך אָפּ ר׳ פישל. —

איך גיב אַ פּיאַטאַק פאַר אייער קיעווער עושר און פאַר זיינע עשירות!
אויך מיר אַן עושר אויף דער וועלט! זינט איך האָב געהערט שמועסנ-
דיק פון ראָטשילדס עשירות, האָבן ביי מיר אַ פּנים אַלע היגע מיליאָ-
נערן, ווי קבצנים, דלפנים, נישט כדאי גאָר פון זיי צו רעדן. ווער
פון זיי, למשל, האָט אייגענע קוואַלן פון קוועקזילבער? דאָס האָט נאָר
ראָטשילד אליין. אָט שעפּט ער אויס אַ טויזנט עמער און אָט, אין אַ
שעה אַרום, קוואַלן אַן נאָך טויזנט... און האָט איר אַ השגה, וואָס עס
קאָסט אַ פולער עמער קוועקזילבער? פרעגט ביי מיין ביילע-מנוחהן,
וועט זי אייך זאָגן... איך בין לענגער געווען ביי מיר אין קראָם, האָט
אַן ערל געהאַט אין אַ פּיצל קליין פלעשעלע אַ טראָפּעלע קוועקזילבער, ווענ-
קער אפשר, ווי אַ שמעק טאַבאַק. ער האָט עס געקויפט אין אַפּטייק
און באַצאָלט דערפאַר פינף גילדן... בעת מעשה האָב איך באַררעכנט,
אַז ראָטשילדס אייגנס איז טאַקע גאָר אין לשער, מ'קען עס גאָרנישט
משיג זיין. היינט ווּ זענען זיינע קרקעות, נכסים און מטלטלין און גלאַט
מזומן געלט? און איר, ר' משולם, ווערט נתפעל פון אַ קיעווער עושר,
וואָס גיט דעם רבין אַ גינגאָלדן טאַבאַקערקעלע?... לאָז זיין, דאָס
טאַבאַקערקעלע קאָסט טאַקע כמה אלפים, לאָז זיין, אַז דער עושר האָט
טאַקע מיליאָנען, אָבער קעגן ראָטשילדן איז ער דאָך אַ דלפון, אַ בעט-
לער, רחמנא יצילנו!

— ווי איז די מעשה, ר' פישל, — פרעגט משולם, — עס איז
טאַקע דאָ אַזאַ ראָטשילד ערגעץ אין דער וועלט?

— און וואָס האָט איר געמיינט? — פרעגט ר' פישל צוריק.

— איך מיין נאָך איצט אויך, אַז ראָטשילד איז גאָר במציאות
נישטאָ, — ענטפערט משולם. — עס ס'איז נאָר אַ גוזמא בעלמא, אַ מין
משל אויף גרויסע עשירות, אַ שטייגער, ווי די גמרא זאָגט: איוב לא
היה ולא נברא, אלא משל היה.

— אַ שיינער משל! — לאַכט ר' פישל. —קוואַלן מיט קוועקזיל-
בער אַ משל! און די מלכי מזרח און מערב, וואָס לייען ביי אים
געלט אויף זייערע מלחמות, איז אויך אַ משל?

— און וואָס איז די ראיה, אַז נישט? — שפּאַרט זיך ר' משולם. —
מיר דאַכט, אַז דער קיעווער עושר איז פאַרט דער גרעסטער גביר...
אַי, איר זאָגט ראָטשילד? איז ראָטשילד לא היה ולא נברא, אלא משל
היה! והא ראיה, אַז ראָטשילד איז נאָר אַ משל, זאָל מיר זאָגן אַ יליד

אשה, אז ער האָט ראָטשילדן אַזוי געזען, מיט אים ביים רבין ביי איין טיש געגעסן, ווי איך מיט דעם קיעווער גביר!

— איך האָב פיינט, אַז יידן שפּאַרן זיך, נישט וויסנדיק פון וואָס און ווען, — מישט זיך אַריין ר׳ ישראל דער שוחט. — האָב איך נישט געזען ראָטשילדן און מיט אים נישט געגעסן ביי איין טיש, ווי ר׳ משולם וויל דווקא, האָב איך אָבער דאָך אַ ראיה, אַז עס איז דאָ אַ ראָטשילד, אַז ער איז טאַקע משונה רייך, ווי ר׳ פישל זאָגט און אַז מיר וועלן טאַקע זוכה זיין דורך אים צו קומען במהרה בימנו אין ארץ־ישראל! הערט נאָר אויס אַ מעשה, ווי אַזוי איך בין צו דער ידיעה געקומען. מיין איידעם קאָנט איר דאָך, ער איז נישט קיין שקרן, איז זיך, דאַכט זיך, אַ שטילינקער, אָבער איך ווייס, אַז ער איז אַ שטאַרקער יודע אין הוהיות העולם — פאַרשטייט די פּאָליטיקע קונציק. מיט אַ חודש צוריק איז ער געווען אין קיעוו. ער האָט נאָך צו טאָן מיט זיין פּריזיוו. און הערט—וואָס אַן אַנדערער וואָלט נישט געמאַכט מיט כמה אלפים, האָט ער באַקומען מיט איין בקשה, וואָס ער האָט אַליין געשריבן בעצם ידו! אַז מען זאָגט אייך אַ מענטש אַ דעתן, אַ ־קאָניק, ברויכט איר וויסן, אַז ער איז נישט קיין יינגעלע. קומענדיק פון קיעוו, האָט ער מיר געבראַכט אַ מתנה, וואָס מיינט איר? אַ מתנה, זאָג איך אייך, וואָס איז ביי מיר ווערט כל הון דעלמא, אַ פלעשל וויין, דאַכט זיך, און פאָרט איז נישט אָפּצושאַצן, וואָס אַזאַ פלעשל וויין איז ווערט! אַ פלעשל וויין פון הר הכרמל! בעיני ראיתי, אפילו די חתימה, מיט וואָס דער וויין איז פאַרחתמעט, איז אויך מיט יידישע אותיות, אמתע מרובעים! אויפן פלעשל איז אַרויפגעקלעפּט ג׳וועןאַ מין קוויטל, אויסגעמאָלט, ווי די מרגלים טראָגן דעם אשכול. איך געדענק שוין נישט דעם נוסח אינגאַנצן, נאָר איך געדענק קלאָר, ווי איך האָב אַליין איבערגעלייענט, אַז דער וויין איז פון ראָטשילדס וויינגאָרטן פון ארץ ישראל, מסתמא, פונם הר הכרמל. איך האָב דעם וויין טועם געווען, און איך זאָג אייך, אַז איך האָב בחוש געפילט, אַז איך בין טועם אמתן ארץ ישראל־וויין... טויזנט טעמים! ווו זעט מען באַך אַזאַ וויין אין חוץ לארץ? און טאַקע ביי אַ גלעזל ארץ ישראל־וויין האָט מיר מיין איידעם דערציילט, אַז אין די גרויסע שטעט איז שוין גאָר קיין סוד נישט, אַז ראָטשילד, זאָל אים גאָט העלפן, האָט שטאַרק בדעה אָפּצוקויפן פונם טערק גאַנץ ארץ ישראל!... ער קויפט דאָרט וואָס אַ יאָר אַלץ נייע פעלדער, נייע ווייַנגאַרטנער, באַזעצט

אויף זיי יידן, און די יידן זיצן טאַקע איש תחת גפנו ואיש תחת תאנתו, און ער וועט מיט דער צייט אָפּקויפן אַזוי ביסלעכווייז גאַנץ ארץ ישראל!... זעט איר, ר׳ משולם, אַז ראָטשילד איז נישט קיין משל, מיר ליגט נאָך דער טעם פון זיין ווייַן אויפן צונג.

— נו, — פרעגט משולם, — און אָט דערדאָזיקער ראָטשילד איז טאַקע אַ ייד?

— איר הערט דאָך, אַז איך האָב פון זיין וויין געטרונקען, — ענטפערט ר׳ ישראל מיט רוגזה. — וואָלט איך דען טרינקען, חלילה, אַ וויין, וואָס איך ווייס נישט זיכער, אַז ער איז כשר?

— און טאַקע אַזוי משונה רייך, ווי ר׳ פישל וויל האָבן? — פרעגט משולם ווידער.

— מסתמא אַזוי רייך, און אפשר נאָך רייכער! — דערקלערט ר׳ ישראל.—מען שמועסט דאָך, אַז ער וויל אָפּקויפן גאַנץ ארץ ישראל און צו אַזאַ קניה מוז מען האָבן, דאַכט מיר, קרחס אוצרות!

— און וויפל, זענט איר משער, דאַרף קאָסטן דאָס גינגאָלדענע טאַבאַקערקעלע, וואָס אַזאַ ראָטשילד ברענגט דעם רבין, זאָל לעבן, אַז ער קומט צו אים אַמאָל אויף אַ רגל?...

— איר ווייסט גאַרנישט, וואָס איר רעדט!—ענטפערט ר׳ ישראל. — ראָטשילד פאָרט נישט צום רבין!

— ווי הייסט? איר זאָגט דאָך, אַז ער איז אַ ייד, און איר האָט געטרונקען אַליין זיין וויין? — פרעגט משולם פאַרוואונדערט.

— נאָכמער רבותא, וועל איך אייך זאָגן, — רופט זיך אָפּ ר׳ פישל. — כפי איך האָב געהערט, איז גאָר ראָטשילד א דייטש מיט אַ קאַפּעלוש, און עס איז נאָך אַ יש-אומרים, וואָס ווילן האָבן, אַז ער איז א גלוח אויך!

— ע! — גיט זיך אַ הייב ר׳ משולם, אַ מאַך טוענדיק מיט דער האַנט. — טאָ וואָס איז אין אים דער יחוס? בין איך נישט מקנא זיינע אוצרות, זיינע ברונעמס מיט קוועקזילבער! וואָס טויג ער מיר? מוחל, נישטא וואָס מקנא צו זיין, און איך וויל גאַרנישט הערן מער פון אים!

מיט די רייד וויל משולם אַוועקגיין אין אַ זייט אָבער ר׳ ישראל׳ן פאַרדריסט עס און ער געפינט פאַר נייטיק זיך איינצושטעלן אַ ביסל פאַר ראָטשילדן.

— זייט נישט אין כעס, ר׳ משולם, — האַלט אים ר׳ ישראל

אָפּ צוריק. — אל תדין את חברך עד שתגיע למקומו. מען טאָר אַ ייִדן נישט דן זיין, ביז מען איז אַליין נישט געפּרואוט מיט אַזאַ נסיון, ווי יענער.

— ווייס איך, וואָס איר רעדט! — לאָזט זיך משולם נישט איבעררעדן.—איר ווילט מיך איינשמועסן, אַז ווען איך וועל זיין אַזוי רייך, ווי ראָטשילד, וועל איך צום רבין נישט פאָרן! אדרבה, הלוואי האָב איך ראָטשילדס אוצרות, ווי צו מיין טאַבאַקערקעלע, וואָס איך וואָלט צו איטלעכן רגל ברענגען דעם רבין, וואָלט קיין גלייכן נישט זיין אין דער גאַנצער וועלט. און, שנית, נו, ווי וואָלט זיך דאָס אין מיר נעמען אַזאַ מין הולטייסטווע, צו זיין אַ דייטש מיט אַ קאַפּעלוש? דאָס, וואָס ר' פישל זאָגט, אַז ער איז אַ גלוח אויך, גלויב איך גלאַט נישט, און מ'קען עס נישט גלויבן. ניין, אַ חרפה, בנאמנות, נישט שיין פון ראָטשילדן, וואָס טויג אים אַ דייטש צו זיין? וואָס טויג אים דער קאַפּעלוש? פע, זייער אַראָפּגעפאַלן אין מיינע אויגן!

—אָבער איר לאָזט גאָרנישט רעדן! — שרייט ר' ישראל האַלבהייזעריק. — ראָטשילד איז, ערשטנס, אַ קרוב למלכות און אים איז על פּי דין מותר, וואָס מיר און וואָס אייך איז על פּי דין אָסור. פאַרשטייט איר, ר' משולם, וואָס איך זאָג אייך? שנית, ווייסט גאָר ראָטשילד פון אונדזער רבין נישט... פאַרשטייט איר, ווי מיין איידעם זאָגט, זענען נאָך דאָ גאַנצע מדינות מיט ייִדן, וואָס זיי ווייסן גאָר פון אַ רבין נישט. ס'קען זיין, אַז צוליב דעם אַליין קומט נאָך משיח נישט, אָבער ייִדן זענען זיי פונדעסטוועגן, שוגגין, זיי ווייסן פשוט נישט, און ראָטשילד ווייס טאַקע אויך נישט.

—דאָס, זעט איר, איז ביי מיר גאָר אַ נייס! — רופט זיך אָפּ ר' משולם, אַ ביסל אָפּגייענדיק פון כעס. — אָבער זאָגט מיר, ווען ראָטשילד, למשל, וואָלט וויסן, אַז עס איז דאָ אַ שטעטל ווינאַגראָדקע און דאָ זיצט אַזאַ צדיק ווי אונדזער רבי, וואָלט ער קומען צו אים כאָטש איינמאָל אין יאָר?

—בלי שום ספק! — ענטפערט ר' ישראל. — אָט דאָס שמועסט מען דאָך. ווען ראָטשילד זאָל נאָר וויסן, וואָלט ער שוין לאַנג געקומען צום רבין און וואָלט געוואָרן אַ לייט. זיין גאַנצער חסרון ראָטשילדס איז, וואָס ער ווייס נישט.

—פאַרוואָס טאַקע זאָל זיך נישט געפינען איינער, וואָס זאָל עס אים מודיע זיין? — פרעגט משולם.

— אַט הייבט זיך אָן, פאַרוואָס? — ענטפערט ר' פישל. — איר מיינט, אַז אַלע אַזעלכע בטלנים, ווי איר, יידן, נעבעך, איז דער קאָפּ דערשלאָגן פון דאגת הפרנסה! אויף וואָס זאָל אַ ייד גיכער דאגהן: אויף דירה־געלט, קראָם־געלט, אויף אַ שוך, אַ בגד פאַר ווייב און קינד, פאַר אַ קינד חתונה מאַכן און נאָך אַזעלכע דאגות, וואָס לאָזן נישט עטעמען, צי גאָר גיין פאָרן אַן עק וועלט, דערפרעגן זיך, ווו ראָטשילד וווינט און אים דערציילן אַ מעשה, אַז אין ווינאַגראַדקע וווינט אַ רבי? בהמה, ער וועט אייך נישט גלויבן.

— און אַזוי גרינג קומט מען צו צו אים! — לייגט צו ר' ישראל. — ער האָט געבויג משרתים און עבדים, וואָס שטייען ביי זיין טיר און לאָזן נישט צו צו אים אַן אַ בילעט. הלוואי קען מען צו אים צוקומען, ווי איך וואָלט אים געבן צו פאַרשטיין, אַז עס איז אַ שאָד זיין געלט, וואָס ער וויל אַוועקגעבן דעם טערק. איך פאַרגין אים גאָרנישט, דעם פרא־אדם, ישמעאלן, אַזאַ אוצר געלט פאַר ארץ ישראל! אדרבה, על פי יושר און על פי דין ברויך דער טערק נאָך אונדז באַצאָלן אַרענדע־געלט פאַר ארץ ישראל. אַז ארץ ישראל איז אונדזער לאַנד, בהאָ כולא עלמא לא פליגי, דאָס לייקנט דאָך קיינער נישט!... אפילו דער טערק אַליין ווייס דאָס אויך, והאָ ראיה, עס הייסט דאָך עד היום ארץ ישראל, וואָס איז טייטש „דאָס יידישע לאַנד", הייסט פאַרוואָס קומט אים נאָך אַזאַ ממון געלט דערפאַר?

— און ווייסט איר, — זאָגט ר' ישראל. — מיר איז טאַקע אַ חדוש נפלא אויף ראָטשילדן, וואָס ער וויל אַריינשפּאַרן אַזאַ אוצר געלט אָט דעם פרא אדם. ווי די וועלט זאָגט, איז דאָך אַזאַ ראָטשילד מחויב צו זיין אַ דעתן, און מ'איז האָבן אַ שטיקל ידיעה אין מסחר אויך, ווי קומט עס, וואָס ער ווייס נישט, אַז געלט איז נישט קיין שמעלט, און גאָר אָן דיני דברים אים, איך מיין, ישמעאלן, אַריינרוקן אַזאַ מטמון! איר האָט דען אַ ידיעה וויפל דאָס קען זיין?

— צי האָב איך אַ ידיעה? — רעדט איבער ר' פישל. — איך האָב אַוודאי אַ ידיעה. צי פאַרשטייט איר אָבער, וויפל געלט מ'ברויך דערצו? קומט אַהער, וועל איך אייך אַ קלאָרן חשבון מאַכן. נאָך אין מיינע יינגלשע יאָרן האָט די גאַנצע וועלט געשמועסט, אַז מאַנטעפיאָר וויל אָפּקויפן גאַנץ ארץ ישראל און וויל, חיצדעם, אויך די מלכי מזרח און מערב געבן צו דריי רענדלעך פאַר איטלעכן יידן, וואָס געפינט זיך אין זייערע מדינות. אַמאָל איז אַ רענדל געוועזן אַ

גרויסע מטבע, היינט זענען רענדלעך גאָרנישט בנמצא, וועט דאָך מסתמא דער שמועס זיין אויף האַלבע אימפעריאַלן, וואָס דאָס קאָסט צווייסאָל אַזויפיל, וויפל עס האָט אַמאָל געקאָסט אַ רענדל. היינט ברויכט איר נישט פאַרגעסן, אַז פון מאַנטעפיאָרן ביז ראָטשילדן זענען טאַקע יידן נתרבו געוואָרן כפל כפלים, כן ירבו! היינט ווו נעמט מען אַזאַ קאָפּ דאָס אַלץ צו באַרעכענען, וואָס פאַר אוצרות מען ברויך צו האָבן אי פאַרן טערק, אי פאַר די מלכי מזרח און מערב! על כן זאָג איך: אַ שאָד יידיש געלט, און עס וואָלט טאַקע אַ יושר זיין, אַז עמעץ זאָל ראָטשילדן זאָגן, ער זאָל זיך אַזוי נישט איילן! ווער ווייס, וואָס עס קאָן נאָך זיין? אפשר וועט ער פאָרט אַמאָל געוואָר ווערן, אַז עס איז דאָ אַ רבי, ביי וועמען שואל עצה צו זיין און דער רבי, זאָל לעבן, וואָלט אים גלאַט אפשר וויזן גאָר אַן אַנדער דרך, ווי צו ארץ ישראל צוצוקומען גאָר אָן געלט...

— און איך מיין, — זאָגט ר׳ ישראל, — אַז באם ראָטשילד זאָל נאָר וויסן פון רבין, אַ שטייגער, ווי מיר ווייסן, וואָלט ער קומען צו אים בלי שום ספק, מיין איך, אַז דאָרט אין די עולמות עליונים וואָלט ווערן אַ רעש און אַ רושם, אַז מען וואָלט דאָרט דערזען עד היכן די אמונת צדיקים דערגרייכט, אַז אַזאַ מין משונהדיקער עושר, ווי ראָטשילד, שטייט פאַרן רבין באימה ופחד כעבדא קמיה מאריה, וואָלט פון דעם אַליין אפשר משיח קומען, און ער וואָלט פאַרשפּאָרן זיין געלט אויסצוברענגען אומזיסט.

— און באמת, — זאָגט ר׳ משולם, — וואָלט ראָטשילד געפונען אַ סך בעסערע זאַכן צו טאָן מיט זיין געלט... יידן זענען היינטיקע צייטן אַזוי געשלאָגן אין פרנסה, רחמנא לצלן! אָפּגענומען שענקען ביי יידן, עס גייען אום אָרעמעלייט – אַמאָליקע גאַנץ שיינע באַלעבאַ-טים. אין ווינאָגראָדקע זעט מען עס אָן. אַמאָל פלעגט אַ חסיד קומען צום רבין מכוח קינדער, מכוח שידוכים, גרויסע סוחרים וועגן שניי און רעגן... היינט וויפל קוויטלעך איך האָב געזען שרייבנדיק, איז עס אַלץ וועגן פרנסה, וועגן ברויט, וועגן אָרעמקייט, לא עלינו. און מיינט איר, מיר אַליין, כאָטש איך בין איין מענטש אַליין און מיין זון פון אַמעריקע שיקט מיר אַמאָל אין אַ שמיטה עטלעכע דאָלאַר, וואָלט אפשר נישט צונויץ געקומען אַ מיליאָן קערבלעך? איך וואָלט, ראשית, אָוועקוואַרפן דאָס מלמדות, איך האָב שוין פון קנעלן קיין הארץ און קיין לונגען נישט; שנית, ווער וואָלט צו מיר גלייך זיין,

אַז איך זאָל קאָנען קומען צום רבין מיט אַ שיינער מתנה פאַר אים, זאָל לעבן, און אים לייגן אַ פדיון, טאַקע אַ רעכטע מטבע? ווי וואָלט עס דער רבי צוגעלאָזט זיין צו מיר! היינט נאָך אַלע מיינע גליקן האָב איך געמוזט גיין ניין מאָל אהין און ניין מאָל צוריק, פשוט צופוס גיין, און קוים אויפן פינפטן טאָג זוכה געווען, דער רבי זאָל מיין קוויטל צונעמען און קוים מיט מיר אַ צוויי ווערטער אויס־רעדן... כ׳האָב גאָרנישט קיין צייט געהאַט אים צו זאָגן דעם עיקר, וועגן וואָס איך האָב געוואָלט זיך שואל עצה זיין, און שוין האָט דער גבאי מיר געוויזן די טיר, און גאָר!...

— און מיר וואלט אויך צונוץ געקומען כאָטש אַ האַלב מיליאָן קערבלעך... — זאָגט אויך ר׳ ישראל. — שונאי ישראל זאָלן אויף דער עלטער אָנקומען צו קינדער. מיין איידעם איז טאַקע אַ מזג טוב און גיט מיר די פאַר גילדן אַ וואָך, וואָס ער האָט זיך מתחייב געווען, אָבער ער איז דאָך מיין איידעם, מיין קבצן. און דאָס האַרץ טוט מיר געוואַלד ווי אויף יעדן גראָשן, וואָס איך נעם ביי אים. וואָרים איך ווייס, וויפיל אים דערגייט נישט, נעבעך, צו זיין הוצאה.

— אז איר זאָגט, אַז אייך וואָלט צונוץ געקומען, וואָס זאָל איך שוין זאָגן? — רופט זיך אָפּ ר׳ פישל מיט אַ זיפץ.—איך האָב נאָך דריי בתולות חתונה צו מאַכן און נישטאָ די יאָרן, וואָס אַמאָל... דאַכט זיך, די אייגענע קראָם, די אייגענע סחורה, דער פּריץ איז אָבער נישט דאָס, וואָס געווען, און דער גוי איז אויך היינט גאָר אַנדערש, וואָס אַמאָל. היינט איז שווער, זייער שווער פון געוועלבל אויפצוקלייבן נדן פאַר אַ קינד, און היינטיקער נדן איז דען וואָס אַמאָל? אַמאָל איז געווען דריי הונדערט גילדן אַ מטמון און דאָס פלעגט מען אויך נאָר אין די תנאים אָנשרייבן... אָבער קיינמאָל נישט אָוועקגעגעבן, און איצט איז דריי הונדערט רובל אויך קיין מטבע נישט... און וואָס עפּעס שרייבן אין די תנאים? היינט מוז מען נאָך קודם התנאים אוועקלייגן מזומן... עס העלפן נישט קיין הבטחות און קיין ערבות אפילו. חוצדעם, איז שוין טאַקע מיין ביילע־מנוחה אויך נישט דאָס, וואָס אין אירע יונגע יאָרן. אויסגעקינדלט זיך, אויסגעהאָדעוועט און איז שוין טאַקע נישט יונג אויך. על כן וואָלט טאַקע אַ יושר גדול זיין, אַז איידער דעם פרא־אדם, ישמעאלן, איז גלייכער מיר אויך מהנה צו זיין מיט אַ פאַר מיליאָן קערבלעך. נישקשה, ער האָט גענוג, ראָטשילד, עס וועלן אָנקוועלן נאָך אַ

טויזנט עמער קוועקזילבער. עס וועט גאָרנישט קענטיק זיין ביי אים!

— וואָס קומט ארויס פון די רייד, — זאָגט ר׳ ישראל, — אַז עס איז קיין מענטש נישטאָ, וועך עס זאָל נעמען די מצווה אויף זיך, ראָטשילדן דאָס אַלץ צו דערקלערן, און איך האָב שטאַרק מורא, ביז איינעם וועט צפעס ארייגפאלן, קען דערוויייל ראָטשילד אַריינשפּאַרן אַזאַ מטמון דעם טערק, און גיי דערנאָך און שריי חי וקים! וואָלט איך כאָטש מיט צען יאָר געווען יינגער, וואָלט איך זיך לאָזן אין וועג אריין. באַדיי צו פוס, באָדיי נישט עסן און נישט טרינקען, ביז איך וואָלט מיך דערשלאָגן צו ראָטשילדן, און דערקלערן אים וועגן דעם רבין און יועגן דער עצה, וואָס דער רבי קען אים געבן, ווי אַרייגצוקומען אין ארץ ישראל אָן אַ גראשן געלט.

— וואָס, למשל, קען זיין פאַר אַן עצה? — פרעגט משולם.

— מאַלא, וואָס דער רבי קען טאָן! — ענטפערט ר׳ ישראל. — דער רבי דאַרף נאָר זיך דורכרעדן מיט ראָטשילדן, און ראָטשילד איז קיין יינגל נישט. ער וואָלט דעם רבין תיכף תופס זיין און עס וואָלט אַרויסקומען אַ גרויסע ישועה...

— אַ שאָד די רייד! — זיפצט ר׳ פישל, וועלכער האט שטאַרק חשק געקריגן אויף די פאַר מיליאָן, וואָס ראָטשילד וואָלט אים אוודי נישט זשאַלעווען, ווען ער קומט נאָר צום רבין און דער רבי דער־קלערט אים, אַז צו באַקומען ארץ ישראל, ברויך ער דעם טערק איין פרוטה נישט געבן און בעסער זיין געלט צעטיילן יידן נצרכים אויף בדן פאַר טעכטער און טאַקע אָפּצופרישן יידישע קרעמלעך מיט אַ ביסל סחורה.

ר׳ פישל האָט ערשט איצט איינגעזען, וואָס פאַר אַ נצרך ער איז און ווי נייטיק די פאַר מיליאָן קערבלעך זענען אים און זיין ביילע־מנוחהן, און דערפאַר האָט ער אָנגעהייבן צו רעדן מיט פייער:

— מאָלט אייך,—האָט ער געזאָגט,—ווען אַזאַ ראָטשילד וואָלט גע־ווען אין אַמאָליקע צייטן, מיינט איר, וואָלטן זיך נישט געפונען יידען, וואָס וואָלטן באַדיי דאָס לעבן איינגעשטעלט און געגאַנגען צו אים? היינט בעוונותינו הרבים האָבן מיר קיין הייסע יידן נישט. איט־לעכער טראַכט נאָר פאַר זיך און דער כלל ישראל ליגט קיינעם גאָר אין זינען נישט. דער האָט אַ תירוץ: איך בין צו אַלט... וואָס דאַרפט איר ווייט זוכן? איך אַליין זאָג אייך, איך בין אַ חלוש, קוים וואָס איך לעב, און אַז איך זאָל שוין אפילו דערויף נישט קוקן, וועט

דען מיין ביילע־מנוחה מיך לאָזן גיין? אַ יידענע! ווי קומט זי צו פאַרשטיין, ווי גרויס די מצווה איז און וואָס פאַר אַ ישועה עס וואָלט אַרויסקומען פאַרן כּלל? גוט איז משולמען, אַ ייד נאָך בּיים גאַנצן כּוח, האָט נאָך שטאַרקע פיס אַ גאַנצע וועלט דורכצוגיין, האָט נישט קיין ווייב, קיין קינד, וואָס זאָלן אים צוהאַלטן ביי דער פּאָלע און שרייען: „משולם נישט גיי!“ נאָר מעשה שטן איז גראָד דער, וואָס האָט שוין יאָ די יכולת אַזאַ שליחות אויסצופירן, גלאַט אַ פּאַרטראַכטער ייד, אַ קאַלטע נשמה, לא עלינו, און אים אַרט נישט פאַרן כּלל... אין שטיבל איז ליכטיק און וואַרעם, ער קען דאָ שלאָפן, לערנען און טראַכטן, און וואָס ברויך אַזאַ משולם נאָך?

— וואָס זאָל איך טאָן? — פרעגט משולם מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן.

— צוויי זאַכן ברויכט איר וויסן, ר׳ משולם, — דערקלערט אים פישל, — איינס איז, אַז לא המדרש הוא העיקר, אלא המעשה. לערנען איז טאַקע אַ גאַנץ שיינע זאַך, אָבער לערנען לערנט אַ ייד, אַז דאָס לערנען זאָל אים ברענגען למעשה. און שנית, ברויך נאָך אַ ייד, וואָס האָט דעם אמתן רצון צו טאָן מעשים טובים, גאָרנישט פרעגן: וואָס זאָל איך טאָן? האָט נאָר דעם אמתן רצון, וועט אייך שוין דער רבונו של עולם דעם דרך ווייזן! פאַלט נאָר נישט אַראָפּ, וואָס איר זענט אַ בטלן. דווקא אַ בטלן פירט אַמאָל אויס די גרעסטע שליחות, וואָס דער גרעסטער חכם וואָלט עס נישט אויסגעפירט. כּדאי, ר׳ משולם, אַ טראַכט צו טאָן, און טאַקע קומען צו דער דעה, אַז אַ מענטש לעבט נישט פאַר זיך אַליין, און איטלעכער ייד איז מחויב דאָס לעבן זיינ׳ מקריב צו זיין פאַרן כּלל.

ר׳ משולם האָט פאַרוואונדערט געקוקט אויף ר׳ פישלען. אים האָט זיך געדאַכט, אַז ר׳ פישל ווייסט, וואָס ביי אים אין האַרצן טוט זיך איצט. און אין האַרצן ביי משולמען האָט זיך שטאַרק געטאָן: ער האָט נאָך פריער דאָרט אַ שטאַרקן רצון דערפילט צו גיין צו ראָטשילדן, און דער קאָפּ האָט געאַרבייט צו מאַכן דעם פּלאַן, ווי אַזוי זיין רצון אויסצופירן.

יידן זענען אָבער אין דער רגע אַריינגעקומען מנחה דאַווענען און דער שמועס האָט אויפגעהערט.

אַ גאַנצע נאַכט, נאָך אַזאַ לאַנגן שמועס, האָט ר׳ משולם נישט געקאָנט אַן אויג צוטאָן: ראָטשילד, ארץ ישראל און דער רבי זענען אים פון זינען נישט אַרויס.

— וואָס מען לעבט מער, אַלץ מער ווערט מען געוואָר!—האָט ער צו זיך גערעדט. — כ׳האָב כל ימי געמיינט, אַז ראָטשילד לא היה ולא נברא, איצט ווייס איך קלאָר, אַז ער לעבט און וויל נאָך אָפּ־קויפן ארץ ישראל. ר׳ ישראל איז נישט קיין שקרן! אַז ער זאָגט, ער האָט אַליין געטרונקען ראָטשילדס ווין פון הר הכרמל, גלויב איך אים, און צוואָס זאָל ער אַ ליגן זאָגן? נאָר דאָס, וואָס פישל זאָגט, אַז דער ראָטשילד איז אַ דייטש מיט אַ קאַפּעלוש און ס׳זענען נאָך דאָ גאַנצע מדינות יידן, וואָס ווייסן פון קיין רבין נישט, איז מיר זייער קשה צו זיין א מאמין! וואָס טויג ראָטשילדן דער קאַפּעלוש? איז ער אַ ייד און גאָט האָט אים געהאָלפן צו זיין אַזאַ עושר, וואָס ער קען גאַנץ ארץ ישראל אָפּקויפן, וואָס טויג אים אַ דייטש צו זיין? פע, ער איז ביי מיר דערפאַר שטאַרק געפאַלן! און אפשר איז עס אויך רעכט, אפשר קומט טאַקע, צוליב דעם אַליין, משיח נישט, ווייל נאָך נישט אַלע יידן האָבן שוין אמונת צדיקים און נישט אַלע פאָרן צו אַ גוטן ייד? מ׳קען וויסן, וואָס אין דער וועלט טוט זיך? דעריבער איז טאַקע אַ יושר אַזאַ ראָטשילדן די אויגן צו עפענען, ער זאָל וויסן פון ווינאַ־גראָדקער צדיקים. ראָטשילד מעג זיין מי יודע ווי קלוג, דאַרף ער אָבער וויסן, אַז דער ווינאָגראָדקער צדיק האָט אין איין פינגער מער חכמה, וויפל ער האָט אין זיין גאַנצן גבול, און אַז עמעץ וואָלט עס אים זאָגן, וואָלט ער באַלד פאַרשטאַנען און וואָלט תיכף אַריבערגעפאָרן קיין ווינאָגראָדקע.

אין אַזעלכע מחשבות איז משולם אומגעגאַנגען וואַכנדאַנג, גע־פרעגט זיך קשיות אויף ראָטשילדן, אויפן רבין, אויף משיחן און האָט די קשיות אַליין פאַרענטפערט.

מיט ראָטשילדן איז ער אַ גוטער ברודער געוואָרן. אמאָל פלעגט ראָטשילד קומען צו אים צו חלום אַהער אין שטיבל אַריין, און אמאָל פלעגט משולם אין חלום נישט פויל זיין צו גיין אַ עק וועלט ביז ראָטשילדס פאַלאַץ.

ער איז אין זיינע חלומות וואָס אַ נאַכט אַלץ מער מקורב געוואָרן צו ראָטשילדן, אַזוי, אַז ער וואָלט אים וואַכערהייט אין מיטן גאַס דערקענט.

און אזוי צוגעלאָזט איז ראָטשילד געוואָרן צו משולמען אין חלום, אַז איינמאָל האָט זיך ראָטשילד נישט געשעמט זיין גאַנץ האָרץ אויסצוגיסן פאַר משולמען, און ער האָט איב מגלה געווען, אַז זינט ער האָט פון אים געהערט וועגן ווינאָגראָדקער רבין, רייסט ער זיך פאָרן צו אים.

נאָר וואָס זאָל ער טאָן, אַז דער שטן שטייט אים אין וועג און לאָזט אים נישט פאָרן? און משולם זעט אין חלום, ווי דער שטן פאַרצוימט ראָטשילדן אַלע וועגן מיט אַ גאַנצער מחנה שדים, אַז זיי וועלן נישט לאָזן אָראָפּברענגען משיחן. ראָטשילד בעט אים, ער זאָל דאָס דעם רבין דערציילן און דער רבי זאָל טאָן, וואָס ער קאָן, אָפּצוווענדן דעם שטן פון זיין וועג.

אַז דער חלום איז אַ נבואה, האָט משולם געגלויבט באמונה שלמה. עס פאַרדריסט אים נאָר, וואָס ער האָט קיין שכל נישט געהאָט צו בעטן ביי ראָטשילדן דערוויל כאָטש אַ פּאָר מיליאָן קערבלעך, פאַר זיך און פאַרן רבין אַ פּדיון, ווי עס דאַרף צו זיין. און ר׳ משולם האָט אָנגעהייבן טראַכטן וועגן אויספירן זיין שליחות. וואָס אַ טאָג איז זיין רצון שטאַרקער געוואָרן: ער האָט אַ מאַסע קבלה ספרים דורכגעלערנט, צו פאַרשטיין דעם סוד המשיח, אויפגעזוכט אַלע מאמרים פון גאַנץ תלמוד, וואָס רעדן וועגן משיחן, און איז אים עפּעס קשה געווען, איז עס געווען דער מאמר התלמוד, אַז משיח קען נאָר קומען אין אַ דור, וואָס שכלו חייב אָדער שכלו זכאי, אין אַ דור, וואָס אַלע וועלן זיין צדיקים אָדער אַלע רשעים.

— כלו חייב, — האָט ער זיך גערעדט, — קען אַוודאי נישט זיין. לאָמיר זיך פאָרשטעלן, אַז דער יצר־הרע וועט קומען צו מיר, מיר צוזאָגן גאָלדענע בערג, איך זאָל ווערן אַ דייטש מיט אַ קאַפּעלוש, נו, וועל איך אים הערן? מיר דאַכט זיך, אַז איך וואָלט זיך בעסער אַ לעבעדיקער באַגראָבן, איידער איבערצוטראָגן די חרפה, צו ווערן אַ דייטש, רחמנא יצילנו, און גיין אינמיטן גאַס מיט אַ קאַפּעלוש און האָבן אַ פּנים פון חוזק. נאָר מ׳טאָר דאָך נישט זאָגן, אַז איך וויל זיין קליגער פאַר דער גאַנצער וועלט! אפשר וועט עס דעם יצר־הרע געראָטן, זאָל די שעה נישט זיין. אָבער וואָס וועט זיין מיט דעם רבין, זאָל לעבן? איז שייך, אַז דער רבי וועט אויך ווערן אַ דייטש? חלילה! ווי וועט דער יצר־הרע גאָר צוטרעטן צו אים? און אַז ער וועט אַ כפרה ווערן, רעדנדיק פון היינט עד סוף כל הדורות, וועט דער רבי

זיך לאָזן איבעררעדן צו אַן עבירה? זעען מיר דאָך, אַז אַ דור שכּלו חייב קען לחלוטין נישט זיין, אָבער אַ דור שכּלו זכּאַי, קען דערווייל אויך נישט זיין, כּל זמן ס'זעענען נאָך דאָ גאַנצע מדינות יידן, וואָס לעבן, ווי די פּראָים, רחמנא לצלן, אָן אמונת צדיקים, און ווייסן גאָר נישט, אַז עס איז דאָ אַ רבי אויף דער וועלט.

מיט דערדאָזיקער קשיה האָט ער זיך אומגעטראָגן וואָכנלאַנג, און איז אין אַ ספק געווען, צי וועט גאָר העלפן ראָטשילדס אָפּקויפן ארץ ישראל, כּל זמן נישט אַלע יידן ווייסן נאָך פון אַ רבין.

נאָר איינמאָל, לערנענדיק אין אַ קבלה־ספר אין שער התיקון, ווי גרו״ס די מעלה איז פונם צדיק, וואָס ער קען דורך זיין תפילה און דורך אַ פּדיון מתקן זיין דעם גאַנצן דור, האָט משולם געפילט ווי אים איז ליכטיק געוואָרן אין מוח. ער האָט אויף זיין קשיה געפונען אַ תירוץ.

— יגעתי ומצאתי תאמין! — האָט ער מיט שמחה אויסגעשריען.— אַז איך האָב געזוכט, האָב איך טאַקע געפונען. פון הימל האָט מען מיר אָנגעוויזן, ווי אַזוי דאָס קען זיין, אַז דער דור זאָל זיין זכּאַי און משיח זאָל מחויב זיין צו קומען. ראָטשילד ברויך נאָר צו געבן פאַר איטלעכן יידן, פאַר טף ונשים, אפילו פאַר דייטשן, אַפילו פאַר אַפּיקורסים, וואָס גלויבן נישט אין אַ רבין, צו ח״י גילדן פּדיון פאַר איטלעכן, און אין דער רגע, וואָס דער רבי וועט צונעמען דעם פּדיון פאַרן גאַנצן כּלל ישראל, וועט ער טאַקע אַלעמען מתקן זיין, וועט טאַקע דער גאַנצער דור ווערן זכּאַי, וועט שוין משיח ממילא קומען, און אַז ער וועט קומען, וועט דער טערק מוזן אָפּגעבן ארץ ישראל אָן אַ גראָשן.

אַדרבה, ער וועט נאָך מוזן צוצאָלן אַרענדע־געלט, וואָס יידן קומט, וואָס ער האָט אונדזער לאַנד אַזוי לאַנג געהאַלטן אומזיסט.

ראָטשילד איז אַ ייד אַ סוחר און פאַרשטייט אַ חשבון, אַז אַזוי וועט אים בעסער לוינען, ווי צו צאָלן אַפילו צו דריי רענדלעך פאַר איטלעכן יידן!

ר' משולם האָט עס באַרעכנט אויפן פּאַפּיר מיט טינט און פּע־דער, און האָט באַשלאָסן, אַז פונם געלט, וואָס ראָטשילד וועט דורך דעם פּלאַן פאַרדינען, קומט אים הע״פּט, לכל הפּחות, אַ העלפט.

און ער האָט זיך אָנגעהייבן צו גרייטן אין וועג אַריין, צו ראָטשילדן.

פריהער פאַר אַלץ אָבער מוז ער זיך זען מיטן רבין. דער רבי זאָל אים בענטשן און געבן אַ שמירה אין וועג אריין, — אַז דער שטן זאָל אים גאָרנישט קענען טאָן.

אין אַ שיינעם פרימאָרגן האָט ר׳ משולם געפּראַוועט צ״ה טבילות אין מקווה, אָפּגעדאַוונט, גענומען דעם טלית און תפלין אונטערן אָרעם און זיך געלאָזט אין וועג אריין צום רבין.

עס האָט אים אפילו שטאַרק געאַרט די דאגה, וואָס ער גייט אָן איין קאָפּיקע ביי דער נשמה. פאַר זיך ברויך ער טאַקע גאָרנישט, אָבער דעם רבינס פדיון מוז מען דאָך לייגן.

דעם גבאי, וואָס שטייט ביים טיר, מוז מען דאָך אַ גילדן אריינרוקן אין האַנט, אַז נישט קען ער אים אָפּהאַלטן גאַנצע וואָכן, איידער ער וועט אים צולאָזן צום רבין, און אַ שאָד די צייט!

אָבער ער האָט באַרעכנט, אַז פדיון דעם רבין קען ער לייגן אַ העלפט פון זיין חלק לעולם הבא.

וואָס האָט ער איצט אייגנטלעך צו זשאַלעווען?

ער ווייס, אַז באַם זיין פּלאַן וועט אויסגעפירט ווערן, איז גאָר קיין גבול נישטאָ צו זיין גרויסן חלק עולם הבא.

אַ קלייניקייט, מקרב די גאולה זיין און אראָפּברענגען משיחן!...

געגוג פאַר אים אַ העלפט, די אַנדערע העלפט פאַרגינט ער דעם רבין פאַר זיין ברכה און שמירה אין וועג.

דעם גבאי וועט ער נישט הערן. וועט ער אים וועלן גלויבן אויף אַ צייט, וועט ער אים אַמאָל אָפּצאָלן מיט טויזנטער פאַר דעם גילדן, אלא נישט, וועט ער זיך אריינרייסן צום רבין מיט געוואַלט.

און אַזוי גייט ר׳ משולם אין וועג.

ער הערט, ווי דיביימער אין וואַלד רעדן, סודען זיך, און אים דאַכט זיך, אַז ער הערט, אַז דאָס סודען זיי זיך וועגן אים. ער זעט ווי זיי בייגן זיך און בוקן זיך צו אים, זיי זינגען שירה, ווייל זיי ווייסן שוין אין וואָס פאַר אַ שליחות ער גייט, און זיי ווייזן אים בחוש, אַז עס זענען שוין טאַקע משיחס צייטן, וואָס דעמאָלט וועלן אַלע ביימער פון וואַלד זינגען.

ער איז זיי דעם כבוד מוחל. ער וויל זיי בעטן, זיי זאָלן נאָר זייער שמחה נישט אַרויסווייזן, אַז דער שטן זאָל עס נישט געוואָר ווערן.

נאָר עס טוט אים אַ הנאה פונדעסטוועגן און ער גייט ווייטער,

פילט נישט קיין מידקייט, הערט נישט דעם הונגער, גייט און זאָגט מזמורים פון תהלים, השבעות פון זוהר, ביז עס ווערט נאַכט.

קומט ער צו צו ערגעץ אַ קרעטשמע אין וועג, וואַשט די הענט, דאַוונט מעריב, לייענט קריאת-שמע מיט ודויים און פסוקים, לייגט זיך שלאָפן, שטייט אויף פאַרטאָג, דאַוונט און גייט ווייטער, ביז ערשט אויפן דריטן טאָג איז ער געקומען אין ווינאָגראָדקע.

און כאָטש ער פילט נישט קיין מידקייט, דערקענט אים קיינער נישט-אַזוי אָפגעצערט און איינגעהושכט איז ער געוואָרן פון זיינע תעניתים-מקואות און פון זיין וועג צופוס.

דאָס פנים בלאָס, די ליפן בלוי און טויט. און נאָר די אויגן ברענען מיט אַ נישט נאַטירלעכן פייער.

אַ גאַנצן טאָג האָט ער צוגעגרייט און מסדר געווען זיינע רייד צום רבין.

אויף מאָרגן האָט ער זיך אָנגעהייבן צוצושטופן צום טיר, וווּ דער גבאי שטייט מיט א שליסל, לאָזט אַריין און לאָזט אַרויס איט-לעכן אורח אין רבינס חדר.

משולם האָט געפרווט רעדן מיטן גבאי, אים געזאָגט, אַז ער איז געקומען וועגן זייער אַ וויכטיקן ענין. ער וועט אים איבגיכן מיט טויזנטער באַצאָלן פאַר דעם איין גילדן, וואָס ער האָט אים איצט נישט צו געבן, אָבער דער גבאי איז האַרט, ווי אַ שטיין און לאָזט אים נישט אריין אין חדר.

ר' משולם טרעט אָבער נישט אָפּ, כאָטש דער גבאי איז אים איטלעכע מינוט מכבד מיט אַ שטויס אין זייט.

פלוצלונג האָט משולם מיט אַן איבערנאַטירלעכן כוח אַ כאַפּ גע-טאָן דעם שליסל פון גבאיס האַנט, אַ דריי געטאָן דעם שלאָס, אַ ריס געטאָן די טיר און איז גלייך אַריינגעלאָפן צום רבין.

דער גבאי האָט זיך אַ יאָג געטאָן נאָך אים, אַ כאַפּ צו טאָן אַזאַ עזות מחוצף פאַרן קאָלנער און אים אַרויסוואַרפן צו אַלדע רוחות, אָבער משולם האָט גענומען שרייען:

— רבי, נישט לאָזט דעם שטן מיר בייז טאָן! איך בין געקו-מען אין אַ שליחות פון כלל ישראל!

דער רבי האָט עס אפילו נישט געהערט, נאָר גענוג געווען אַ קוק צו טאָן אויף זיין חשכדיק פנים און צו פאַרשטיין, אַז ער האָט

דיין לעצטע האָפענונג אויף אים. דעריבער האָט דער רבי געהייסן דעם גבאי אַרויסגיין און לאָזן דער צעשראָקענעם ייד מיט אים אַליין.

אַזוי, אַליין מיטן רבין, האָט משולם נאָך קיינמאָל די זכיה נישט געהאַט צו זיין, זינט ער פאָרט צו אים.

ער האָט אין דעם אַליין געזען אַ סימן, אַז עס איז א עת רצון, דעריבער האָט ער מיט גרויס מוט אַרויסגערעדט:

— רבי, ראשית כל דבר, לייג איך אייך דאָ אַנידער אַ העלפט פון מיין חלק עולם הבא אויף פדיון, איר זאָלט מיך נישט אָפּפּטרן בשה״י-פה״י, איר זאָלט עס טאַקע צונעמען און מיך אויסהערן פון אָנהייב ביזן סוף.

דער רבי ענטפערט אָבער דערויף:

— איך ברויך נישט דיין עולם הבא! האָסטו אַ מטבע, ח״י זהובים אָדער ח״י קאָפּיקעס, וועל איך נעמען פדיון, אַז נישט, ברויך איך נישט.

— רבי, איז מיין עולם הבא ווייניקער ווערט ווי ח״י זהובים? — פרעגט משולם פאַרוואונדערט.

— חלילה, —ענטפערט דער רבי, — ווי קליין אַ יידנס חלק איז דאָרט אין עולם האמת, איז עס אַלץ נישט אָפּצושאַצן מיט כל הון דעלמא, נאָר דו ווילסט דאָך אַ תקון, מוזטו געבן דווקא אַ מטבע, וויל דער דור האָט פוגם געווען במטבע, מוז דער תקון זיין על ידי מטבע!

— ווייסט איר, וואָס, רבי, — רופט זיך אָפּ ר׳ משולם אַלץ צע-היצטער און פעסטער, — נעמט דערווייל די העלפט פון מיין עולם הבא בתור משכון, נאָר כ׳וועל זיך בקרוב זען מיט ראָטשילדן, וועל איך ביי אים נעמען אַ פּאָר מיליאָן און וועל אייך אָפּצאָלן אייער פדיון בתשואות חן.

— וואָס רעדסטו? וואָס פאַר אַ ראָטשילד? ביזטו מטורף? — בייזערט זיך דער רבי און הייבט זיך אָן צו שרעקן פאַר משולמען און נאָכמער פאַר זיינע ווילד ברענענדיקע אויגן.

— רבי, איר ווייסט, אַז איך בין נישט מטורף! — שרייט שוין משולם מיט די לעצטע כוחות. — איר ווייסט שוין, אַז איך בין געקו-מען צו אייך זיך מיישב זיין וועגן דער גאולה, וועגן משיחן און איר ווילט מיך נישט דוחה זיין, נאָר פרווון מיך, ווי שטאַרק בין איך איי מיין רצון. מיינט נישט, אַז איך וועל אַזוי אָפּטרעטן פון אייך! איר מוזט מיר אייער ברכה און אייער שמירה געבן אין וועג צו ראָטשילדן!

— כאַצקל! — שרייט דער רבי צום גבאי, — כאַצקל, גי־כער קום אַריין, נעם צו דעם מטורף פון מיר! ער קען מיר נאָך מזיק זיין!

די טיר האָט זיך געעפנט און כאַצקל דער גבאי איז אַריין, אָבער איידער ער האָט נאָך צייט געהאַט אַ כאַפּ צו טאָן משולמען, האָט זיך משולם מיטביידע הענט אַ כאַפּ געטאָן פאַרן רבין, אים אַרומגענומען מיט אַלע כּוחות און גענומען שרייען מיט פלאַמענדיקע אויגן:

— איך האַלט זיך בקרנות המזבח! אַוועק פון מיר, כאַצקל, סטרא אחרא! דו האָסט קיין שליטה נישט, אַז איך האַלט זיך אָן דעם הייליקן רבין!

— ראַטעווע מיך, כאַצקל! אַ משוגע, אַ מטורף, רחמנא לצלן! וואָס לאָזט מען אַריין אַ מטורף צו מיר? — שרייט דער רבי נישט מיט זיין קול.

— רבי איך שווער ביי דעם גואל צדק, ביי משיחן און ביי כּלל ישראל, אַז איך וועל נישט אָפּטרעטן פון אייך ביז איר וועט מיך אויסהערן! — גוואַלדעוועט משולם מיט די לעצטע כּוחות. — צעהאַקט מיך דאָ, צעבראָקט מיך דאָ, איך האָב קיין מורא נישט, גואלי חזק! די גאולה, וואָס איך וועל ברענגען אויף יידן, איז שטאַרקער פאַר טויזנט כאַצקלס!

כאַצקל האָט געזען, אַז ער וועט אַליין גאָרנישט מאַכן, האָט ער ברייט געעפנט די טיר און אַ געשריי געטאָן:

— יידן, ראַטעוועט דעם רבין, אַ משוגענער איז אויף אים אָנגעפאַלן.

אַ פּאָר צענדליק יידן זענען אין חדר אַריין, זיך אַ וואָרף געטאָן אויף משולמען.

מען האָט אים די הענט צעביסן, די ביינער צעבראָכן און אים אָפּגעריסן פונם רבין.

משולם האָט געקעמפט, ווי אַ העלד, קיין ווייטיק נישט געפילט און זיך פון רבינס חדר נישט געלאָזט אַרויסשלעפּן.

דאָס בלאַסע פּנים זיינס האָט זיך אָנגעצונדן, גרויסע טראָפּנס שווייס האָבן זיך פון אים געגאָסן און די אויגן האָבן געשאָטן פונקען פייער.

— יידן, פירט אים צו צום ברונעם און גיסט אים קאַלט וואַסער אויפן קאָפּ, ביז זיין טירוף וועט זיך אָפּקילן! — האָט דער רבי גע־

שריען. — דאָס איז אַזאַ טירוף, אַ דיבוק, רחמנא יצילנו. נאָר קאַלט וואַסער, גיכער, אַז נישט וועט ער מענטשן מזיק זיין!

און געגנוג קלעפּ און זעצן האָט נאָך משולם געכאַפּט, ביז דער עולם האָט אים צום ברונען צוגעטראָגן, ווו מען האָט אים אָנגעהייבן אָפּצוגיסן מיט קאַלט וואַסער.

אַ צענדליק חסידים האָבן געשעפּט, און נאָך אַ צענדליק האָבן די מצווה געהאַט אים אָפּצוגיסן, און אַזוי לאַנג האָט מען אים קאַלט וואַסער געגאָסן, ביז ער האָט שוין קיין כּוח נישט געהאַט זיך צו ראַנגלען און צו קרעכצן אפילו.

ווי אַ פּאַרקילטער, אַ פּאַרגליווערטער איז ער ליגן געבליבן אין דעם טייך וואַסער אונטער אים, און מען האָט נאָר געהערט, ווי עס קלאַפּט אים אַ צאָן אָן אַ צאָן פאַר קעלט.

פונדעסטוועגן האָט מען, פון יתר בטחון וועגן, אים געבונדן חנעט אין פיס און אים אַריינגעוואָרפן אין רבינס הקדש, צווישן קראַנקע, צווישן חולי-נופלימדיקע און אַנדערע מינים גלגולים, דיבוקים, וואָס וואַרטן דאָ אין הקדש אויפן רבינס תיקון.

אַ גאַנצן מעת לעת איז ר' משולם, אַ געבונדענער, אַ נאַסער, אַ דורכגעווייקטער, געלעגן אויף דער פּאָדלאָגע פון דעם בלאָטיקן הקדש, ביז מען האָט זיך אַרומגעקוקט, אַז ער רעדט שוין נישט פון מטורף און משוגעת, נאָר פון אַ היצקראַנקהייט.

חסידים האָבן מורא געהאַט פאַר אַ בלבול.

טאָמער שטאַרבט ער, קען נאָך אַרויסקומען אַ גאַנצער משפט.

האָט מען אים אָפּגעבונדן, אַוועקגעלייגט אויף אַ בעטל און דעם רבינס פעלדשער האָט אים געגעבן רפואות.

ווי לאַנג ער איז אָן זינען געלעגן, ווייס ר' משולם נישט, נאָר אַז ער האָט געעפנט די אויגן און דערזען וואָס מיט אים טוט זיך, האָט ער געזאָגט:

— צדיק ה' על כל הבא עלי! אַ כפרת עון זאָל עס מיר זיין. איך האָב גאָר בעסער זיך נישט פאַרגעשטעלט! אמת, איך האָב נאָך גרויסע יסורים, אָבער יסורים זענען אַ גרויסע סגולה צו מיין פּלאַן, און איצט בין איך זיכער, אַז מיין פּלאַן וועט אויסגעפירט ווערן...

אַז ער האָט שוין געקענט שטיין אויף די פיס און איז אַרויס אויפן הויף און געזען, ווי חסידים צעלויפן זיך פון אים, ווי פון אַ משוגענעם, האָט ער זיי נאָכגעשריען:

— האָט קיין מורא נישט, דער רבי האָט מיך שוין מתקן געווען, איך בין שוין געזונט!

כּדמעות שליש האָט ער זיך געבעטן, מען זאָל אים צולאָזן צום רבין. ער וויל אים באַדאַנקען פאַר דעם נסיון, צו וועלכן ער האָט אים געשטעלט.

ער וויל זאָגן, אַז ער איז שוין געזונט און גיין זיין וועג ווייטער.

מען האָט אפילו דעם רבין דערציילט, אַז דער מטורף איז שוין געזונט געוואָרן און וויל אַריינגיין צו אים בהכנעה מחילה בעטן.

נאָר דער רבי האָט געענטפערט:

— איך בין אים מוחל, גאָט זאָל אים זיין רפואה צושיקן, אָבער איך וויל אים מער נישט זען... איך האָב אַ חולשא באַקומען פון שרעק... אַ מין קליפּה, נישט דאָ געדאַכט!

משולמען האָט דעם רבינס תשובה שטאַרק באַנג געטאָן. ער האָט זיך שטאַרק פאַרטראַכט, ווי קען עס אים אַזוינס געשען? ווייס דען דער רוח הקודש נישט זיין כּוונה, זיין הייליקע שליחות, אין וועלכער ער איז געקומען אַהערצו?

ניין, דער רבי איז מחויב צו וויסן, היינט וויבאַלד ער ווייס, פאַרוואָס איז ער אים מצער, אַזוי שטאַרק מצער?

האָט דער רבי געזען ברוח הקודש, אַז ער איז נישט ראוי אַראָפּצוברענגען משיחן, האָט ער באַדאַרפט זאָגן פּשוט:

— משולם, דיין רצון איז כּאַקע גוט! נאָר נישט דו ביזט נישט ראוי צו אַזאַ גרויסער מצווה.

דעמאָלט וואָלט ער אים געגלויבט, און וואָלט פאַרשפּאָרט אַזוי-פיל יסורים און צער.

אַז ער האָט אָבער נישט געזאָגט, מסתמא ווייס ער, אַז משולם איז יאָ ראוי, — היינט וויבאַלד, אַז יאָ, טאָ וואָס וויל ער איצט אים נישט זען?

האָט ער מורא פאַר אים? האָט ער, חלילה, אין זיין גאַנצן לעבן ווען שלעכטס געטאָן?

סיידן, עס איז וואָס מיטן רבין אַליין געשען!... ווער ווייסט, וואָס די סטרא אחרא האָט געקאָנט אָפּטאָן אַ מעשה?

און ר' משולם דערמאָנט זיך די געשיכטע מיט שלמה המלך, ווי אַזוי דער אשמדאי האָט אים אַמאָל איינגעשלונגען, אויסגעשפּיים פאַר

פירהונדערט מייל ווייט, און האָט זיך אַליין געזעצט אויף כסא שלמה און געגאַרט די וועלט.

אַלע האָבן געמיינט, אַז דאָס זיצט טאַקע שלמה, כאָטש דער אמתער שלמה המלך איז אומגעגאַנגען, ווי אַ בעטלער פון שטאָט צו שטאָט און געשריען:

— אני שלמה!

— פאַרוואָס קען עס נישט זיין, אַז דאָ האָט אויך געטראָפן אַזאַ מין מעשה? — האָט ער זיך געפרעגט. — גלאַט איז דאָס נישט.

און משולם האָט אָנגעהייבן גאָט בעטן פאַר איטלעכן חסיד, וואָס איז אַריינגעגאַנגען צום רבין, ער זאָל דאָרט נישט ניזק ווערן, ווי ער און זאָל אַרויסגיין בשלום.

אים האָט זיך זייער געוואָלט אַריינגיין צום רבין, אַראָפּשלעפּן אים אַ שוך און אַ קוק טאָן, צי האָט ער פיס גלייך ווי אַלע מענטשן, אָדער הינערשע פיס, ווי דער אשמדאי דאַרף האָבן.

ער האָט זיך אָבער נאָך צו שוואַך געפילט פאַר אַזאַ שטיקל אַרבעט.

מען קען אים נאָך אַמאָל ביי ברונען אויסקשטעלן, און מיט קאַלט וואַסער אים אָפּגיסן.

קאַלט וואַסער האָט אַ כוח אָפּצוקילן דעם שטאַרקסטן פלאַם, וואָס די קבלה האָט אין אים אָנגעצונדן.

פונדעסטוועגן איז ער נאָך אַלץ אין ספק געווען, צי האָט ער נישט אַ טעות.

נאָר איינמאָל האָט אים כאַצקל געזאָגט:

— משולם, גייט אַהיים... דער רבי האָט געהייסן, אַז אייער פוס זאָל דאָ מער נישט זיין! און טאָמער גייט איר נישט באַלד אַרויס פון ווי־נאַגראָדקע, וועט מען אייך ווידער גיסן מיט קאַלט וואַסער אויפן קאָפּ, און דאָסמאָל מעגט איר שוין שטאַרבן, קיינער וועט זיך נישט אומקוקן אויף אייך.

איצט האָט משולם קלאָר פאַרשטאַנען, אַז אויפן רבינס בענקל זיצט דער אשמדאי און דער רבי בלאָנדזשעט, נעבעך, אַרום פיר הונדערט מייל ווייט און שרייט: „אני שלמה!"

קיינער גלויבט אים אָבער נישט!...

און משולם איז טאַקע תיכף אוועק צוריק אַהיים.

אין שטיבעל האָט מען שוין געוווסט, אַז משולם איז אין ווינאָ־

גראָדקע שטארק קראַנק געווען, און מען האָט אים מיט שמחה אויפ־געגומען.

אָבער אויף אַלע שאלות, וואָס מ׳האָט אים געשטעלט, האָט ער נישט געענטפערט.

נאָך מיט מער חשק, ווי פריער, האָט ער זיך ווידער גענומען צו קבלה, צו צרופין און תעניתים.

מען האָט אים שוין דאָ אויך אָנגעהייבן האַלטן פאַר אַ מטורף.

קיין קנעלונג האָט ער שוין נישט געוואָלט מאַכן, פיל צום לעבן האָט ער נישט געברויכט, און אויף אַ שטיקל ברויט מיט זאַלץ זיך אָפּצופאַסטן פון זיינע שטענדיקע תעניתים, איז אים גענוג געווען דאָס ביסל זאַכן, וואָס ער האָט איינציקווייז פאַרקויפט.

אַז ער האָט שוין מער נישט געהאַט וואָס צו פאַרקויפן, האָט ער זיך געלאָזט אין זיין ווייטן וועג אַריין.

פאַר זיין אַוועקגיין האָט ער בסוד מגלה געווען ר׳ ישראל דעם שוחט, אַז ער גייט זוכן דעם פאַרוואָרפענעם רבין — פיר הונדערט מייל ווייט פון אַלע זייטן ווינאַגראָדקע. אפשר וועט ער אים געפינען און מיט אים צוזאַמען ברענגען די גאולה אויף דער וועלט.

— איך באַשווער אייך, ר׳ ישראל, — האָט משולם, אויפהייבנדיק די האַנט, געזאָגט, און פון זיינע אויגן האָבן זיך פונקען פייער געשאָטן,— איר זאָלט גיין אין ווינאַגראָדקע, דאָרט בודק זיין יענעם אשמדאי, אָדער שטן, וואָס זיצט אויפן רבינס בענקל, און אין דעם טאָג, וואָס איר וועט מגלה זיין פאַר דער גאַנצער וועלט, אַז אונטער דעם רבינס שטריימל זיצט אַ שד, וועט משיח קומען, און איך וועל ווייטער נישט ברויכן צו זיין בע ונד!

ר׳ ישראל האָט געוואָלט קורע זיין, הערנדיק פון אַ פרומען חסיד, ווי ר׳ משולם, אַזעלכע זינדיקע רייד.

נאָר שפעטער, אַז ער איז געווען אין ווינאַגראָדקע, האָט זיך אים אַלץ געדאַכט, אַז ער פילט דער ריח פון פעך און שוועבל אַרום דעם רבין און זיינע אַלע מקורבים.

פונדעסטוועגן האָט ער קיין העזה נישט געהאַט אַ קוק צו טאָן אויף דעם רבינס פיס אָדער אים בודק צו זיין מיט די אַנדערע סימנים, מיט וועלכע די חכמים האָבן אַמאָל דעם אשמדאי אויף שלמה המלכס שטול בודק געווען און דעם שד אין אים דערקענט.

משולם גייט נאָך אַלץ ווייטער און ווייטער, פון שטאָט צו

שטאָט, פון הויז צו הויז, זוכנדיק יענעם צדיק, וואָס איז ווערט צו ברענגען די גאולה אויף יידן.

אין ראָטשילדן האָט ער שוין לאַנג פערגעסן. אַפילו דעם ווינאָ־גראָדקער צדיק פון אַמאָל זוכט ער נישט.

דער ווייטער וועג זיינער האָט אים די אויגן געעפנט, אַז נישט פון ווינאָגראָדקער רבין און נישט פון ראָטשילדן וועגדט זיך די גאולה.

זי וועגדט זיך נאָר פון דעם אמתן גואל, פון דעם אמתן יידן, וואָס וויל און וועט יידן ברענגען די גאולה אָן מופתים פון גוטע יידן און אָן אוצרות פון יידישע ראָטשילדס. און וואָס ווייטער ער גייט, אַלץ נענטער, שיינט אים, קומט ער צו אים, און ער פאַלט ביי זיך נישט אַראָפּ אפילו, ווען אָנשטאָט אים, געפינט ער אַמאָל אן אַנ־דערן, אַבי ער ווייסט, אַז דער, וועמען ער זוכט, איז דאָ, און אַז מען זוכט, געפינט מען ...

דאס פלעשל.

פון די געהייבענע מייסטערס איז שלום יונה נישט געווען, אָבער פון די באַזונדערע פּאַרטאַטשעס אויך נישט. פון זיינס אַ שטיקל אַרבעט האָט מען געקענט צעפרידן זיין.

זיינס אַן איינגעניים קנעפּל האָט זיך אַפילו מיט געוואַלט נישט אויסגעריסן.

— שלום יונהס אַ נאָט, — פלעגט מען זאָגן, — לעבט איבער די מאַטעריע... אַבי געזונט, כאַטש טראָג און טראָג!

און שטאַרק האָט ער געגייט, נישט פון האַנט אַוועק און נישט פּאַנדעט, חלילה.

די מלאכה האָט שלום יונה ביי זיין טאַטן, אברהמל שניידער, געלערנט און צוזאַמען מיט שער און אייזן האָט ער פון אים בירושה באַקומען אויך דעם שטייגער זיינעם אין דער אַרבעט, די אויסגעפּרעגע מקחים און שניידערשע ווערטלעך דערצו.

שלום יונה האָט אַלץ געקענט און האָט אַלץ געגייט. מיט דעמזעלבן שטיקל פּאַפּיר האָט ער אַראָפּגענומען אַ מאָס דעם רב אויף אַן נייער אַטלאַסענער זופּעצע, און דער רביצין — אויף אַ זיידענער קאָפּטע, אַן איבערגעניצעוועטע פון אירס אַן אַלט חופּה-קלייד.

מיט דער אייגענער נאָדל און כשרן פאָדעם פלעגט ער נייען סורטוקן, זשילעטן, פּאַלטאָס און הויזן פאַר שטאָטישע באַלעבאַטים, און סטאַניקעס, קאָפּטעס און אונטעררעק פאַר זייערע ווייבער.

עס איז אים גאָר קיין נפקא מינה נישט געווען, וואָס ער נייט און פאַר וועמען ער נייט.

ער פלעגט זאָגן:

— איז מען אַ בעל-מלאכה, איז גאָרנישט שייך דאָס יאָ און

יענס נישט. און אויך די אייגענע מעשה, וואָס איז שייך אויסקלויבן באַלעבאַטים? אומזיסט נייט אַ שניידער נאָר דעמאָלט, ווען ער פאַרגעסט צו מאַכן אַ קניפּל אויפן פאָדעם... באַצאָלן באַצאָלט איטלע־כער, און דעם אָרעמאַן קומט, נעבעך, אָן זיין שטיקל אָרעם מלבוש נאָך שווערער, ווי דעם עושר זיין זייד און אַטלעס.

פון זשורנאַלן און מאָדעס האָט ער נישט געהאַלטן.

— האָט מען אָן אייגענעם שכל, — פלעגט ער זאָגן, — פאַר־שטייט אַ בעל-מלאכה אַליין, וואָס עס פאַסט, וואָס עס לאָזט זיך און וואָס עס בעט זיך; פעלט אָבער אַ קלעפּקע אין קאָפּ — העלפט קיין זשורנאַלן און קיין מאָדעס נישט! און ווייסט איר, איך פאַרשטיי גאָרנישט, ווּעמען טויגן זיי, די זשורנאַלן? איין אָפּגעמאָלטער מענטש ווערט קיינמאָל נישט העכער, נישט דיקער; אַ לעבעדיקער מענטש אָבער איז היום כאן און מחר בקבר! ווי לאַנג מען לעבט, בייט זיך די פיגור, און אַ בעל-מלאכה, בפרט אַ יידישער שניידער, דאַרף אין זינען האָבן, אַז נישט אַלע טאָג נייט זיך אַ ייד אַ נייעם בגד. דע־ריבער דאַרף מען נייען אַזוי, עס זאָל טויגן אויך אויף איבער אַ יאָר!..

האָט מען אים ביים אָנמעסטן אַ בגד געזאָגט אַ חסרון: „דאַכט זיך אַ ביסל צו ברייט, אָדער צו לאַנג", האָט ער געענטפערט:

— טראָגט געזונט, קיין חסרון נישט! הוא היא אומר, דער טאַטע, עליו השלום, פלעגט צו זיינע פועלים זאָגן בזה הלשון: „קינדער, אַ כלל זאָלט איר האָבן: פון יונג אַלט מוז מען ווערן, צי מען וויל, צי מען וויל נישט, פון ברייט שמעלער קען מען מאַכן, ווען מען וויל; פון לאַנג — קירצער אויך, אָבער פון שמאָל — ברייטער און פון קורץ — לענגער, בשום אופן נישט! דערצו העלפט שוין קיין מוז און קיין גוטער ווילן נישט!" און ווי גערעכט דער טאַטע, אַ ליכטיקן גן־עדן זאָל ער האָבן, איז געווען, אַזוי גערעכט זאָל איך מיין ביסל יאָרן אויסלעבן!

האָט נאָך אַזאַ דערקלערונג דער בגד, נאָך זיין אייגענער מבינות, קיין אַנדער חסרון מער נישט געהאַט, האָט מען שוין ביי אים נישט געקענט פועלן, ער זאָל אים נאָכאַמאָל נעמען אַהיים, פאַרריכטן, איינגעמען אָדער קורצן אַ ביסל.

אין אַזאַ פאַל פלעגט ער ווי שטום ווערן מיט איינמאָל און

כאָטש ריכד צו אים פון היינט ביז איבער אַ יאָר. ער האָט נישט געענטפערט.

קוקנדיק אויף אים אינדערהיים, בעת ער זיצט ביי זיין וואַרשטאַט, די פיס אונטער זיך אונטערגעלייגט, אַריינגעטאָן שטאַרק אין דער אַרבעט, צוברומענדיק עפּעס אַ חזנישע זאַך, אַ „נצריצכל״ אָדער א „ישמחו במלכותך״, וואָס זיינע פּועלים זינגען, האָט זיך גע-דאַכט, אַז דאָס מאָגערע קליינע שניידערל קאָן קיין צוויי נישט ציילן.

נישט זיין דאגה איז די וועלט, און וואָס עס טוט זיך אין איר.

און באמת איז ער בטבע געווען אַ שטיל יידל. נישט דאָס ווייב זיינס, נישט אַ פּועל ערגעץ — קיין קינדער האָט ער נישט גע-האַט — האָבן ווען געהערט אַ הויך קול פון אים. נאָר איין חסרון האָט ער געהאַט: ער האָט ליב געהאַט דעם טרונק, און האָט זיך מיט זיין פלעשל י״ש קיינמאָל נישט געקענט צעשיידן.

אַ פלאַטשיק פלעשל איז דאָס געווען, מער ווי אַ קוואַרט בראָנפן האָט אין אים נישט געקענט אַריין, אָבער דאָס פלעשל האָט קיינמאָל נישט געטאָרט זיין ליידיק.

אָפּגעטרונקן אַ ביסל, איז ער באַלד אַריין אין שענקל און עס געמאַכט פול.

אָן פלעשל איז ער ווי אָן זיין נשמה געווען. כאָטש נישט געטרונקען, אָבער ביי זיך אין בוזעם-קעשענע האָט ער עס געמיזט פילן.

וו ער איז געגאַנגען, האָט ער דאָס פלעשל מיט זיך געטראָגן.

פלעגט זיך טרעפן אַ שבת, ווען דער ערוב האָט זיך צעריסן, פלעגט ער בעסער אַ גאַנצן טאָג זיצן אינדערהיים, אַריינקוקן אין אַ ספר, זאָגן תהלים, נאָר מיט דעם פלעשעל זיך נישט צעשיידן.

און א כשוף, האָט מען געזאָגט, שטעקט אין דעם פלעשל. איין זופּ פון אים איז געווען, ער זאָל זיך ווי א שוועבעלע אָנציגדן און צעברענען זיך אין אַ העליש פייער, נישט שאַנעווען קיינעם, אפילו נישט דעם רב, נישט דעם ראש-הקהל אפילו, נישט די באַלעבאַטים, וואָס גיבן אים אַרבעט.

געציטערט האָבן שטאָטישע רעדעלפירער פאַר אים און פאַר זיין פלעשל, אַלע זייערע סודות און עוולות פלעגט ער פון דעם פלעשל צרויסזופּן און זיי אין פּנים אַריינשפּייען...

אַ צונג פּלעגט ער בעת מעשה באַקומען, שאַרף ווי אַ בריטוואַ־
מעך און שוועבל האָט פון איר געטריפט.

אויסשייגעצן אים, אַפילו פון די טרעפ אַראָפּוואַרפן האָט נישט
געהאָלפן. נאָך אַ זופּ — און ער איז שוין ווידער דאָ. ער רעדט
שוין ווידער און נאָך הייסער און נאָך שאַרפער. פאַרשליסן די טיר—
איז נאָך ערגער: רעדט ער אויפן גאַס, עס קלייבן זיך אַרום קינד
און קייט, און עס ווערט די שטאָט פול...

וואָס טויג עס אָבער וועמען, אַז אַזאַ שיכור זאָל בילן? ווער
האָט עס קיין שונאים נישט? גלייכער איבערליידן פון אַזאַ טרוף
ביי זיך, זאָל עס כאָטש בלייבן צווישן אייגענע, וואָס ער בילט!

אויף מאָרגן פרי, אַז ער ניכטערט זיך אויס, ווייסט ער אַליין
נישט אַפילו, וועמען צו גיין מחילה בעטן. כאָטש מעלק אים אויס,
געדענקט ער נישט פון נעכטן ביז היינט.

איינמאָל האָט ער אַזוי שיכורערהייט זיך אָנגעטאָן אין ר׳ אלקנה
דעם גביר, דעם פּרנס פון שטעטל, אים אויסגערעכנט אַ צעטל עוולות
און חטאים, וואָס לאַנד און לייט האָבן זיי שוין לאַנג פאַרגעסן, אָדער
אין זיך געהאַלטן און געציטערט פון מויל אויף די ליפּן צו ברענגען.

מ׳האָט געמיינט, אַז אלקנה וועט זיך אָן אים נוקם זיין, אַזוי, אַז
ער וועט דעם טרוף פון אים און פון זיין פלעשל אַרויסטרייבן.

אינמיטן שול איז דאָס געווען, אלקנה האָט בסך־הכל ביי אַן
אָרעמער אַלמנה צוגענומען אַ הייזל, פאַר פּראָצענט מסתמא.

נו, איז דאָס אָבער שלום יונהס דאגה?

ער איז אירעם אַפילו אַ פערדס פוס פּאָדקעוועס טשוועקל נישט
געווען. נאָר דאָס פלעשל האָט אין אים אַ פייער אָנגעצונדן, און וואָלט
זיך בעת מעשה אַן אַנדערער אָנגערוקט, וואָלט יענער געכאַפּט די גאָב.

דאַרף זיך גראָד אונטעררוקן ר׳ אלקנה. נו, נו, האָט ער אים
געזייפט, געבריט, געקאָכט: פונקען פייער האָט ער אויף אים געשאָטן.

ר׳ אלקנה אָבער, האָט באַוויזן אַ גבורה, אים אַ וואָרט נישט גע־
ענטפערט, נאָר דאָס גראָדע, געבן אים נאָכאַמאָל אַ שטיקל אַרבעט,
אַ רובל פאַרדינען, דאָס נישט, ר׳ אלקנה האָט געזאָגט:

— בלי נדר, פאַר אַ גראָשן אַרבעט קריגסטו נישט ביי מיר! דיין
פוס, דו שכור, זאָל מער אויף מיין שוועל נישט אַרויפקומען! אַן
עבירה, אַז מ׳גיט אַזויגעם אַ שטיקל אַרבעט

אַן אַנדערער, אַפילו ווי שיכור ער וואָלט געווען, וואָלט זיך פון

אַזאַ סטראַשונעק אויסגעניטערט און וואָלט באַלד ר׳ אלקנהן מחילה געבעטן.

פאָרט דער ערשטער גביר אין שטאָט, האָט קינדער, זין, טעכטער, שניר און איידעמס.

מ׳קאָן פון אַזאַ הויז דורכן יאָר אַ שיין ביסל אַרבעט האָבן, נאָר שלום יונה האָט זיך נאָכאַמאָל אַ זופּ געטאָן פון פלעשל און געענטפערט:

— ה׳ לי ולא אירא! דאָס איז אויף שניידער-לשון טייטש: פרייער גאָט, דערנאָך מיין פלעשל! און הערט אויס, ברידער, אַ המצאה, וואָס אַ שניידער קאָן איינפאַלן! דאָס איז שוין אַ שיין ביסל יאָרן דרינען. דער טאַטע, עליו-השלום, איז געשטאָרבן, און איך האָב מיר נאָר וואָס מיין אייגענעם וואַרשטאַט געמאַכט. פאַר פסח איז דאָס געווען, און שמואל שומר האָט — פאַר אַ גאַנץ ווינטער נישט שלאָפן נאַכט פאַר נאַכט און פרירן, היטנדיק לייטשע קראָמען, — אָפּגעשפּאָרט פון זיינע שכירות עטלעכע גילדן און אויף פסח זיך געלאָזט ביי מיר אויפנייען אַ נייעם מאַנטל. אין דער אייגענער צייט, נאָר מיט עטלעכע טעג שפּעטער, שיקט מען מיך רופן צו ר׳ אלקנהן. ער איז פון אויסלאַנד געקומען און האָט מיטגעבראַכט אַ טייערע מאַנטשעסטער מאַטעריע, אַזעלכע, וואָס מען זעט זי גאָרנישט. געקאָסט האָט זי אים, איך ווייס? אפשר אַכט רובל אַן אייל, אָבער זי איז ווערט געווען. „נעם אַראָפּ אַ מאָס, — מאַכט ר׳ אלקנה, — און באַווייז וואָס דו קענסט. ביי דערפון אַ מאַנטל, וואָס זאָל זיין איינער אין שטאָט!” האָב איך אַראָפּגענומען אַ מאָס, די סחורה צעשניטן און גענייט, געשטעפּט, אַלע מיינע כוחות האָב איך אין דעם שטיקל אַרבעט אַריינגעטאָן. פון גרויס שמחה, אַז איך אַרבעט פאַר אַזאַ באַלעבאָס, ווי ר׳ אלקנה, האָב איך אין אָנהייב אַן אומחן געוואָרפן אויף שמואלס אָרעם מלבושל, און עס אויפגענייט אַזוי אין איילעניש, פון דער האַנט אַוועק. אין עטלעכע טעג אַרום זענען ביידע בגדים פאַרטיק געוואָרן. מסתמא האָב איך פריער אָפּגעטראָגן ר׳ אלקנהן זיין טייערן מאַנטל. דערנאָך — שמואלן. באַצאָלט האָבן מיר ביידע... קומענדיק פריילעך צוריק אַהיים, פאַלט מיר איין אַן עכט שניידערישער שכל: אָפּצובייטן ביידנס פּאַפּירענע רובלס אויף קליינגעלט, און איבערצוציילן, וויפל קאָפּיקעס האָט ר׳ אלקנהס רובל און וויפיל שמואל שומרס רובל?

עטוואָס אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם, האָט ער ווייטער דערציילט:

— געטראַכט — געטאָן. איך צייל אַהין, איך צייל אַהער, רעכן מיטן קרייטל אַראָפּ, ארויף, כאָטש צערייס זיך,ביידע רובלס האָבן פּונקט גלייך צו הונדערט קאָפּיקעס, נישט איין האַלבן גראָשן מער, נישט איין האַלבן גראָשן ווייניקער. נתפּעל בין איך געוואָרן פון דער המצאה — פון וואָס אַ שניידער, נאָך אַ נישט געניטער, קען נתפּעל ווערן! — אם כן, האָב איך מיר בעת מעשה געזאָגט, למה — וואָס, זה — דאָס, אנכי איך? ווייבאַלד, אַז יאָ אַזוי, האָב איך מיר אויף שניידעריש אַליין פּאַרטייטשט דעם פּסוק אין חומש, נישט ווי מיין רבי אין חדר, ווייבאַלד אַז די ביידע רובלס, סיי ר׳ אלקנהס און סיי שמואל שומרס האָבן ביידע גלייך נישט מער, נישט ווייניקער ווי צו הונדערט קאָפּיקעס, טאָ וואָס האָב איך אַזוי לעבן דאָס גלייגט, מיין גאַנצן מאַרך פון קאָפּ אַריינגעטאָן אין ר׳ אלקנהס מלבוש און אַזוי פון האַנט אַרויסגעלאָזן דעם אָרעמען שמואלן זיין נאָך אָרעמערן מלבושל, נעבעך? רויט בין איך געוואָרן פון חרפּה פאַר זיך אַליין, און בלאָס פון עגמת־נפש, ווען איך האָב שפּעטער שמואלן באַגעגנט און אין זיין מלבוש אַליין נאָר געוווּסט זיין חסרון. ווו איז מיין שכל געווען? האָב איך מיך אַליין געפרעגט. וואָס קומט מיר צו, מיר שלום יונה שניידער, וואָס ר׳ אלקנה וווינט אין זיין אייגן גרויס הויז, ווי אין אַ פּאַלאַץ, עסט פיש, פלייש און צימעס אפילו אינדערוואָכן, לייגט זיך שלאָפן אין אַ ווייכער וואַרעמער בעט און שטייט אויף אַלע פרימאָרגן און גלעט זיך דאָס בייכל אַזוי מתיהדיק? און, ווידער, וואָס גייט מיר אָפּ, וואָס שמואל וווינט אין שכנות מיט ווייב און קינד אין אַ נאַסן קעלער, עסט פיש, פלייש און צימעס אפילו שבת און יום־טוב אויך נישט, און כאַפּט אַ דרעמל, ציטערנדיק פון קעלט ערגעץ אויף אַ בערגל שניי ביי לייטישע קראָמען? אַז אָך און ווי איז צו אים, צו שמואלן אַליין, נעבעך, און צו דיר, שלום יונה שניידער, איז דאָס כּלל נישט נוגע. היינט זאָג מיר, דו שניידער, דו חמור־קאָפּ, פאַרוואָס זשע זאָל ביי דיר, שלום יונה שניידער, ר׳ אלקנהס אַ שטיקל אַרבעט מער יחסן זייך פאַר שמואל שומרס? אַי, וואָס וועט איר מיר זאָגן, ר׳ אלקנה איז אַ ייד אַ גביר, אָן עין הרע, מאכט זיך נייע בגדים אויף איטלעכן רגל און מען קען דעם רובל פון אים פאַרדינען, לכל הפּחות, דריי מאָל אין יאָר, און שמואל שומר גיט דעם רובל צו פאַרדינען איינמאָל אין אַ שמיטה? איז דאָס אויך אַ גרויסער טעות.

ערשטנס, טראָגט נאָך ר׳ אלקנה יענעם מאַנטשעסטער מאַנטל,

כאָטש שוין דריי מאָל געניצעוועט, עד היום; צוויליטנס, באַרעכנט, בריי־דער, וויפל אַזעלכע גבירים, קלענערע, גרעסערע, אַלצאיינס חזירים האָבן מיר אין שטאָט? צוואנציק, דרייסיק, אַז הויך — פופציק! און וויפל אַזעלכע אַזעלכע קבצנים, גרעסערע אָדער קלענערע, ווי שמואל, האָבן מיר קעגן זיי, וואָס גייען אַליין נישט נאַקעט, און וואָס קבצנישע, קינדערלעך, וועלכע זיי האָבן, אָן עין הרע, צו האַלבע אָדער צו גאַנ־צע מניינים, זאָלן זיך האָדעווען, גייען ווי ס'איז אויך נישט נאַקעט, און אַלע די בגדים גייען שניידער, און נישט אומזיסט, חלילה!

— נאַרישקייט, אייער סטראַשען, ר' אלקנה! הונדערט קבצנים האָבן מער כּוח פאַר אייך, כאָטש די אַלע צוזאַמען פאַרמאָגן קיין הונ־דערטל טייל נישט פאַר אייך איינעם!

דער עולם האָט געקוואָלן הערנדיק אַזאַ דרשה אינמיטן דער וואָך אין קהלשן בית-המדרש, כאָטש מען האָט מיט ר' אלקנהן כּלומרש מסכּים געווען, אַז ס'איז טאַקע אָן עון פּלילי אַזאַ שיכּור אַ שטאָך אַרבעט צו געבן.

דער רב אַליין האָט געזאָגט:

— עס וואָלט אַ יושר זיין אַזאַ מיט אַ חרם תּרבות צו לערנען כאָטש אויף איין האַלב יאָר!

ער האָט אויך אויף אים אַ כּעס געטראָגן נאָך פון יענער צייט, בעת ער, דער רבי, האָט זיינס געוואָלט אויספירן קעגן דעם נייעם בעל-טאַקסע. און האָט מיט די שוחטים יד אחת געמאַכט נאָכאַנאַנד אַלץ צו מאַכן טריף און טריף.

מילא, נגידים קענען זיך פאַרגינען צו קוילן אַ עוף, אַז נישט מאַכט מען צווייערליי פיש, געקאָכטס און געפּרעגלטס.

באַלעבאַטים, וואָס האָבן אייגענע קי, קעז און פּוטער, פאַר־רוקן אין אויוון מילכיקע טשאָלנטן און מאַכן מילכיקע שבתים.

— וואָס טוען אָבער אָרעמעלייט? פאַרחושכט, דערציילט מען, זענען טאַקע די אָרעמעלייט געהאָרן. אפילו שבת האָבן זיי געמוזט אָפּקומען מיט אַ הערינג, מיט באַרשט.

שריי חי וקים, אַז דער רב זאָגט טריף, איז טריף...

אָבער שלום יונה פלעשל האָט זיך דעמאָלט צוגעטשעפּעט אין אַ דאָנערשטיק צום רב. שיכּור איז ער געווען, גערעדט אָבער האָט ער צו דער זאַך, — דווקא שיכּורערהייט באַקומט ער אַ חתוך הדיבור — און אַש האָט ער געמאַכט פון רב מיט אַלע זיינע לומדישע סברות.

טויזנטער יידן אָרעמעלייט, שוסטער, שניידער און אַנדערע בעלי-מלאכות, וואָס קענען אַזוי בעסער רעדן, האָבן איטלעכער פאַר זיך אינדערהיים גערעדט, און איין שלום יונה שייגעץ האָט זיך, זאָגט מען, אין פייער געוואָרפן און האָט אַזוי גערעדט און געזופט פון פלעשל, ביז אַלע זענען פון זיינע רייד אָנגעצונדן געוואָרן.

דער רב און קהל האָבן פאַר הריגות פשוט זיך דערשראָקן, און נאָך אין זעלבן טאָג זענען אַלע געקוילעטע דקות און גסות כשר געוואָרן.

פון דעמאָלט אָן זענען אויס די קונצן. און וועמען האָט מען צו דאַנקען? שלום יונהן, און נישט אַזוי אים, ווי זיין פלעשל, וואָרים ער אַליין האָט אויף מאָרגן פון דער גאַנצער געשיכטע קיין אָנהייב נישט געוווּסט, און ווען לייט שווערן אים נישט, אַז טאַקע צוליב זיין נעכטיקן סקאַנדאַל איז שוין דאָ פליש אויף שבת, וואָלט זיין ווייב געמאַכט אַ מילכיקן טשאָלנט, ווי פאַראַכטאָגן, ווי פאַר צוויי וואָכן.

דאָס אָבער האָט געקענט נאָר שלום יונה אַליין פאַרגעסן, ווייל ער איז בשעת מעשה שיכור געווען, אָבער נישט דער רב, זאָל לעבן, וואָס איז ניכטער געווען און האָט גלאַט אַזוי געהאַט אַן אייזערנעם זכרון, אַ שנאה אויף אַ מענטשן צו געדענקען אויף אייביק.

און טאַקע צוליב דעם זכרון זיינעם האָט ער זיין כעס אויף שלום יונהן נישט געקענט פאַרגעסן, און האָט עמעץ דערמאָנט שלום יונהן צום בייזן, האָט דער רב תמיד צוגעהאָלפן און געשריגן, אַז עס איז אַ יושר און אַ מצווה אַזוינעם יורד לחייו צו זיין.

און חוץ דער מצווה איז טאַקע דאָ דערין אַן אסור חמור אים אַ יידיש שטיקל אַרבעט צו געבן, וואָרום ער קען, חלילה, ברענגען צו אַ מכשול פון שעטנז.

נישט ווייל ער איז נישט פרום: קיין שניידער איז נישט פרי-מער פאַר אים, אָבער קיין שניידער איז אויך נישט אַזאַ שיכור, ווי ער, און שיכורערהייט קען שלום יונה בשום אופן נישט מבחין זיין פון כשרע פאָדעם ביז נישט כשרע!

מען דערציילט אַפילו, אַז טאַקע ער אַליין, דער רב, הייסט עס, האָט געשיקט רופן אַ שניידער, וועלכער האָט פאַר אים אין די אויגן געמוזט צעטרענען די אַלע בגדים, וואָס שלום יונה האָט אים אַמאָל אויפגענייט.

אמת, מען האָט קיין שעטנז אין זיי נישט געפונען, אָבער דאָס,

איז קיין ראיה נישט, — האָט דער רב געזאָגט. — עס קען זיין, דער שיכור איז גראָד דעמאָלט געווען ניכטער, בעת ער האָט די בגדים מיר געגנייט. איד איז ער דאָך, קיין מומר „להכעיס" אַוודאי נישט... וואָס טוט מען אָבער מיט זיין פּלעשל? ווער קען אים גלויבן, בעת ער איז שכור, רחמנא לצלן?

דער רב האָט ווייטער געטענהט:

— ווייסט ער דען, וואָס ער טוט מער פון דעם, וואָס ער ווייסט וואָס ער רעדט? און עס קען זיין — מען זאָל אים, חלילה, נישט חושד זיין, אַז ער רעדט עס אַזוי נאָר פון שנאה, — עס קען זיין, אַז אין אים זיצט אַ גלגול, רחמנא לצלן, פון קרח ועדתוס חברה, דאָס ביסל משקה, וואָס ער נעמט, וועקט אין אים אויף די קליפּה, ער זאָל שרייען, ער זאָל בילן, און ער אַליין איז גאָר דערביי נישטאָ. די סכנה איז נישט דאָס, וואָס ער אַליין רעדט, נאָר דאָס, וואָס דער המון הערט גראָד שטענדיק זיך איין, וואָס ער רעדט. קרח ועדתו זע־נען טאַקע אין דער ערד אַריין, די קליפּה אָבער פון זיי איז גע־בליבן, און זי קלעבט זיך נאָך עד היום צו צו דעם המון. נאָך אַמאָל אַזאַ נס זי מבער צו זיין, אויסצוראָטן און עוקר מן השורש צו זיין, ווייסט דער רבונו של עולם, צי עס וועט טרעפן... דעריבער איז מיין עצה נאָר בדרך הטבע די קליפּה אַרויסצוטרייבן פון אים, און דאָס קען מען פּשוט: אים נישט געבן קיין שטיקל אַרבעט, — וועט ער נישט האָבן פאַרוואָס בראָנפן צו קויפן, וועט דער גלגול אין אים ממילא כלה ונאבד ווערן.

פרומע יידן, בפרט פון די שטאָטישע רעדעלפירער, און בעלי־טובה, וואָס שלום יונה איז אַ מין אָנגעשיקטע בייטש געווען אויף זיי, האָבן אין אָנהייב דעם רבס עצה געפאָלגט, און האָבן זיי נאָר נישט געהאַט וואָס צו געבן נייען, האָבן זיי טאַקע אים אַ שטאָך אַרבעט נישט געגעבן.

קוים אָבער האָט ביי זיי גופא זיך געמאַכט אַ שטיקל שמחה, אָדער פאַר אַ יום־טוב, האָבן זיי ווידער געשיקט נאָך אים, ער זאָל קומען אַ מאָס אַראָפּנעמען, און פאַרגעסן אַלע אַלטע חשבונות און אויך דער רבס אסור פון אַ חשש שעטנז.

אַז מען דאַרף דעם גנב, איז דער תירוץ געווען, נעמט מען אים כאָטש פון דער תליה אַראָפּ. אמת, ער האָט חסרונות, וואָס ער פאַרדינט צוליב זיי, מען זאָל אים איבער אַ יידישער שוועל נישט

אריבערלאָזן און דאָס זעגען: דאָס פלעשל, די שיכּרות און זיין בייז מויל, וואָס ברענט אַ וועלט.

קעגן דעם אָבער האָט ער אויך מעלות, וואָס וועגן אַמאָל די אַלע חסרונות אַריבער. דעם רבונו של עולמס השגחה און חסד זעט מען טאַקע פון אים אַרויס נאָכמער ווי ערגעץ פון אַן אַנדערן.

אַ בעל־מלאכה. אפילו אַ בעסערן פאַר אים, קאָן מען אין שטאָט געפינען צען פאַר איינעם, פלעגט איטלעכער זאָגן.

געפינען אָבער אַ יידישן שניידער, וואָס זיין וואָרט זאָל זיין אַ וואָרט, זיין „היינט" זאָל זיין אַ היינט, און זיין „אויף שבת", „אויף יום טוב" זאָל נישט זיין אַזויפיל, ווי „ווען איך וועל צייט האָבן", „ווען איך וועל וועלן", אַ שניידער, וואָס זיין שבועה אפילו זאָל נישט האָבן אַזאַ מאַכט, ווי דער פּאַראַיאָריקער שניי, קאָן מען בכל תּפוצות ישראל אויספאָרן, זוכנדיק, חעט מען נישט געפינען.

האָט אָבער שלום יונה צוגעזאָגט „אויף שבת", איז מען זיכער, אַז נאָך פאַרן „מרחץ" וועט דער בגד זיין פאַרטיק און אין שטוב אַריינגעטראָגן, אָנגעמאָסטן, צוגעפּאַסט און צוגעווונטשן: „טראָגט געזונט און צערייסט געזונט, און געפּטרט אַן עסק!

און זאָגט אַליין, אַדרבה, וויפל איז אַזאַ מעלה ווערט פאַר אַ צעטראָגענעם מסחר־יידן, אַ באַלעבאָס, וואָס דערמאָנט זיך צו מאַכן אַ בגד ערשט דעמאָלט, ווען דער חלף, ווי עס רעדט זיך, ליגט אים שוין אויפן האַלדז: אַ טאָג פאַר אַ חתונה, אָדער אַ שעה פאַר ליכט־בענטשן?

נאָך אַ מעלה האָט שלום יונה געהאַט: ער האָט פון יתור נישט געהאַלטן. עפּעס גאָרנישט אַ שניידערשן „שלחן ערוך" האָט ער געהאַט.

— יתור, — פלעגט ער זיך קריגן מיט זיינע אייגענע פּועלים, — איז גניבה, ווי אַלע גניבות, און נאָך ערגער: אַ גנב גנבעט אויך נישט, — פלעגט ער טענהן מיט זיי, — אַז מען גיט אים דעם של־סל צו דער האַנט... אַ שניידער, וואָס מאַכט זיך אַ יתר אַראָפּ־צונעמען אַ שטיקל צייג, האָט אפילו אַזאַ יושר אויך נישט!

שטאָטישע שניידער האָבן אים נישט געקענט דאַכטן דערפאַר און פלעגן אים אָנרופן: „וצדקתך".

זיי פלעגן נאָך זאָגן, אַז דאָס נאַרט ער נאָר לייטן, וואָרים באמת איז נאָך פון ששת ימי בראשית נישט געבוירן געוואָרן יענער

שניידער, וואָס קען נאָר האַלטן אַ שער אין האַנט, און האָט נאָך דעם טעם פון יתור נישט פאַרזוכט, און ווען אַפילו שלום יונה נעמט נישט, איז פון אים גאָר קיין ראַיה נישט.

אַ שיכור, ווייסט ער פון זיינע הענט און פיס נישט, וואָס מען מעג, וואָס מען טאָר נישט. און, חידער, אויך די אייגענע מעשה. וואָס דאַרף אַזוינער? פאַר ועמען דאַרף ער? פאַר זיינע קינדער, וואָס ער האָט נישט? גענוג פאַר אים זיין פלעשל. ער האָט עפּעס אַ השגה אויף מער?

ביי זיינע באַלעבאַטים און בפרט ביי די באַלעבאָסטעס, מאַמעס פון קינדער, וואָס איטלעכס פּיצעלע אָפּגעבראַכט צייג, איבערשלאָק און אונטערשלאָק קען זיי צונויץ קומען, האָט די מעלה זיינע אַלע חס־ונות צוגעדעקט, און שלום יונהן האָט קיינמאָל נאָך קיין אַרבעט נישט געפעלט.

איבעריקס, האָבן אים פיינט געהאַט טאַקע נאָר די רעדלפירער, די שטאָט-פּאַרזאָ־גער, אָדער גאָר די רייכע, וואָס זיי קומט גאָר דער כבוד אומעטום, אין וואָס נעמען זיך אַליין די ברייטע דעה אין אַלץ.

געוויינלעכע באַלעבאַטים זענען מיט שלום יונהס משוגעתן געוויינט געוועזן און האָבן אויף אים קיין שלעכטס נישט גערעדט.

— אַ נייס איז דאָס, אַז אַ שניידער נעמט אַ ביסל בראָנפן? — פלעגן זיי זאָגן. — אַ שניידערס נשמה איז אויך נישט קיין ראָזינקע אז האָט דעמ־עלבן יצר־הרע צום ביטערן טרונק, ווי דער פיינסטער באַלעבאָס ווי אונדזער רב, זאָל לעבן, אַפילו. שלום יונה האָט אָבער אין דעם ענין פון אַ ביסל בראָנפן אויך זיינע משוגעתן.

אַ מעלה האָט ער אפילו, וואָס ער איז נישט אַזוי להוט נאָך דעם, און טרינקט נאָר אייגענע.

אָפּגילטן מעג מען אים, ער זאָל זיך צורירן צו אַ פרעמדן קאָפּ.

גייט ער אויף אַ חתונה, אַ ברית, אָדער אפילו אויף אַ חברהשער סעודה, האָט ער זיין אייגן פלעשל און טרינקט אייגענע, נעמט אין מויל נישט אַריין אַ פרעמד ביסן.

אומעטום איז ער אַ סאַרוועך. זיצן ביים טיש מיט לייטן גלייך האָט אים נאָך קיינער נישט געזען.

דערפאַר האָט ער זיין שגעון, וואָס ער שרייט אַלץ:

— שלי — שלי, שלך — שלך! איך טשעפּע דיין בראָנפן נישט, טשעפּע דו אויך מיין בראָנפן נישט!

אויסציען זיך מעג מען, ער זאָל געבן אַ ביסל פון זיין פלעשל, שטאַרבן קען מען פאַר זייגע אויגן, און ער וועט צו זיין פלעשל זיך נישט לאָזן צורירן אפילו. איז אַ חידוש, אַז פאַר אַזאַ שנעון האָט מען אים אַ נאָמען געגעבן: שלום יונה פלעשל?

און ער האָט גוט געוווסט, אַז מען רופט אים אין שטאָט: „שלום יונה פלעשל".

עס פלעגט טרעפן, אַז קליינע קינדער אפילו פלעגן אים נאָכ־לויפן אין גאַס, שרייענדיק:

— שלום יונה פלעשל!

אָבער ווי עס ווייזט אויס, איז דער נאָמען אים דווקא געפעלן געוואָרן.

— לעבן זאָל שלום יונה, לעבן זאָל דאָס פלעשל! — פלעגט ער ענטפערן דערויף: — מה אני ומה חיי? וואָס בין איך אָן מיין פלעשל? אַ שניידער, אַ פּאַלגע, אַ שטומע צונג, אַ געפּגרט באַלע־פעניש! אָבער דאָס פלעשל האָט פייער, דאָס ביסל בראָנפן אין אים איז מחזיר נשמות לפגרים מתים: זעצט אריין אַ נשמה אין אַ געפּגרטן גוף! פאַרשטייט איר, וואָס שום יונהס פלעשעל איז?

און ער האָט געזאָגט דעם אמת, וואָרים איז ער נאָר ניכטער געווען, האָט מען קיינמאָל נישט געוווסט, וואָס ער איז, צי פליישיק, צי מילכיק, צי איז ער גוט, צי שלעכט, עפּעס אַ לאָז־מיך־געמאָך־נפש.

האָט ער אָבער אַ זופּ געטאָן, האָט מען נאָך אַזאַ מזג־טוב נישט געזען. האָט ווער אין אַזאַ מינוט פאַר אים אַ קרומע מינע געמאַכט, האָט ער די נשמה געקענט אַוועקגעבן. אַ גוטן ברודער צוהעלפן איז אים קיין זאַך נישט צו טייער געווען.

בעט יענער געלט — און האָט נאָר שלום יונה בעת מעשה גע־האַט, גיט ער געלט, אַז נישט — איז רעכט געווען באַטש פון זיין אייגן לייב זיין העמד אַראָפּציען און אַוועקגעבן דעם אַנדערן.

דאָס חייב זיינס פלעגט מסתמא ביי אַזאַ געלעגנהייט מאַכן אַ גוואַלד, שרייען, אַז ער ווייסט נישט, וואָס מיט אים טוט זיך. איבער די הייזער וועט זי צוליב זיין פלעשל מוזן אַוועקגיין, צו בעטלברויט וועט זי מוזן אָנקומען, זאָל די שעה נישט זיין.

נאָר שלום יונה פלעגט זי באַרויקן:

— יידענע, לאַנגע האָר און קורצער שכל! וואָס שרייסטו? נישט דיר וועט פעלן אין דיין טעפּל, נישט מיר — אין מיין פלעשל! וואָלט

באַט, ברוך הוא, נישט אַזוי געוואָלט, וואָלט איך נישט געווען וואָס איך בין, פאַרשטייסטו, יידענע?

— וואָס ביזטו דען? — פרעגט זי איבער מיט כעס.

— איך בין שלום יונה פלעשל, און גיי לאָז מיך צו ונתנה תוקף!

לייט האָבן זיין שוואַכקייט געוווסט און אויף פאַרשידענע אופנים אויסגענוצט.

איז ווער קראַנק געווען, און מען האָט באַדאַרפט עמעץ זאָל לעבן חולה וואַכן א נאַכט, איז מען געקומען צו אים, געבעטן, דער־ציילט דאָס עלנט, און אַז מען האָט געזען, ווי שלום יונה רירט זיך נישט פון אָרט, האָט מען אים דערמאָנט אין זיין פלעשל.

— נעמען א קאַפּ שאַדט נישט, — פלעגט ער דאַן זאָגן. — א סוף פון פלעשל איז קיין עבירה נישט און קיין עוולה אויך נישט. סיי ווי ווילט זיך א ביסל בראָנפן, אָבער גיין וועל איך נישט! קיין צייט נישטאָ, קיין כוח אוודאי נישט!

נאָר קוים האָט ער געגומען דעם קאַפּ, איז ער באַלד אַן אַנ־דערער געוואָרן. און ווער פרעגט שוין אויף צייט און כוח?

שלום יונה זיצט שוין לעבן חולה, טראָגט אַריין און טראָגט אַרויס אַלץ, וואָס מען ברויך, קיין זאַך איז אים נישט מיאוס, קיין זאַך — נישט צו שווער.

אין שטאָט האָט געוווינט א באַרימטער אַקושער־דאָקטאָר, וואָס פלעגט צו א יולדת נישט פאָרן אונטער צען רובל פאַר א וויזיט.

נאָך האַלבער נאַכט האָט אים נאָר א גרויסער גביר געקאָנט צו א געוווינערין אַראָפּברענגען, — אַזאַ יחסן איז ער ביי זיך געווען.

וואָס טוט אָבער א ייד אַן אָרעמאַן, ווען זיין ווייב, אָדער טאָכ־טער גייט, נעבעך, שווער צו קינד, און דווקא נאָך האַלבער נאַכט?

פון די טרעפּ האָט אַזוינער א האַרץ אַראָפּגוואַרפן, און גיי טו אים עפּעס.

איז דאָ אָבער צו אַזאַ מכה אויך א רפואה. מען וועקט אויף שלום יונהן נאָך האַלבער נאַכט. גאָרנישט, דאַכט זיך, מען זאָגט אים נאָר:

שלום יונה, ווי שלאָפט עס א ייד א גאַנצע נאַכט אָן א ביסל בראָנפן? מען איז געקומען אייך דערמאָנען, אַז עס איז צייט צו נע־מען א קאַפּ!...

— לעבן זאָלט איר, — ענטפערט שלום יונה, אויסרייבנדיק די פאַרשלאָפענע אויגן.

ער זוכט נישט ווייט, טאַקע דאָ ביי אים אונטערן קישן ליגט דאָס פלעשל און, חלילה, נישט אַ ליידיקס.

ער האָט קיין צייט נישט אפילו אויפצושטיין אויף די פיס, גיין אין קיך אַריין אָפּגיסן נעגלוואַסער.

ער גיט נאָר אַ רייב כלומרשט די הענט אָן וואַנט, ציט אַרויס די פראָבקע: „לחיים" — און שוין פאַרטיק.

פּריש, לעבעדיק, כאַטש שיקט אים אין פייער און אין וואַסער: אויפקלאַפּן אין אַפּטייק, איז אין אַפּטייק, צום דאָקטאָר, גייט ער צום דאָקטאָר, אפילו צום אַקושער, דעם יחסן, גייט ער, און האָט גאָר קיין מורא נישט פאַר זיין גרויסן שווארצן כלב אויפן הויף, נישט פאַר זיין לאָקיי מיט די גרויסע וואָנסעס ביי דער טיר.

ווי אַ בייזן שילינגער, קענען אים שוין דער לאָקאַי מיט דעם אַקושער אַליין. זיי ווייסן שוין, אַז דאָ וועט נישט העלפן אַראָפּוואַרפן פון די טרעפּ.

שלום יונה טוט נאָך אַ זופּ און איז שוין ווידער אויבן און קלאַפּט אין טיר ווידער נאָך מיט מער העזה און מיט מער גבורה.

עס העלפט דעם אַקושער קיין תירוץ נישט.

ער מעג זיין אפילו קראַנק, קאָן אָט דאָס קליינע יידל, מיט דעם כוח פון ביסל בראָנפן אים פון זיין בעט אַרויסנעמען און אוועקפירן צו דער יולדת.

אַזאַ כוח שטעקט שוין אין אים.

און נישט דערצו אַליין טויג ער. זיין משמח זיין חתן־כלה, אָרעמע מחותנים און אָרעמע געסט אויף אַן אָרעמער חתונה איז גאָר נישט איבערצודערציילן. טוט ער אַ זופּ פון פלעשל, שיטן זיך פון אים ווי פון אַ זאַק גלייכווערטלעך, גראַמען, אַז דער בעסטער מאַרשאַלעק קאָן זיך קעגן אים באַהאַלטן.

— פערלש יטן זיך פון זיין מויל, — זאָגן דאַן די אָרעמעלייט, — באַלזאַם, אמתער באַלזאַם מוז זיין אין זיין פלעשל! טאַקע לעבן זאָל שלום יונה און לעבן זאָל זיין פלעשל!

מעג די חתונה מיט דער חופּה־וועטשערע ביזן גרויסן טאָג זיך ציען, רירט זיך שלום יונה נישט צו צו אַ פרעמד ביסל בראָנפן.

אפילו טאָרט און לעקעך ברענגט ער פון דער היים מיט זיך, און פאַר־
זוכט אַ האָר נישט פון דער חופּה-וועטשערע.

און ער האָט טאַקע קיין צייט אויך נישט דערצו. מען מוז באַדי־
נען געסט, משמח זיין. געזונט, זעט מען, קומט אים דערפון צו.
אַזאַ טבע האָט ער, און עס פאַרשאַדט אים גאָר קיינמאָל נישט.

און ווי דאָס לעבן האָבן אים ליב — אָרעמע און עלנטע.

אַ זאַך באַרשט וועלן זיי פאַר אים נישט געמען און נישט דער־
לאָזן, עס זאָל אים, חלילה, דורך וועמען אַ האָר געקרומט ווערן.

איינמאָל האָט זיך געמאַכט, אַז ער איז שיכורערהייט אָנגעפאַלן אויף
דעם בעל-טאַקסע, וואָס האָט זיך גאָר פון העלער הויט מוסיף געווען
אַ האַלב קערבל אויף איטלעכן פונט כשר פלייש. באשר עס איז פּאַסט
ביי זיי, האָט ער געזאָגט, מילא בכן דאַרפן יידן ליידן.

פאַרשטייט זיך, ווען דער בעל-טאַקסע איז מוסיף די קצבים אַ
האַלב קערבל אויפן פונט, זענען די קצבים מוסיף די באַלעבאַטים צו
צוויי קאָפּיקעס אויפן פונט.

און וואָלטן זיי כאָטש געגעבן פלייש און אַ ריכטיקע וואָג? דאָס
לאָזן זיי פאַר די גרויסע, פאַר די מיוחסים, ביי וועמען זיי באַקומען
אַ קערבל אויף פּראָצענט.

פאַר אָרעמעלייט אָבער בלייבט נאָר נבלה און ביינער. מען
ברענגט עס אַהיים פון דער יאַטקע, און ס'טוט אַ ריס אין האַרצן קוקנ־
דיק, פאַרוואָס מען צאָלט דאָ נאָך מיט צוויי קאָפּיקעס טייערער, ווי־
אַלעמאָל.

אפנים, שלום יונהן האָט עס אויך נישט געמוזט שמעקן, וואָ־
רים אַזאַ גאַב האָט ער דעם בעל-טאַקסע אָפּגעגעבן, אַז יענער האָט
שוין דאָסמאָל נישט געקאָנט פאַרשווייגן, און האָט דערלאַנגט אויף אים
צום מיראָוואָי פאַר זידלעריי און סקאַנדאַלן אינמיטן מאַרק.

מען האָט שלום יונהן אַרויסגערופן אין סוד אַריין, האָבן זיך
אָבער געפונען אפשר הונדערט נישט געבעטענע עדות פון „עמך", ווי
די מיוחסים רופן זיי, און האָבן אויסדערציילט דעם מיראָוואָי די גאַנ־
צע געשיכטע פון אלף ביז תיו, און דערביי אַווי באַגראָבן דעם בעל־
טאַקסע צען איילן אין דער ערד, אַז ער איז געוואָרן געווען, אַז דער גאַנ־
צער משפט האָט זיך מיט גאָרנישט אויסגעלאָזן, און געדאַנקט גאָט וואָס
„עמך" האָט אים אַ לעבעדיקן, נאָר מיט אַ לאַנגער נאָז געלאָזט אַהיים גיין.

אָבער דער סוף איז נאָך אַ שענערער געווען. אויף מאָרגן האָט פּאָליציי געמאַכט אַ פּראָטאָקאָל אויף דעם בעל־טאַקסע, און דער אייגע־נער מיראָוואי האָט אים צוגעמשפּט: ער זאָל אומקערן די קצבים די איבעריקע האַלבע רובלס... עס האָט אים, זאָגט מען, די געשיכטע הונדערטער גאַנצע אָפּגעקאָסט. אמת, די קצבים האָבן די אָרעמע לייט אַ פייג אַרויסגעשטעלט און קיינעם פון זיי אַ קאָפּיקע נישט אומגע־קערט, אָבער אַן אָנלערנעכטס פאַר דעם בעל־טאַקסע איז דאָס גע־בליבן אויף דור־דורות.

פון אים האָבן זיך אַנדערע אַ מוסר אַראָפּגענומען, און איצט, ווען שלום יונה אָפּגעלעבט זיין צייט, אָפּגעשטופּט זיין וועלטל, ווי ער אַליין פלעגט זיך אויסדריקן, און צו גאָט און צו לייטן גאָרנישט צו־געלייגט. האָט ער געהאַט, אמת, אַ סך שונאים אין שטאָט, אָבער גוטע פריינט — באַכמער.

צייטנווייז פלעגן אפילו די שונאים זיינע מלמד זכות זיין אויף אים און זאָגן: ער טרינקט נאָר דערפאַר, וואָס ער איז געשטראָפט פון גאָט קיין קינד נישט צו האָבן. זיין צער, זיין עלנט פאַרגעסט ער מ טן בראָנפן, און ווער ווייסט, צי אַן אַנדערער אויף זיין אָרט וואָלט נישט ע גער געווען פאַר אים?

עס קאָן זיין, אַז שלום יונה וואָלט אפשר אַזוי אויך זיינע יאָרן אויסגעלעבט, און קיינמאָל זיין שטייגער און זיין פלעשל נישט געביטן, ווען עס מאַכט זיך נישט דאָס אומגעריכטע גליק, אויף וואָס נישט ער אַליין און נישט זיינע לייט האָבן זיך געקאָנט ריכטן.

און די מעשה איז אַזוי געווען.

ר׳ אלקנה, דער גרויסער גביר און פרנס פון דער שטאָט, האָט אויסגעגעבן זיין מוזינקע, רבקהלען, וואָס איז געווען זיין אויג פון קאָפּ.

פאַרשטייט מען, אַז אלקנה האָט געגעבן אַן אייגנס נדן, אוודאי צוואַנציק טויזנט קאָרבן, און פאַרוואָס נישט מער? אַ קליינער עושר איז ער?

אפשר אַ העלפט שטאָטישע הייזער זענען זיינע, פאַר פּראָצענט געבליבענע, צוגעצאָלטע, אַרויסגעצאָלטע, ווי ס׳איז שוין, איז אַז מען שמועסט אַן עושר פון אַ פערטל מיליאָן, מסתמא האָט ער גענוג. געטאָן, זאָגט מען, האָט ער פון ווילנע, נישט מיט אַ קלענערן

עושר און מיט נאָך אַ גרעסערן יחסן פאַר אים, פון סאַמע שפּיץ יחוס, זאָגט מען.

נו, אַז אַזאַ אלקנה מאַכט זיין מוזינקע התונה, ריכטן זיך קרעמער צו לייזן פאַר טייערע שטאָפן, שניידער ריכטן זיך צו זיין פאַרזאָרגט מיט אַרבעט און אָפּלעקן אַ ביינדל פון אַזאַ פעטן אינדיק.

איז טאַקע גאָר קיין עוולה נישט. אַ פירער פון שטאָט און דער גרעסטער עושר! נאָר וואָס ביי אַ גביר קאָן ווערן רעכט! נעמט ער דריי חדשים פאַר דער חופה, און שיקט אַוועק די כלה זיינע צו אי־רער אַ מומע, אַזאַ רשעת, מסתמא, ווי די כלה אַליין, אַז קיין וואַר־שע און זי ווערט דאָרט פאַרפאַלן אויף אַ גאַנצן זומער.

דאָ שלאָגן קרעמער און שניידער די טירן פשוט אָפּ, מען וויל לייזן, מען וויל פאַרדינען. נישטאָ אָבער קיין כלה, ווער ס׳זאָל זיך די טייערע שטאָפן אויסקלויבן, נישטאָ וועמען אַ מאָס אָראָפּצונעמען און נייען!

די אויגן קר׳כן אַרויס וואַרטנדיק, און וואָס האָט מען זיך דערוואַרט? אַ וואָך פאַר דער חתונה קומט זי אַראָפּ פון וואַרשע מיט דער מומען אירער און נאָך מיט אַ גאַנצער כאַליאַסטרע קינדער, שניר און שעכטער, אַלע אויסבאַקליידטע. אויסבאַנייטע פון קאָפּ ביז די פיס, און די כלה אַליין אויך אַזוי. זי האָט שוין פאַרטיק די גאַנצע גאַרדעראָבע.

עס האָט אַלעמען ווי אַ דונער דערשלאָגן! אַזויגס האָט מען נאָך באמת אין שטאָט נישט געהערט. און נאָכמער, ר׳ אלקנה אַליין האָט אַזאַ לב און יושר געהאַט, זיך צעלאָזן איבעררעדן פון זיין וואַרשעווער שוועגערין, מסתמא, און נעמט אין שרייבט אויס פון וואַרשע קלעזמער, סאַרווער, כלים און פליישן אַלערליי.

אפילו אַ חופּה אַ נייע האָט ער געלאָזט ברענגען פון דאָרטן.

גוט נאָך, וואָס שטאָטישע קרובים און גלאַט אַזוי באַלעבאַטים, וואָס רייבן זיך אַרום אַזאַ פעטן טאָפּ, ווי ר׳ אלקנה, האָבן צוליב דער חתונה זיך אַ כוח אָנגעטאָן, עפּעס אַ שטיקל ניי מלבוש זיך צו מאַכן. אַז נישט זיי, וואָלטן קרעמער און שניידער אַ האָר נישט נהנה געווען פון דער גאַנצער שמחה.

שלום יוהן האָט אפילו קיין אַרבעט נישט געפעלט. ר׳ אלקנה אַליין האָט זיך ביי אים געלאָזט מאַכן אַ פּאָר בגדים. מ׳זאָגט אפילו, אַז דאָסמאָל איז ר׳ אלקנה אַזוי צופרידן געווען פון אים, אַז ער

האָט אים אויסדערציילט, ווער זיינע מחותנים זענען, וואָס דער חתן איז, און אָנגערופן אַלע רבנים און גרויסע לייט, וואָס ער ריכט זיך אויף זיי צו דער חתונה.

ווי דאָס האַרץ אָבער וואָלט אים געזאָגט, האָט ער שלום יונהן אָנגעזאָגט: הזהר והזהר, אַ איבעריק ביסל בראָנפן נישט צו נעמען פאַר דער גאַנצער צייט, וואָס דאָ וועלן זיין די ווילנער רבנים און מחותנים לכבוד דער שמחה.

און כּך הוה. מחותנים האָבן זיך אָנגעהייבן צוזאַמענפאָרן פון אַלע זייטן. עס זענען געקומען פון ווילנע און פון קאָוונע רבנים, גדולי ארץ, שיינע יידן, וואָס ממש די שכינה האָט אויף זיי גערוט שלום יונה איז מסתמא אויך געווען אויף דער חתונה.

ערשטנס, זאָגט מען, האָט אים ר׳ אלקנה אַליין געבעטן: צווייטנס, ווער איז דען נישט געווען? ווער איז נישט געווען אַ בעלן צו זען אַזא חתן, וואָס נעמט אַזאַ מטמון נדן?

ווער וויל עס נישט זען ווילנער מחותנים און רבנים, נישט הערן דעם ווילנער באַרימטן בדחן, וועלכן ר׳ אלקנה האָט עקסטרע געלאָזט קומען זיין כּלה צו באַזעצן, און זיינע געסט משמח צו זיין?

און גאַנץ שטאָט, קליין און גרויס, אָרעם און רייך זענען טאַקע אויף דער חתונה געווען. עס האָט נישט געהאָלפן, וואָס שמשים און דיעסאַטניקעס זענען געשטאַנען ביי די טירן און נישט אַריינגעלאָזן די נישט געבעטענע: מען האָט זיך אַריינגעשטופּט, קאָפּ אויף קאָפּ איז מען געשטאַנען צוזוקוקן די שיינע טישן מיט די שיינע געסט אַרום זיי.

צו דער חופּה־וועטשערע האָט דער רב פון שטאָט אַריינגעזאָגט אַ לאַנגע דרשה, אַרויסגעוויזן זיינע חריפות פאַר גרויסע לייט. ווילנער געסט, דערציילט מען, האָבן אַ ביסל געלאַכט, אַפילו די רבנים האָבן געשמייכלט.

נו, פאַרוואָס נישט? פריילעך איז געווען גענוג, און אַז עס איז פריילעך, לאַכט זיך ממילא.

אַז ער האָט אָפּגעזאָגט די דרשה און אָפּגעווישט די גרויסע טראָפּן שווייס פון זיין גרויסן פליישיקן שטערן, רוקט זיך אונטער ר׳ שלום יונה, אין האַנט האַלט ער דאָס פלעשל, און טוט אַ פרעג דעם רב:

— זאָגט מיר, רבי, וואָס האָט גאָט באַשאַפן פריער פאַר הימל און ערד?

— די תורה הקדושה! — ענטפערט דער רב.

— אהא, זיין קרעמל, זיין סחורה... — רעדט שלום יונה פאַר זיך, אָבער אַלע הערן.

— און נאָך דער תורה וואָס?

— הימל און ערד! — ענטפערט דער רב און טוט שוין אַ בייזן קוק אויף אים.

— ניין, — שרייט שלום יונה און הייבט אויף זיין פלעשל איבערהויך.

— אָט וואָס גאָט האָט פריער פאַר הימל און ערד באַשאַפן: דאָס, וואָס אין פלעשל איז, דאָס ביסל בראָנפן, רבי!

— פונוואַנען איז דאָס געדרונגען? — האָט ווער פון טיש אַ פרעג געטאָן.

— טאַקע פון דער תורה, — ענטפערט שלום יונה. — בראשית ברא אלקים את השמים ואת הארץ, מאַכט דער תרגום: בקדמא ברא אלקים ית (י״ש)... י״ש איז בראָנפן. דאָס ווייסט אַ שניידער אפילו, נאָר אונדזער רב, זאָל לעבן, טרינקט אַלעמאָל שפירט און ווייסט נישט, אַז בראָנפן האָט גאָט באַשאַפן פריער פאַר הימל און ערד.

עס ווערט אַ געלעכטער, און שלום יונה טוט אַ זופּ פון זיין פלעשל.

— עם הארץ, בור! — האַלט דער רב נישט איין זיין כעס און שרייט — בור, „ית" שטייט אין תרגום מיט אַ תיו, און בראָנפן איז י״ש, מיט אַ שין, אַ ראשי תבות. י״ש מאַכט: יין שרף...

— דער י״ש אָבער פון מיין פלעשל איז דווקא מיט אַ תיו, — ענטפערט שלום יונה. — און נישט יין שרף מאַכט דער י״ש מיינער, נאָר בלינדע מאַכט ער זעענדיק, טויבע מאַכט ער הערנדיק, און דער עיקר מאַכט ער אַ שטומען שניידער רעדנדיק... לאָז כאָטש זיין בילנדיק, ווי אונדזער מחותן ר' אלקנה, זאָל געזונד זיין, זאָגט, אָבער בילן בילט אַ הונט אויך נישט אומזיסט... לחיים, חתן-כלה! — האָט שלום יונה געשריען. — לחיים, רבנים און מחותנים! לחיים, אַלע גבירים און אַלע קבצנים, אַלע יידן, רייך און אָרעם, אַלע גלייכע יחסנים!

און האָט אַ קער געטאָן דאָס פלעשל אין האַלדז אַריין.

— לחיים טובים ולשלום! — האָט מען פון טיש געענטפערט.

— לחיים ולשלום, — האָט אויך ר' אלקנה אַליין געענטפערט און באַמערקט: — נו, שלום יונה, האָסט דיינס אָפּגעזאָגט, לאָז זיין גענוג, זיי דיך געזונט!

— ניין, נישט דאָס מיין איך, — רופט זיך שלום יונה אָפּ. — װען נאָך װעלן װילנער רבנים און גרויסע לייט הערן שלום יונהס דרשה? אפשר איז עס פון גאָט אַזוי, אַז זיי זאָלן קומען אַהערצו אויסהערן אונדזערע ביטערע הערצער און נישט אַװעקפאָרן אָן אַ תּיקון פאַר אונדז, אָרעמעלייט?

ער האָט איבערגעװוישט די װאָנסן און װייטער געזאָגט:

— הערט מיך אויס, מורי ורבותי, לעבדים נמכּרנו, קנעכט זענען מיר געװאָרן צו אונדזערע רעדעל־פירער, צו אונדזערע שטאָט־פּאַרזאָגער, צו אונדזערע גבירים, פּראָצענטניקעס!

— שטיל, שייגאָץ! — האָט אים ר׳ אלקנה איבערגעריסן אינמיטן. — װאַרפט אים אַרויס, דעם שיכּור, דעם הולטיי!

אַ װילנער רב האָט ר׳ אלקנהן דערמאָנט: „אַ קאַמצא ובר קמצא חרב ירושלים״ און אים געגעבן צו פאַרשטיין, אַז מען טאָר אַ יידן נישט אַרויסטרייבן פון סעודת מצווה.

ר׳ אלקנה האָט געמוזט זיין כּעס דערשטיקן אין זיך.

— אפשר מיינט דער רבי, אַז איך װעל מסרן, חלילה, װען מען װעט מיך אַרויסטרייבן? — האָט שלום יונה פונדאָסניי אָנגעהייבן, — דאָס גראָד נישט! אדרבה, װייל איך װיל פאַרהיטן, אַז אַ חוץ מיר זאָלן אַנדערע אויך נישט מסרן, רעד איך בעסער דאָ אויס אונדזערע טענות אָפן: איר, רבנים מיט תּורה און יושר, איר, מחותּנים גבירים, װאָס גאָט האָט אייך געבענטשט מיט כּל טוב, פאַרגעסט נישט, אַז אַ חוץ אַלעם דעם זייט איר אויך רחמנים בני רחמנים! לאָז זיך דערװעקן אייער רחמנות און זייט מקיים, װי אין דער הפטורה שטייט געשריבן: שפטו יתום, ריבו אלמנה. דאָס איז טייטש: קוקט זיך צו צו אונדזערע הונדערטער יתומים, װאָס װאַלגערן זיך נאַקעטע, באָרװעסע און הונגעריקע אין די גאַסן און עס איז קיין תּלמוד־תּורה נישטאָ, װוּ זיי צו לערנען דאַװנען אפילו. עס איז דאָ אַ תּלמוד־תּורה: דריי טויזנט רובל אַ יאָר שטעלט מען צו צו דער סמעטע פון דער טאַקסע הוצאות אויף דער תּלמוד־תּורה, נאָר װוּ בלייבן זיי, די דריי טויזנט רובל, יאָר פאַר יאָר? דאָס װייסט אפשר ר׳ אלקנה, אונדזער מחותּן, זאָל לעבן!

ער האָט זיך גוטמוטיק צעלאַכט און װייטער געקלאַפּט:

— מיר, אָרעמעלייט, װייסן פון דעם נישט און די אָרעמע יתומים אויך נישט... ריבו אלמנה, דאָס איז טייטש, אַ עס שטאַרבט

א ייד א באַלעבאָס און לאָזט איבער פאַר זיין אלמנה און יתומים אַ קראַם, א שטיקל נחלה, מען זאָל באַלד נאָך דער לויה, אָדער טאַקע תיכף בשעת דער לויה, נישט ברויכן פאַר זיי נדבות קלויבן אויף אַ שטיקל ברויט, ווי דער שטייגער איז צווישן רחמנים בני־רחמנים, לאָזט זיך אויס: די קראָם נעמט באַלד צו דער סוחר, ביי־וועמען דער געשטאָרבענער האָט סחורה געבאָרגט, די נחלה נעמט צו, וואָס ברויכט איר ווייט צו גיין זוכן, טאַקע אונדזער מחותן ר׳ אלקנה אליין אָדער אַ זון, אַז נישט איז אַן איידעם זיינער, און די אלמנה מיט די יתומים לאָזט מען פריי אויף דער וועלט אַוועק, מיט אַ טאָרבע אָדער אָן אַ טאָרבע, אין די הייזער צו בעטלען... און פאַרוואס? פאַר פראצענט! דעם קרן האט ר׳ אלקנה אפשר קיינמאל איינגאַנצן נישט געגעבן, אָדער לאַנג, לאַנג שוין אָפּגענומען!... וועט איר פרעגן: היתכן? ר׳ אלקנה איז דאָך אַ פרומער ייד, ווייסט ער דאָך בעסער, ווי שלום יונה שיכור, שלום יונה פלעשל, אַז די תורה הקדושה פאַרזאָגט חיות נישט זיכער, אַז קיין פראָצענט טאָר אַ ייד נישט נעמען? איז דער תירוץ: אונדזער רב, זאָל לעבן, ווייסט דאָך אוודאי אַ דין פון דער תורה און היט אָפּ אַ יידן פון אַ שטויב חמץ אום פסח, פון אַ טראָפּן מילך אין אַ פליישיקן טעפל, מאכט ער אָבער פון יאָר צו יאָר אלץ נייע גזירות אויף בשר חוץ, אויף פרעמדע הייוון, אויף שמאַלץ, ביימל און פוטער, און אויף וואָס נישט? און נעמט פונדעסטוועגן אַליין פראָצענט. אמת, מיט יושר, בסך הכל צווי קאָפּיקעס אַ וואָך פאַר יעדן רובל, וואָס מען לייט ביי דער רביצין אויף אַ זיכערן משכון; אַ רעצעפּטל אָבער האָט ער דערצו, עפּעס אַ מין קוויטל, אַ געדרוקטס אויף תרגום לשון: „עסקא״ הייסט דאָס קוויטל. ער אַליין פאַרקויפט דאָסדאָזיקע קוויטל צוגלייך מיט אַלע הייליקע ספרים, תפלין און ציצית, מיט וועלכע ער האַנדעלט צו־צו זיין רבנות, און דאָס קליינע קוויטל, מורי ורבותי, שלינגט איין אַלע גרויסע און דיקע ספרים מיט אַלץ, וואָס שטייט געשריבן אין זיי, ווי פרעהס זיבן מאָגערע קי האָבן איינגעשלונגען די זיבן פעטע קי, אין מען האָט גאָרנישט בעוווסט, ווו זיי זענען אהינגעקומען אין זייערע איינגעווייטן!...

און אַזוי דערציילט מען גבורות פון יענעם אָוונט אויף דער חתונה, וואָס שלום האָט גערעדט און גערעדט, פּעך און שוועבל האָט זיך פון זיין מויל געשאָטן: ער האָט בילרער, שטאָטישע, לעבעדיקע,

געשעענע בילדער פֿאַרגעשטעלט דעם עולם פֿאַרן טיש.

עס האָבן זיך אַפֿילו זיינע אייגענע טרערן געגאָסן און האָבן טרערן אויך ביי די צוהערער אַרויסגעריסן.

קיינמאָל האָט נאָך שלום יונה אַזוי פֿייערדיק נישט גערעדט. קיינמאָל האָט מען נאָך נישט געוווּסט אַקוראַט דעם כּוח, וואָס שטעקט אין אים און אין זיין פֿלעשל, ווי דאָסמאָל.

מען האָט זיך נאָר געחידושט, פֿונוואַנען נעמט זיך אין אים אַזאַ סדר, אַזאַ געמבע מיט אַזאַ חתּוך הדבור, און אַזוי צו דער זאַך, איינס פֿאַר איינס אויסצודערציילן, איינס פֿאַר איינס צו דערמאָנען, אַלע נע־מען, אַלע עדות אָנצורופֿן, ווער, וואָס, ווען און וועמען.

עס האָבן זיך פֿונקען פֿייער געשאָטן פֿון דערצאָרנטע אויגן און בליקן, עס האָבן זיך פֿינסטערע, פֿול רציחהדיקע פּנימער באַוויזן פֿון ר׳ אלקנהן אַליין און פֿון נאָך אַ סך געסט, וואָס זענען געזעסן אַרום טיש. עס האָבן זיך אויך הענט און פֿויסטן צוזאַמענגעקוועטשט, זיך אַרויפֿצוּוואַרפֿן אויף דאָס דאַרע קליינע יידל, וואָס זיין מויל בריט אַזוי לייטן ערגער ווי מיט הייסן אָקראָפּ.

אָבער הונדערטער אָרעמעלייט, קבצנים, שוסטער, שניידער, קצבים און גלאַט אַזוי פֿינסטערע ביטערע נפֿשות האָבן זיך מיט געוואַלד אַריינגעדרענגט, אַרומגערינגלט, ווי אַ פֿעסטונג שלום יונהן, און איין פֿינגער, וואָס וואָלט, חלילה, אַרויפֿגעלייגט געוואָרן אויף אים פֿון אַ פֿרעמדער האַנט, האָט געקענט אַרויסרופֿן אַ געשלעג מיט אַ בלוט פֿאַר־גיסן, אַז די גאַנצע חתונה זאָל אין אַ מלחמה זיך פֿאַרוואַנדלען, ווו יעדער צד שטעלט ממש איין דאָס לעבן.

דאָס האָבן אַלע קלאָר איינגעזען און מען האָט דעם שיכּור געלאָזט רעדן און רעדן.

— איטלעכע שטאָט האָט זיך אירע אָנשיקעניש, — האָט ר׳ אלקנה זיינע מחותּנים דערקלערט. — איין שטאָט איז באַרימט מיט אירע משוגעים, די אַנדערע קלינגט מיט אירע גנבים, בייטלשניידער, אַ דריטע — ווערט פֿאַרשוואַרצט פֿון אירע מוסרים און יאַבעדניקעס. אונדז האָט גאָט געשטראָפֿט מיט דער פּלאָג, מיט דעם שיכּור, און מיר זענען שוין מיט אים געוווינט. נישט דאָס ערשטע מאָל און נישט דאָס לעצטע מאָל. נאָר מיר, שטילע, רויִקע באַלעבאַטים קענען זיין אַזעלכע סבלנים און אַלץ איבערטראָגן, שווייגן אַזאַ שיכּור און זאָרגן נאָך פֿאַר אים, עס זאָל אים קיין אַרבעט און קיין ברויט נישט פֿעלן!

אַזוי מיט אים, אַזוי מיט אַנדערע שקצים, יונגאַטשעס, ליידיקגייער, הולטאַיעס, וואָס ליגן אויף קהל. פון חלול השם וועגן, מוז מען די צרות איבערטראָגן און שווייגן. אין אַן אַנדערער שטאָט וואָלטן אַזעלכע קיין תקומה נישט האָבן, און אַזאַ שניידערוק, אַזאַ שיכור, עזות מחוצף פנים וואָלט שוין ביי לייטן אין סיביר, אין קאַטאָרגע אַוועק, אָדער זיינע ביינער וואָלטן שוין לאַנג געפוילט הינטערן פּאַרקאַן פון בית-עולם ערגעץ! נאָר מיר, מיר קענען עס פאַרליידן, און דער רבונו של עולם זאָל עס טאַקע אונדז פאַררעכענען!

שלום יונה האָט געהערט אלקנהס ווערטער און האָט אַ שטאַרקן זופ געטאָן פון פלעשל.

מיט נאָכמער היץ און פייער האָט ער זיך גענומען ענטפערן ר׳ אלקנהן, און האָט אָנגעהייבן אָפּצומאָלן די שטילע, רויקע, אָרעמע שעפּעלעך מיט די זאַטע פנימער און דיקע בייכער, נעבעך, וואָס זיצן דאָ אַרום טיש, וואָס קענען קיין צוויי נישט ציילן, קיין לייטישע טרער נישט זען, קיין ביטערן זיפץ נישט הערן.

דערנאָך האָט ער גענומען אָפּמאָלן די שרעקליכע לייבן, טיגערס און ווילדע חיות, אָפּגעריסענע, הונגעריקע, אויסגעקרענקטע, איינ-געצויגענע פנימער, וואָס שטייען דאָרט ביי דער טיר און אויפן גאַס הינטער דער טיר, וואָס זוכן נאָר פון ווילטיק און לוסטיקייט, מסתמא, צו רייסן און צו בייסן אָט די דאָזיקע פרומע פעטע, זאַטע שעפּעלעך, נעבעך.

ער האָט זיך אָבער אַזוי צעהיצט, אַז ער איז אין זיין רעדן, ווי אין אַ שטראָם, אַוועקגעשלעפּט געוואָרן, און האָט אויף אַ רגע זיך פאַר-געסן אין זיין פלעשל. איינער פון טיש האָט עס באַמערקט און האָט עס שטילערהייט צוגענומען און באַהאַלטן.

שלום יונהן האָט, אַ פּנים, געטריקנט אין האַלדז. וואָרים מען האָט געזען, ווי די האַנט זיינע טאַפּט, זוכט עפּעס. אומרויִק זוכט זי דאָס פלעשל, מסתמא, נאָר דער שטראָם פון זיין רעדן טראָגט אים אַלץ ווייטער, ווייטער, און ער — רעדט און זוכט דאָס פלעשל.

דווקא אַ גוטער ברודער זיינער האָט באַמערקט, ווי יענער פון טיש האָט באַהאַלטן דאָס פלעשל, האָט ער אין דער רגע אַ כאַפּ גע-טאָן אַזאַ פלאַטשיק פלעשל פון אַן אַנדער טיש און האָט עס שלום יונהן שטילערהייט פאַרשטעקט אין קעשענע ערגעץ.

שלום יונה האָט די וועלט אַרום זיך נישט געהערט, נישט גע-

זען. אפנים, שוין גוט שיכּור געווען, און האָט דעם בּיים נישט באמערקט.

אַז אים איז אָבּער גוט טרוקן געוואָרן אין האַלדז און ער האָט נאָכאַמאָל אָנגעהייבּן זוכן דאָס פלעשל, האָט ער עס דערטאַפּט, און מיטן גאַנצן כּוח אַצי געטאָן פון אים אין האַלדז אַריין.

נאָר דאָסמאָל איז ער פּלוצלונג פייער רויט געוואָרן: אַפּנים, אין לינקער קעל אַריין.

ער האָט זיך פאַרהוסט, פאַרכלינעט, דעם אָטעם נישט געקאָנט אָפּכאַפּן, די אויגן זענען אים ווי גלעזער געוואָרן, מיט בּלוט פאַרגאָסן, און ער איז ווי אַן אונטערגעהאַקטער סנאָפּ געפאַלן צו דער ערד.

עס איז געוואָרן אַ טומל, אַ געשריי:

— גיסט אים אָפּ מיט קאַלט וואַסער! —האָט עמעץ געשריען. — דער בּראָנפן האָט זיך אין אים אָנגעצונדן!

מען האָט אים געגאָסן קאַלט וואַסער אויף זיין צעהיצט, פאַרשוויצט לייב. אים איז, ווייזט אויס, עפּעס גרינגער געוואָרן, אָבּער עפענען דאָס מויל האָט ער שוין נישט געקענט.

— אהיים, אהיים...—האָט ער קוים אַרויסגערעדט און מיט די הענט געווונקען צו דער טיר.

גוטע בּרידער האָבּן אים אויף די הענט אהיים אַוועקגעטראָגן, און דאָ אויף דער חתונה איז נאָך אים געבּליבּן הענגען עפּעס ווי אַ שוואַרצע כמאַרע. איינער דעם אַנדערן האָט אָנגעקוקט מיט פרעגנדיקע אויגן:

— וואָס איז דאָס? וואָס באַדייט עס?

ביי ר׳ אלקנה און די שטאָטישע מיוחסים האָט אין האַרצן געברענט אַ כּעס, ווי אין אַ גיהנום. ביי אַנדערע, אפשר ביי די ווילנער יבנים און געסט, האָט זיך אויך רחמנות, מיטלייד און עלנט דערוועקט, נאָר גערעדט האָט קיינער אַ וואָרט נישט.

סוף בהמה לשחיטה, סוף גנב לתליה! — האָט ר׳ אלקנה אָנגעהייבּן אויפצומינטערן דעם עולם. — און דער סוף פון אַזאַ שיכּור קען בּעסער זיך נישט אויסלאָזן! ער מוז אין זיין אייגענעם בּראָנפן פאַרברענט ווערן!

— אַ שיינע מפּלה! דער הונט איז ווערט דעם שטעקן! — האָבּן אויך אַנדערע אונטערגעהאָלפן.

פאַר דעם כּבוד התורה! — האָט דער רב מיט נקמה פון זיין זייט געזאָגט. — איר שפּילט אייך מיט כּבוד התורה?!

און שלום יונה האָט נאָך דעם אָוונט אַ צייט צוגעקרענקט. פון דעם קאַלט וואַסער, וואָס מען האָט אויף אים געשפּריצט און געגאָסן, בעת דאָס אומגליק האָט אים פּאַסירט, האָט ער אַ שטאַרקע פּאַרקי־לונג געכאַפּט און האָט וואָכן לאַנג געמוזט אין יסורים ליגן צו בעט.

גוטע פריינט, מסתמא פון שטאָטישע רעדלפירער, האָבן אָנגע־בעטן דעם דאָקטאָר, וואָס האָט אים קורירט, ער זאָל אים אָנזאָגן: הזהר והזהר, אין זיין מויל זאָל מער אַ קאַפּ בראָנפן נישט אַריינקו־מען, וואָרים זיין לעבן הענגט אויף אַ האָר. זאָל ער אים זאָגן, אַז אַ קליין ביסל אפילו קען אים דעם סוף מאַכן.

געמיינט האָבן זיי נישט זיין טובה, נאָר זייער אייגענע רו. ווען ער טרינקט נישט, טשעפּעט ער אפילו אַ פליג אויפן וואַנט נישט. עס האָט זיך אָבער באַלד אַרויסגעוויזן, אַז דאָס איז אינגאַנצן איבע־ריק. ערשטנס, האָט מען אין זיין פלעשל געפונען נישט מער ווי אַ ביסל קאַלט ריין וואַסער, וואָס האָט אפילו דעם ריח פון בראָנפן נישט געהאַט.

צווייטנס, האָט דער דאָקטאָר געשוווירן מיט שבועות, וואָס מען האָט געמעגט אפילו אַ משומד גלויבן, אַז וויפל ער האָט נישט נאָכ־געזוכט אין דעם שיכּורס גאַנצן גוף און אפילו אין זיינע אינגעווייטן, האָט ער זיך קלאָר איבערצייגט, אַז אין זיין גאַנצן לעבן איז שלום יונה געווען אזוי ווייט פון אַ ביסל בראָנפן אָדער ביר אפילו, ווי ווייט אַ כשרער, פרומער ייד איז פון טריפה און פון חזיר, חלילה.

באַלד האָט זיך אויך איבער גאַנץ שטאָט די נייס צעשפּרייט, אַז די גאַנצע מעשה מיטן פלעשל איז גאָרנישט מער ווי אַ המצאה־לע געווען פון שלום יונהן. פּשוט וואַסער פלעגט ער פון אים זופּן, פון קיראַזש וועגן, לייט זאָלן מיינען, אַז ער איז שיכּור.

שלום יונה איז געזונט געוואָרן, געבליבן אפילו דער אייגענער בעל־מלאכה, וואָס געווען. אַ ניי פלעשל אָבער האָט ער שוין נישט געהאַט.

און שטיל, ווי אַ טויב, איז ער געוואָרן, אַ הויך קול האָט מען מער פון אים נישט געהערט. אויס שיכּור, אויס העזהניק, אויס פריילעך יידל, אויס פלעשל... נאָר אַ מזג טוב, אַ גוט האַרץ איז ער געבליבן, פּונקט ווי פריער.

האָט מען אים אַמאָל געפרעגט:

— סטייטש, איר זייט דאָך, ר׳ שלום יונה, דער אייגענער ייד,

וואָס געווען, און די אייגענע זענען אויך אַלע עוולות, אַלע רציחות, וואָס טוען זיך אָפּ אין שטאָט! וואָס זשע שווייגט איר? צי האָט וואַסער פאַרפעלט אין טייך?

— קינדער, — האָט ער מיט אַ שווערן זיפץ געענטפערט, און טרערן האָבן זיך באַוויזן אין זיינע אויגן. — קינדער, צי געדענקט איר נישט, אַז ביי שמשון הגיבור האָט זיין גאַנצע גבורה געשטעקט אין זיינע לאַנגע האָר? האָט מען אים אָבער אַראָפּגענומען זיינע לאַנ־גע האָר, איז ער געוואָרן אויס גיבור. ווי אַ שעפּס, נעבעך, האָט ער זיך געלאָזט פון זיינע שונאים בינדן און אויסקפּירן, וווהין זיי האָבן געוואָלט... מיין גבורה, קינדער, האָט געשטעקט אין פּלעשל, דאָס הייסט: אין מיין סוד, וואָס איך האָב אַריינגעטאָן אין אים. איז אָבער דער סוד איינמאָל אַרויס, בין איך אויס קאַפּעלוש־מאַכער, אויס גיבור, צוריק אַ שניידער. ווי אַלע שניידערס...

און אַ ווײַלע אַרום האָט ער צוגעגעבן:

דערווייל, ברידער, האָט מען מיך נאָך נישט געשמידט אין קייטן, מיינע אויגן פון קאָפּ נאָך נישט אויסגעשטאָכן און איך קאָן נאָך אַזאַ גבורה אין זיך נישט פילן אָנצונעמען די מיטלסטע זיילן פון דעם קהלשן בנין, מיט גבורה אים אַ שליידער צו טאָן אויף דער גאַנצער מחנה שטאָטפאַרזאָרגער, און אַזוי ווי שמשון איינ־מאָל פאַר אַלעמאָל אַ געשריי צו טאָן: תמות נפשי עם פלשתים...

ער האָט אָפּגעצויגן דעם אָטעם און ווייטער געזאָגט:

— אפשר, אפשר, קיין מענטש קען פאַר זיך נישט שווערן, קיין מענטש ווייסט נישט, וואָס פאַר אַ שעה אויף אים קען קומען... גאָט אָבער קלויבט זיך בענוג, ווער ווייסט...

אַזוי זיצט נאָך שלום יונה טיף פאַרטראַכט און נייט.

צי טראַכט דער קאָפּ זיינער וועגן זיין אַרבעט, צי טראַכט ער וועגן אַ נייער המצאה, ווי מיט זיינע שונאים זיך אָפּצורעכענען, — ווייסט קיינער נישט.

נאָר אַלע ווייסן, אַז דאָס פּלעשל זיינס האָבן שונאים צעבראָכן, די שערבלעך אויפן מיסטקאַסטן אוועקגעוואָרפן, און ווייטער ווייסן אַלע, אַז דער נאָמען שלום יונה פּלעשל וועט מען נישט פאַרגעסן אפילו אויף זיין מצבה אויפצושרייבן.

אַזוי האָט דער רב געפּסקנט, אַזוי האָט גאַנץ חברה־קדישא פּה אחד מסכים געווען און אַזוי האָט ער אויך כשר פאַרדינט.

יאָסל אלגעבּרעניק און זיין תּלמיד.

געווידמעט דעם חבר און פריינט י. ל. פּרץ.

אַ מיטלמעסיקער ייד איז יאָסל און צייכנט זיך נישט אויס פון אַנדערע אַזעלכע יידן לומדים, נישט מיט זיין וווקס און נישט מיט זיין פּנים. אַזאַ הויכן, האַלב רונדן שטערן, ווי זיינער, האָט אויך דער רב, דער שוחט און נאָך פיל אַנדערע. נאָר אויגן האָט ער נישט גלייך ווי זיי. האָט ווער אַמאָל אַריינגעקוקט אין זיינע אויגן, האָט ער זיי שוין נישט געקענט מער פאַרגעסן.

טייל זאָגן:

— עס זענען קלוגע געטרייע אויגן. בעת זיי קוקן אויף דעם, צו וועמען ער רעדט, דרינגען זיי אין האַרצן אַריין, מאַכן דאָרט ליכטיק און זיכער, און נישט ווילנדיק און נישט פאַרשטייענדיק אַפילו וואָס ער רעדט, מוז מען אים גלויבן, מוז מען אים ליב האָבן.

און טייל ווידער זאָגן:

— שאַרפע, שניידנדיקע אויגן האָט ער. מיט זייער קוק קענען זיי מבטל זיין דעם גרעסטן בעל־גאווה, עס זאָל זיך אים מער נישט גלוסטן צו אַמפּערן מיט אים, אָדער אַזוי טרייבן לצנות פון אים.

נאָר דאָס זענען אַלע מודה, אַז אַ שטיל פייערל, ווי אַ מין נר־תּמידל ברענט אין זיי, און באַשיינט זיין געזיכט און צייכנט אים אויס פון אַנדערע אַזעלכע יידן, און עס איז שווער אַפילו זיין פּנים צו פאַרגעסן.

אַ טבע האָט ער אַלץ רויק אויסצוהערן און צו שווייגן. שווער אַמאָל אַ וואָרט פון איבּ אַרויסצוריסן. צערעדט ער זיך אָבער, שיטן זיך ממש פּערל פון זיין מויל, כאָטש קלייבּ און צי זיי אָן, אויף אַ שנור.

רעדן אָבער רעדט ער שטענדיק פון דער מעלה פון אַלגעברע.

— מען דאַרף לערנען אַלגעברע, — זאָגט ער, — מען דאַרף טראַכטען און לעבען מיט אַלגעברע! נאָר אַלגעברע און אַלגעברישע לאָגיק לערנט דעם מענטשנס מוח ריכטיק צו טראַכטן, ריכטיק צו פאַרשטיין אַן ענין.

— אָן אַלגעברע, — פאַרזיכערט ער, — קען אפשר אַ מענטש אַלץ וויסן, אָבער איין זאַך נישט קענען.

און ער איז מוסיף:

— פון וויסן ביז קענען איז אַזוי ווייט, ווי פון בלינדער אמונה ביז דעת, ווי פון רעדן ביז טאָן, אָדער נישט גענטער ווי פון ווינטשן זיך — ביז האָבן!

על כן פאַרלאַנגט ער, אַז אַלע יידן, אַלע מענטשן, אפילו קינדער קליינע אין חדר, זאָלן לערנען פריער פאַר אַלץ די כללים פון אַלגעברע, און אַז זיי וועלן געוויינען דעם מוח פון קינדהייט אָן אַלץ צו טראַכטן און אַלץ צו פאַרשטיין דורך אַלגעברישע מאָס און וואָג, וועלן זיי שפעטער גאָר אַנדערש יעדע חכמה באַגרייפן, גאָר אַנדערש די וועלט און דעם תכלית פון דער וועלט פאַרשטיין.

לייט שפעטן און זאָגן:

— ער וויל משיחן אַראָפּברענגען דורך אַלגעברע, און דאָס איז נישט מער ווי אַ מין קרענק...

מען רופט אים דערפאַר טאַקע דער אַלגעברעניק.

צי אַ קללה פון אַ ג־ויסן צדיק ערגעץ איז אויף אים געפאַלן, צי דאָס איז גלאַט אַ טירוף, רחמנא לצלן, איז קיינער קיין מבין נישט, נאָר גלאַט, זאָגט מען, איז דאָס נישט, איינס פון דיביידע האָט אים אוודאי געמוזט באַגעגענען.

עלטערע באַלעבאַטים פון שטאָט, וועלכע געדענקען נאָך אַמאָליקע צייטן, דערציילן, אַז ביז דרייסיק יאָר האָט דער אייגענער יאָסל געלערנט תורה. מען האָט געמיינט, עס וועט פון אים אַרויסוואַקסן דער גרעסטער גאון אין דער וועלט. די גרעסטע יידישע קהילות האָבן אים שוין דעמאָלט אָנגעמוטט צו פאַרנעמען ביי זיי דעם כסא הרבנות.

נישט געווען אין לומדות אַזאַ גלייכער און טיפער שכל. ווי זיינער. נאָר פלוצלונג — דערציילן ווייטער די עלטערע באַלעבאַטים — קיינער געדענקט אפילו נישט וואָס איז די סיבה געווען, וואָס האָט אים געבראַכט דערצו, האָט יאָסל אַוועקגעוואָרפן גמרא און מפרשים און זיך גענומען צום חשבון.

צוליב חשבון האָט ער געלערנט לשונות, ביז ער האָט אָנגעטאַפּט די אַלגעברע, און דאָ איז טאַקע זיין קבורה געווען.

פון דעמאָלט אָן זעט מען אים נאָר פאַרטאָן אין אַלגעברע, ווי ער רופט עס, שרייבט ציפערן צוזאַמישט מיט לאַטיינישע אותיות, פירט אויס מיט דער פעדער אַלערליי קאַנטיקע קעסטלעך, צירקלט אויס מיט אַ צירקל גרויסע און קליינע רעדלעך, פאַרפלאַכטענע און פאַרטשעפּעטע איינס אין איינאַנדער, און שרייבט נאָך צו אותיות, עפּעס אַ מין מלאכים־כתב, פאַרברענגט דערמיט טעג און יאָרן און נעמט פשוט אַ ספר אין האַנט נישט אַריין.

— און מען זאָל זאָגן, ער האָט עפּעס דערפון, עס קומט אים עפּעס אַריין פון אַזאַ האָרעווען! — וווּנדערט מען זיך.

— שונאי ציון זאָלן עס האָבן אין זייער גבול, וואָס ער האָט פון זיין גאַנצער אַלגעברע! — ווינטשט מען אין שטאָט.

טרעפט אָבער אַמאָל, עס רייסט זיך אָפּ אַ משונה פּריצל, אָדער עפּעס אַ סטודענטל, וואָס ברויך אוודאי צו דעם עקזאַמען זיינעם, און קומט אויף אַ שעה אָדער צוויי לערנען ביי אים אַלגעברע, מאַכט ער אויך נישט דערפון קיין גרויסע גליקן.

באַצאָלט יענער, איז גוט, אַז נישט — איז אויך רעכט. פאַר דער טובה, וואָס יענער טוט אים, וואָס ער לאָזט זיך פון אים דערקלערן זיין אַלגעברע, איז ביי אים רעכט, כאָטש אַ גראָשן ביי יענעם דערפאַר נישט צו נעמען.

זיין אייגן ווייב זאָגט: אַ גליק וואָס איר מאַן האָט גאָרנישט. וואָלט ער האָבן, וואָלט ער געוויס נאָך צוצאָלן, אַבי מען זאָל קומען צו אים לערנען.

פונדעסטוועגן האַלט מען יאָטלען אין שטאָט פאַר אַ גאַנץ קלוגן יידן, מען נוצט אים צו בוררות, צו אַ פּשרה, און מען דערציילט אָפּט גבורות פון זיין גראַדן שכל און גרונטיקן פאַרשטאַנד אין איטלעכן ענין, וואָס קומט פאַר.

אפילו גאַנץ פיינע באַלעבאַטים שיקן צו אים זייערע קינדער, ער זאָל מיט זיי אַ פּאָר שעה אין טאָג לערנען אַ שטיקל גמרא, אַ ביסל חשבון, אָדער אַזוי שפּראַכן, ווי היינט איז די מאָדע. דערפון ציט ער זיין חיונה.

מאַכן זיך אַ קנעלונג מיט אַ חדר, ווי אַ פּשוטער מלמד, וויל ער נישט, האָט ער קיין צייט נישט. ער דאַרף דאָך לערנען פאַר זיך זיין

אַלגעברע. עס איז נאָך אַלץ קאַרג. ווייניג, הייסט עס, האָט ער שוין אַריינגעלערנט, דרייסיק יאָר כסדר אין דעם מין לימוד...

און נישט אַזוי גרינג קומט אים אָן אפילו די צוויי, דריי תלמידים, וואָס ער לערנט מיט זיי. יעדעס מאָל, ווען מען גיט אים אַ יינגל אַריין אויף לערנען, נעמט מען מיט אים אויס אַ תנאי, און ער מוז צוזאָגן מיט אַן ערלעך וואָרט, אַז פון אַלגעברע זאָל נישט גע-דאַכט ווערן אונז יין סדר הלימוד.

מען זעט טאַקע, עס גיסט זיך בעת-מעשה יאָסלען בלוט פון האַרצן פאַר עגמת-נפש. ס'גייט אים אין לעבן, זעט מען אָן זיין פנים, אַז דווקא אָט דאָס יינגל זאָל ביי אים לערנען אַלגעברע. עס העלפט אָבער נישט זיין איינרעדן, זיין בעטן און זיין שווערן. ווי פאַר אַ קליפה, רחמנא לצלן, ווי פאַר אַ בייזע קרענק ציטערן שטאָטישע טאַטעס און מאַמעס פון קינדער פאַר אַלגעברע.

— דאָס מוז זיין עפּעס אַזאַ מין שווערער לימוד,—זאָגן זיי, — וואָס קאָן דעם שטאַרקסטן קאָפּ פון גלייכן וועג אַראָפּפירן. אַראיה דערצו איז טאַטע יאָסל אַליין. איז גאָר דאָ אַ שטאַרקערער קאָפּ פאַר זיין קאָפּ, געפינט זיך גאָר נאָך אַ שאַרקערער מוח, ווי זיין מוח? און וואָס איז פון דעם קאָפּ און מוח געוואָרן? אַן אָרעמאַן, אַן אביון, האָט קוים אַ טאָג דורכצוקומען; ווען נישט די קינדער זיינע, וואָס שיקן אים אַ פּאָר רובל פון אַמעריקע, וואָלט ער טאַקע אַוודאי גע-קענט אויסקומען מיט די עטלעכע רובל שכר למוד!...

און וואָס האָט אים געבראַכט דערצו? אַלץ די אַלגעברע!...

נאָר איין-איינציקן מאָל האָט אים אַ גליק געטראָפן, ער זאָל מעגן מיט זיין תלמיד לערנען אַלגעברע, און די מעשה איז אַזוי גע-ווען: ר' מאיר גאָלדמאַן, דער גרויסטער עושר און ערשטער פּאָדריאַד-טשיק אין שטאָט, האָט געזוכט אַ מלמד פאַר זיין בן-יחיד נחלען, אַ יינגל פון ערשט נאָך בר-מצווה.

די גרעסטע מלמדים אין שטאָט זענען שוין פאַר אים צו קליין געווען.

דאָס יינגל האָט געשמט פאַר אַן עלוי. אגב, זאָגט מען, אַז ר' מאיר אַליין איז אַ שטיקל אויפגעקלערטער און איז נוטה צו אַל-געברע, און ביי אים איז געבליבן, אַז קיין בעסערן מלמד און לע-רער פאַר זיין בן-יחיד, ווי יאָסל, איז גאָר אין דער וועלט נישט צו

געפינען. האָט ער געשיקט רופן יאָסלען, יאָסל האָט נחלען פאַרהערט און איז מיט אים העכסט צופרידן געווען.

— לאָזט מיך מיט אים לערנען, ווי איך פאַרשטיי, ווי איך וויל, — האָט יאָסל מיט פרייד געבעטן, — וועט פון אייער קינד אַרויס דער מענטש, וואָס קען און וואָס דאַרף פון אים אַרויס!

דער גביר איז מרוצה געוואָרן, נאָר בתנאי, אַז די טאָכטער זאָל נישט געוואָר ווערן, וואָס און ווי ער לערנט מיט איר קינד.

— אַ יידענע בלייבט אַ יידענע, — האָט דער גביר זיין ווייב פאַרענטפערט. — איך קען פון איר אויך נישט פאַרלאַנגען, זי זאָל זיין קליגער פאַר אַנדערע מאַנסלייט ביי אונדז אין שטאָט. אַז זי זאָל, חלילה, דערהערן, אַז איר בן-יחיד לערנט ביי אייך אַלגעברע, וואָלט איך פון איר דאַרפן אַנטלויפן, אָדער סיידן גטן זיך מיט איר. אַז מורא פאַלט אָן אויף איר, ווען זי דערהערט אויס-עדנדיק דעם נאַמען אַלגעברע. דערקלערן איר, וואָס איז אַזוינס אַלגעברע, און אַז עס שטעקט אין דעם קיין סכנה נישט, קען אפשר גאָט אַליין אויך נישט. מיט איר אייגענעם שכל וואָלט זי עס נישט פאַרשטיין און גלויבן אין אַזאַ ווונדער, אַז מען קען לערנען אַלגעברע און — האָט קיין פאַריבל נישט — בלייבן ביים גאַנצן שכל, וואָלט זי דעם רבונו של עולם אַליין אויך נישט; כאָטש נישטאָ אַזאַ ווונדער, וואָס זי זאָל נישט גלויבן אין אים.

— וואָס אָבער האָב איך געטאָן, זי זאָל מסכים זיין אייך מיין נחלען אָפּצוגעבן? האָב איך איר געזאָגט, אַז פאַר אַלגעברע האָב איך אַליין אפשר נאָך מער מורא, ווי זי, נאָר איך בין זיכער, אַז אין גאַנצן לימוד וועט אַלגעברע נישט געדאַכט ווערן. אייך זאָג איך אָבער, איר מעגט לערנען אַ ביסל אַלגעברע מיט נחלען, אויב זיין מוח וועט נאָר באַנעמען. מאַכט עס אָבער אַזוי, אַז נישט נחל אַליין, נישט לייט זאָלן וויסן, אַז דאָס, וואָס איר לערנט מיט אים, איז אַלגעברע.

יאָסל איז דערויף באַשטאַנען און נחל איז זיין תלמיד געוואָרן.

קיין אַנדערע תלמידים האָט ער שוין אַליין נישט געוואָלט זוכן גאָלדמאַן האָט אים פאַר דעם איינעם שכר-לימוד באַצאָלט, וואָס ער וואָלט אפשר פון אַנדערע צען נישט געהאַט.

עס האָט זיך באַלד אַרויסגעוויזן, אַז נחל איז טאַקע אַט דער תלמיד, וואָס יאָסל האָט זיין גאַנץ לעבן געזוכט.

וואָס נאָר ער האָט מיט אים. געלערנט, האָט נחל מיט זיין שאַרף

קעפּל באַלד באַנומען. ביסלעכווייז האָט אים יאָסל באַקאַנט געמאַכט מיט דעם גאַנג פון אַלגעברע. צוליב אים האָט ער אַ קליין ספרל אויפגעשריבן, וועלכן ער האָט אַ נאָמען געגעבן „מיטב הגיון" און געלערנט אים פון דעם ספרל ריכטיק טראַכטן, ריכטיק באַנעמען אַ זאַך.

„הגיון„ אָדער „לאָגיק" האָט ער דעם לימוד אָנגערופן. דעם נאָמען אַלגעברע האָט ער פון נחלען בסוד געהאַלטן, ביז נחל האָט שוין געהאַט אַ היבשע ידיעה אין דעם.

ווי דאָס לעבן האָט יאָסל זיין תלמיד ליב געהאַט, און ווי אויף אַ גרויסן גאון האָט דער תלמיד אויף זיין רבין געקוקט.

אויף די הענט פּשוט, דערציילט מען, האָט יאָסל זיין תלמיד געטראָגן, אַ טריט איז ער אָן אים נישט געגאַנגען, און נחל, זאָגט מען, האָט אַ ביסן אין מויל נישט געקענט נעמען, דער רבי זאָל מיט אים נישט מיטעסן. אַזאַ ליבשאַפט פון אַ רבין צו אַ תלמיד און פון אַ א תלמיד צו אַ רבין, האָט טאַקע די וועלט אפשר ביז דעמאָלט נאָך נישט געזען.

אפילו די מוטער נחלס האָט באַלד געזען די מעלה פון אַזאַ רבין, ווי יאָסל.

איר נחל, וואָס איז תמיד געווען אַ נאָכגעגעבענער בן-יחיד, מיט זיינע ווילדע קאַפּריזן, איז גאָר אָן אַנדער קינד געוואָרן: אַזוי קלוג און געזעצט, רעדט אַזוי מיט פאַרשטאַנד, ווי אַ דערוואַקסענער מענטש.

זי האָט דערפאַר יאָסלס ווייב מיט מתנות אָפּגעשאָטן, און יאָסל אַליין איז איר ליבסטער גאַסט געווען, ווען ער פלעגט צו איר אַריינקומען.

יאָסל אַליין האָט אַמאָל דערציילט, אַז אַזוי גליקלעך, ווי ער איז געווען אין דער צייט, וואָס ער האָט מיט נחלען געלערנט, איז ער נאָך קיינמאָל אין זיין לעבן נישט געווען.

— גאָט האָט מיר פּאָרט אַמאָל דעם מלאך אַראָפּגעשיקט, — האָט ער געזאָגט, — וואָס האָט אויך אין מיין האַרצן אַ ביסל ליכטיק געמאַכט, און דער מלאך איז מיין תלמיד, וואָס הייבט מיך שוין אָן צו פאַרשטיין און וועט מיט דער צייט מיך פאַרשטיין אינגאַנצן!

מער ווי דאָס האָט יאָסל קיינמאָל נישט געוואָלט, קיינמאָל זיך נישט געווונטשן.

נאָר איין חסרון האָט זיין ליבער תלמיד געהאַט: ער פלעגט

זיך אָפּט פאַרטראַכטן, פון העלער הויט, און אַז יאָסל פלעגט אים פרעגן: „וואָס טראַכסטו, נחל?״ פלעגט ער זיך, ווי פון שלאָף אויפּכאַפּן און נישט וויסן וואָס צו ענטפערן.

אַן אַנדערש מאָל האָט ער זיך געקענט פאַרקוקן אויפן הימל, נישט קענען ממש די אויגן אָפּרייסן פון די גאָלדענע וואָלקנדלעך, אונטער וועלכע עס קריכט אַמאָל, פאַרנאַכט, די זון אַרונטער, און אַזוי קוקן, ביז די וואָלקנס צעגייען זיך אָדער ביז זיי פאַרלירן זייערע גאָלדענע ברעגן און ווערן וואָלקנס, ווי אַלע וואָלקנס.

עס פלעגט טרעפן, יאָסל גייט מיט אים אַרויס שפּאַצירן אויפן פרייען פעלד, הינטער דער שטאָט, און נחל ווערט נתפּעל פון אַלץ, וואָס זיין אויג זעט.

— אהין, אהין! — שרייט נחל מיט התפעלות, און ציט זיין רבין פאַר דער האַנט צו גיין מיט אים צום בלוילעכן וואַלד, כאָטש עס איז ווייט, און יאָסלען איז שווער אַזוי ראש און גרינג אים נאָכצוגיין.

— וואָס זעסטו דאָרט, קינד איינער? — פרעגט אים דער רבי, נישט באַגרייפנדיק, וואָס עס ציט אים אַהינצו.

— אָך, ווי שיין איז דאָרט! — שרייט נחל אויס, און זיינע אויגן דריקן אויס התפעלות.

יאָסל וווּנדערט זיך, וואָס פאַר אַ שיינקייט זעט ער דאָרט.

געפינט נחל אַ בלימעלע אין וועג, בויגט ער זיך צו און קושט עס, גלייך ווי עפעס רעכטס; טרעט יאָסל אַמאָל אומגערן אין גאַנג אַרויף אויף אַ בלימל, גיט נחל אַ געשריי, גלייך ווי ער וואָלט דעם ווייטיק געפילט פון דעם טראָט.

ער הייבט עס אויף, דריקט עס צו צום האַרצן, און אין די אויגן זיינע ווייזן זיך טרערן.

— אַ קינד, נאָך גאָר אַ קינד! — וווּנדערט זיך יאָסל און טרייסט זיך. — קיין חידוש נישט, אַ גביריש קינד, געהאָדעוועט אויף אַלערליי צאַצקעס און שפּילצייג, מיינט ער, אַז די בלימלעך אויפן פעלד, די וואָלקנס, דער וואַלד און אַלץ, וואָס זיין אויג זעט, איז אַ קינדערשפּיל: צו שפּילן זיך מיט זיי האָט די נאַטור זיי באַשאַפן. לאָז ער נאָר עלטער ווערן, וועט ער געוואָר ווערן, אַז וואָלקס זענען בלויז דאַמפּ, דאָס גאָלד אויף זיי איז נאָר אַן אָפּשיין, און דער עיקר פון די בלימלעך איז נאָר די פרי, וואָס וואַקסט אַרויס פון זיי, און אַזוי אין אַלץ.

ביידע, סיי דער רבי, סיי דער תלמיד האָבן זיך אָבער מיט דער צייט אַזוי צוגעוווינט, אַז זיי האָבן מער קיין חסרונות נישט געזוכט און קיין חסרונות נישט געפונען איינער אין אַנדערן. עס האָט זיך זיי אויסגעדאכט, אַז זיי וועלן אייביק אַזוי לערנען צוזאַמען, אייביק זיך נישט צעשיידן פון איינאַנדער.

נאָר איינמאָל, קומענדיק אַהיים, איז נחלען די מוטער אויפן האַלדז געפאַלן, מיט פאַרוויינטע אויגן אים דערציילט, אַז זי ווייסט שוין, אַז ער לערנט ביי יאָסלען אַלגעברע.

דערציילט האָט דווקא דער דאָקטאָר, וואָס איז גאָרנישט אויסן געוועזן איר, חלילה, צו קרענקען.

אדרבה, ער האָט איר געוואָלט דעם נחת אָנטאָן, לויבן איר איינ־ציק קינד, וואָס מאַכט די שווערסטע אַלגעברישע אויפגאַבן.

מער אָבער האָט זי נישט באַדאַרפט. קראַנק איז זי שוין פון שרעק און זאָרג פאַר איר אָרעם קינד, וואָס דער טאַטע, דער גזלן, האָט פון אים געמאַכט! עס גלויבט זיך איר שוין נישט, צי נחל רעדט נאָך צו דער זאַך, צי איז ער שוין, חלילה, פון זינען נישט גערירט.

נחל טרייסט זי, שווערט, אַז אדרבה, צוליב דער אַלגעברע פאַרשטייט ער יעדן לימוד טיפער און קלערער. רעד אָבער צו איר און רעד צו דער וואַנט.

עס איז יום־כּפּור אין שטוב, זי עסט נישט, זי טרינקט נישט און נעמט פון איר קינד אירע רויטע אָנגעוויינטע אויגן נישט אַראָפּ.

מעג זיך די וועלט איבערקערן, שרייט זי, אַז זי וועט איר איינציק קינד מער צו יאָסלען נישט לאָזן גיין, ער זאָל, חלילה, אין גאַנצן אַראָפּ פון זינען דורך דער פאַרשאָלטענער אַלגעברע, און זי זאָל אויסהאָדעווען אַזאַ קבצן, חלילה, ווי יאָסל איז מיט זיין אַלגעב־רע און דורך זיין אַלגעברע!

מען דערציילט, אַז עס איז אַן אמתער חורבן געווען יענע נאַכט ביים גביר אין הויז.

עס האָבן געקעמפט פאָטער און קינד קעגן דער מוטער. זיי האָבן אַ גאַנצע נאַכט געקעמפט, און אויסגעפירט האָט זי.

זי וואָלט אפשר אַליין אויך נישט אויסגעפירט, ווען עס קומען איר נישט צו הילף אירע נערוון און שרעקלעכע ספּאַזמען.

אום זי צו באַרויִקן, זי זאָל טאַקע באמת פון זינען נישט

אַראָפּ און לויפן צו יאָסלען און אים אויסרייסן די באָרד און אויס־האַקן זיינע שויבן, ווי זי האָט געשוואוירן, האָבן פאָטער און קינד איר נאָכגעגעבן און געמאַכט אַ שלום: נחלען האָט דער שלום אַ האַלב לעבן געקאָסט.

אויף מאָרגן איז, אַנשטאָט נחלען, ר׳ מאיר גאָלדמאַן אַליין צו יאָסלען אין חדר געקומען. ער האָט יאָסלען די גאַנצע מעשה אויס־דערציילט, אים געבעטן טויזנט מאָל מחילה, אים מבטיח געווען, זיינע שכירות ווייטער צו צאָלן ביז נחלס חתונה אָגן אַ מזלדיקער שעה, נאָר נחל אַליין קען מער שוין זיין תלמיד נישט זיין.

— אייער שכירות ברויך איך נישט, — האָט יאָסל תחילת רויק געענטפערט.

נאָר פּלוצלונג האָבן זיך זיינע פייערדיקע אויגן צעפלאַמט, און ער האָט אַ געשריי געטאָן:

— אַ תלמיד וועל איך קריגן אַן אַנדערן, וואָס זאָל מיר שכירות צאָלן! אָבער, גזלנים, גיט מיר צוריק מיין חבר, דעם איינציקן ריינעם נפש, וואָס האָט מיך פאַרשטאַנען! איך בין אַזוי עלנט, אַזוי אַליין!

ר׳ מאיר האָט פון יאָסלס אויגן און פון זיין פייַנלעכן געשריי זיך אַזוי דערשראָקן, אַז ער האָט באַלד געמאַכט פּליטה.

קומענדיק אַהיים, האָט ער זיין ווייב געזאָגט, אַז איצט זעט ער איין, אַז זי איז טאַקע גערעכט.

נחל אָבער האָט זיך אַזוי גיך נישט באַרויקט.

ביי קיין אַנדערן רבין האָט ער נישט געוואָלט לערנען. ער האָט נישט גערעדט, נישט געגעסן, נישט געטרונקען און זיך מיט קיין זאַך נישט געלאָזט טרייסטן.

מען האָט דעם דאָקטאָר צו הילף גערופן, און — עס איז געבליבן, אַז די גבירה זאָל מיט אים אַוועקפאָרן קיין אויסלאַנד, אים ווייזן אַ וועלט.

די רייזע וועט אים צעשטרייען און ער וועט זיין רבין פאַר־געסן.

די אויסזיכט אויף פאָרן מיט דער מוטער קיין אויסלאַנד, זען שיינע בערג, טאָלן און גרויסע שטעט, ווי מען האָט אים פאַר־געשטעלט, איז נחלען געפעלן, און ער האָט געזאָגט:

— סיידן פאָרן, סיידן דאָ נישט זיין!

פאָרן אַוועקפאָרן האָט נחל געשיקט זיין רבין אַ צעטעלע,

אים געבעטן נישט אין כעס זיין אויף אים. ער וואָלט אַליין גע־קומען אים מחילה בעטן, זיך געזעגענען, נאָר מען לאָזט אים נישט. ער איז ווי אין אַ תפיסה, מען נעמט פון אים קיין אויג נישט אַרונטער.

ער בעט אָבער דעם רבין, ער זאָל זיך מטריח זיין קומען היינט ביין אַ זייגער אינאָוונט אויפן וואָקזאַל, דאָרט זיך געזעגענען מיט אים. אַנדערש וועט ער זיך קיינמאָל נישט קענען באַרויקן.

ניין אַ זייגער איז יאָסל געקומען צופוס אויפן וואָקזאַל און געזוכט זיין תלמיד. אויפן וואָקזאַל זענען זיך צוזאַמענגעפאָרן אַ סך קרובים; מענטשן, וואָס דינען ביי ר׳ מאירן, און גלאַט הויזלייט, וואָס רייבן זיך אַרום אַזאַ פעטן טאָפּ.

אפילו כלי־קדש פון שטאָט האָבן נישט געפעלט.

יאָסל האָט געזען דעם עולם, געזען אויך דעם תלמידס טאַטן און מאַמען פון ווייטן.

דעם תלמיד אַליין אָבער האָט ער נישט געזען. צוגיין צו דעם עולם פרעגן, האָט ער נישט געוואָלט, און זיינע אויגן האָבן פון ווייטן געזוכט, טאָמער דערזעט ער אים אַ רגע אַליין.

ווי עס ווייזט אויס, האָבן די עלטערן זייער קינד מיט אַ כיוון אַרומגערינגלט מיט אייגענע מענטשן, ער זאָל זיין רבין נישט דערזען.

נאָר פּלוצלונג האָט זיך נחל אַרויסגעריסן פון די אַרומיקע, צוגעלאָפן צו יאָסלען, זיך אַ וואָרף געטאָן אים אויפן האַלדז, און אים אָנגעהייבן קושן די הענט. יאָסל האָט אים געגלעט און באַרויקט, טאַטע און מאַמע און גוטע פריינט זענען צוגעלאָפן, באַוווּנדערט, ווי דאָס ליבטיקע קינד טוליעט זיך אַזוי צו דעם אַלטן טרוקענעם יידן, וואָס איז נאָך אַן אָרעמאַן און נישט גאָר אָנשטענדיק געקליידט דערצו.

אָבער קיינער האָט קיין האַרץ נישט געהאַט איבערגעוואַלט זיי צעשיידן.

ר׳ מאירן האָט אין דער רגע פאַרדראָסן, וואָס זיין בן־יחיד טו־ליעט זיך אַזוי צו אַ גאָר פרעמדן יידן מיט אַזאַ ליבשאַפט, וואָס ער, אַלס פאָטער, האָט פון זיין קינד צו זיך קיינמאָל נישט באַמערקט.

די מוטער האָט שטילערהייט דריי מאָל אויסגעשפּיגן און געשפּ־טשעט פאַר איר קינד אַן עין־הרע, און אפשר אויך אויסגעבייטלט אַלץ

בייזע חלומות צום אלגעברעניקס קאפ. צוגיין נאנט, אנעמען איר קינד פארן הענטל און אפרייסן פון דעם משוגע, האט זי אבער מורא געהאט.

ענדלעך האט מען א קלונג געטאן. נחל האט נאכאמאל זיין רבין א קוש געטאן, דער רבי אים צוריק האט א קוש געטאן אין קאפ, און אים געהייסן גיין מיט דער מוטער אין וואגאן אריין.

צום דריטן קלונג האט אים יאסל אין וואגאן אריינגעשריען:

— פארגעס נישט, נחל, וואס דו האסט ביי מיר געלערנט!

— איך וועל געדענקען, רבי! איך וועל אייך אויך נישט פארגעסן!

יאסל האט נישט געוואַרט ביז דער צוג וועט אפגיין, און האט זיך געלאזט גיין צופוס צוריק אהיים, כאטש עס איז שוין געווען גוט שפעט, און ער האט געהאט וויט צו גיין.

באלד אבער האט אים אנגעיאגט ר׳ מאיר אין אייגענעם וואגן מיט א פאר פערד געשפאנט. אז ער האט דערזען יאסלען, ווי ער שלעפט זיך א צעבראכענער, האט ער געהייסן זיין קוטשער, ער זאל זיך אפשטעלן און איז אליין אראפגעגאנגען יאסלען בעטן צו זיך אין וואגן אריין.

— וואס דארפט איר גיין צופוס? — האט ער געזאגט. — זעצט זיך, איך וועל אייך אונטערפירן א היים. און אפשר וועט איר מיר צוליב טאן, ארייַנגיין טאקע צו מיר אויף אונטערבייט? פארוואס נישט? מיין אלטע פארט שוין געזונטערהייט, פאר וועמען ברויכט איר מורא צו האבן?

— מורא? — האט יאסל איבערגערעדט און א קוק געטאן אויף דעם גביר.

אין דער רגע האט זיך דער גביר געפילט ארעמער און נידעריקער פאר דעם ארעמען יידל, וואס שלעפט זיך אזוי נעבעכדיק אהיים צופוס.

ער האט אויף יאסלס פראגע קיין ענטפער נישט געקענט געפינען.

יאסל האט אויף קיין ענטפער נישט געווארט, און איז זיך זיין וועג ווייטער געגאנגען.

פון יענעם טאג זענען שוין עטלעכע יאר אריבער.

צוריק אהיים איז שוין נחל נישט געקומען.

מען זאגט, ער לערנט ערגעץ אין אויסלאנד, וו עס זענען קיין

אַלגעבּרעניקעס נישטאָ, און די גבירה, ר׳ מאיר גאָלדמאַנס ווייב, איז זיכער, אַז איר איינציק קינד וועט שוין מיט דער סכּנה פון אַלגעבּרע נישט מער געפּרוווט ווערן.

און ווי עס שיינט, האָט נישט נאָר דער תּלמיד דעם רבּין פאַרגעסן, אָבער אויך דער רבּי זיין תּלמיד. וואָרים פון יענער צייט אָן הערט מען נישט, אַז יאָסל זאָל ווען וועגן נחלען רעדן אָדער כאָטש זיין נאָמען דערמאָנען.

ער האָט באַלד זיך געפונען אַ פּאָר אַנדערע יינגלעך, מיט וועלכע ער לערנט נאָך עד היום חומש מיט רש״י. אַלגעבּרע ווערט נישט געדאַכט.

אין שטאָט זענען דאָ עטלעכע מוכרי־ספרים און דריי, פיר קריסטלעכע בוכהאַנדלונגען. האָט נאָר יאָסל אָפּגעקאַרגט און אָפּגעשפּאָרט אַ רובל, טראָגט ער אים אַוועק אין בוכהאַנדלונג. עס קענען אים שוין גאַנץ גוט די בוכהענדלער אַליין און אַלע זייערע מענטשן אין געשעפט.

אָפטמאָל שטעלט ער זיך אַוועק קוקן אויף די טויזנטער ביכער, לייענט די נעמען זייערע אויף די רוקנס, און נישט געפינענדיק וואָס עס זאָל אים אַ נעם טאָן, רעדט ער שטיל פאַר זיך:

— פאַרוואָס אַזויפיל שטרוי און אַזוי ווייניק קאָרן?

צען, צוואַנציק מאָל קען יאָסל קומען און אַוועקגיין, און אין דער גרויסער מאַסע ביכער איינס פאַר זיך נישט געפינען, אויף וואָס זיין אָרעמען רובל אויסצובייטן.

געפינט ער אָבער, וואָס ער זוכט, וועט ער שוין נישט אַוועקגיין, ביז וואַנען ער וועט עס נישט אָפּקויפן.

ער דינגט זיך נישט. וויפל מען בעט, באַצאָלט ער. האָט ער נישט דעם גאַנצן מקח. גלויבט מען אים אויפן וואָרט. מען ווייסט, אַז ער וועט לאַנג נישט שולדיק בלייבן.

און וואָס קויפט ער? דווקא וואָס קיין אַנדערער קונה נעמט עס אין האַנט נישט אַריין. די בוכהענדלער באַדויערן אַמאָל, אויף וואָס דער אָרעמער ייד גיט, נעבעך, אויס זיין בלוטיקן רובל.

ווייטער איז זיך יאָסל אַ ייד, ווי אַלע יידן: קומט אַלע פרימאָרגן אין בית־המדרש דאַווענען בצבור, און אַ זייטיקער מענטש, נישט קיין היגער, ווייסט אַפילו נישט, אַז מען רופט אים „אַלגעבּרעניק״

קומענדיק אַמאָל מיטן טלית און תּפלין גאַנץ פרי אין בית־המדרש, ווי זיין שטייגער איז, האָט ער דעם עולם געפונען אין אַ רעדל צו־

זאמענגעגומען, און מען רעדט, מען ווינטשט זיך אייגנס צו האָבן, וויפל אזא חתן קאָן נעמען נדן.

אַנדערע באַנוגענען זיך מיט אַ העלפט, מיט אַ דריט-חלק אָדער אַ צענט-חלק נאָר.

יאָסל הערט פון ווייטן דאָס געשפּרעך, אָבער עס אינטערעסירט אים נישט.

עפּעס הערט ער יאָ די נעמען: „מאיר גאָלדמאַן", „נחל", „ער איז, אַ ספרא רבה, וואָס ער שרייבט, דרוקט זיך באַלד אין די גאַזעטן"— נאָר וואָס זאָל ער זיך צוהערן צו נאַרישע פּלודעריי פון מענטשן, וואָס האָבן צו רעדן נישט מער ווי וועגן דעם אַנדערן, און זיך ווינטשן גלאַט אין דער וועלט אַריין?

דער עולם איז אָבער טשיקאַווע אויסצוהערן יאָסלס השערה מכוח דעם, וואָס מען רעדט.

— וואָס, זאָגט איר, ר' יאָסל, אויף אייער געוועזענעם תלמיד?—גיט אים איינער אַ פרעג.

וועגן נחלען? ער איז געקומען?—פרעגט יאָסל איבער, גלייך ווי ער וואָלט גאָר קיין אַנדער תלמיד קיינמאָל נישט געהאַט.

— וועגן וועמען דען, מיינט איר, רעדט מען?—פרעגט מען אים, במקום אַ תשובה אויף זיין שאלה — אוודאי געקומען!

— אַ שאָד,—ענטפערט יאָסל מיט אַ זיפץ.—איך האָב פון אים פיל געהאָפט.

— וואָס געפעלט ער אייך איצט נישט? — פרעגט גאָלדמאַנס אַ בן-בית, וואָס איז, ווי עס ווייזט אויס, שטאַרק פאַראינטערעסירט, מען זאָל זיין גבירס זון אַ גרויסן נאָמען מאַכן אין שטאָט. —איך קאָן אייך זאָגן, נחל איז איצט נאָך מער לייט, וויפל איר האָט זיך געריכט.

— איך פאַרגין אים—ענטפערט יאָסל,—כאָטש איך בין שטאַרק אין ספק, צי איז ער אויף דעם וועג ווייטער געגאַנגען, אויף וועלכן איך האָב אים אַמאָל אַרויפגעפירט און אָנגעוויזן.

— איר מיינט אוודאי אַלגעברע! — שמייכלט יענער. —מיט אַל-געברע ווילט איר דאָך משיחן אַראָפּברענגען! ...

יאָסל האָט נישט מער געענטפערט. ער האָט נאָר אַ רחמנותדיקן קוק געטאָן אויפן ווייצלינג. דער קוק האָט אויך אויף די איבעריקע געווירקט און דער עולם איז פּלוצלונג אָן ווערטער געבליבן.

יאָסל האָט עס באַמערקט, און עס האָט אים פאַרדראָסן, וואָס

ער האָט נישט ווילנדיק געשטערט דעם עולם צו רעדן פון דעם וואָס שאַפט אים פאַרגעניגן. ער האָט געזאָגט:

— מובטחני, אַז מיין נחל האָט וייטער געלערנט אַלגעבּרע, און איך קען זיכער אויף אים זאָגן: כמותו ירבו בישראל!

דער עולם האָט זיך דורך די עטלעכע ווערטער צוריק דערמונ־טערט, און ווידער אָנגעהייבּן רעדן און השערות זאָגן וועגן דעם נדן און וועגן דער כּלה, וואָס אַזאַ חתן, ווי דעם גבירס גערעטענער בן־יחיד, איז מחויב צו נעמען.

פון „מזמור שיר חנכּת״ איז נאָך ווייט געווען.

נאָכן דאַוונען האָט אַ ייד קיין צייט נישט זיך לאַנג אין בּית־המדרש אויפצוהאַלטן, דעריבּער רעדט ער זיך אויס, אויף גאָטס רעכע־נונג, איידער דער חזן גייט צו צום עמוד, און כּל זמן מען האָט זיך נאָך אינגאַנצן נישט אויסגעשמועסט, קאָן דער חזן צום עמוד נישט צו־גיין.

ער, דער חזן, איז אויך אַ ייד, און האָט אויך אַ צונג צו רעדן, און פון וואָס רעדט אַ ייד אַזוי געשמאַק. ווי פון יענעמס גליק, ווי פון יענעמס קינדער: צי זיי זענען געראָטן אָדער נישט!

יאָסלען האָט זיך אָבער געוואָלט וואָס גיכער אַהיים, אָנזאָגן זיין אַלטער, אַז נחל איז געקומען און עס איז אַ יושר, זי זאָל דאָס שטיבעלע צוקלויבּן און זיך ריכטן אויף דעם גאַסט.

אַז ער וועט צו אים קומען, איז ער גאָר אין ספק נישט געווען. ווי אַזוי וועט ער עס נישט קומען? ער מוז קומען!

אַ גאַנצן טאָג איז יאָסל געווען אויפגעלייגט און יום־טובדיק.

ער האָט אַליין צוגעהאָלפן מאַכן אַ סדר אין שטיבל, צוזאַמענ־געלייגט אַליין זיינע ספרים און פּאַפּירן.

אויף זיין טישל איז פאַרשפּרייט געווען אַ ווייסער טישטוך, אַרויפ־געשטעלט דריי ריינע גלעזער מיט לעפעלעך און אַן אַלטע זילבּערנע צוקער־פּושקע.

אין קיך איז געשטאַנען אַ בלאַנק אויסגעשייערט סאַמאָוואַר, לעבּן אים אָנגעגרייט העלצלעך מיט ווייכע קוילן, טאָמער קומט דער גאַסט, זאָל צום אָנשטעלן דאָס סאַמאָוואַרל גאָרנישט פעלן.

פאַרנאַכט ערשט האָט זיך די טיר געעפנט און אין שטיבל איז אַריינגעקומען אַ הויכער, שיינער בּחור פון אַ יאָר אַכצן—ניינצן. אין האַנט האָט ער געהאַלטן עפּעס אַ קליין פּעקל.

יאָסל האָט זיין תּלמיד באַלד דערקענט, אפשר ווייל ער האָט זיך גערעכט אויף אים. דער תּלמיד דעם רבין — נאָך גיכער. יאָסל איז נאָר אַ ביסל עלטער געוואָרן, אָבער אין געזיכט האָט ער זיך ווייניק געענדערט.

יאָסל האָט זיך אויפגעהייבן, געוואָלט מאַכן א פּאָר טריט דעם ליבן גאַסט אַנטקעגן, נאָר אין דער רגע איז דער גאַסט צוגעלאָפן צו אים און זיך מיט זיין רבין צעקושט.

עטלעכע מינוט זענען זיי שטיל געשטאַנען, ווי עס האָט ביידן ווערטער פאַרפעלט, וואָס איינער דעם אַנדערן צו זאָגן. ענדלעך האָט יאָסל אָנגעהויבן:

ביזט דערזעלבער מיט דיינע התפעלות, ווי געווען. זעסטו, העכער און דיקער, קען איך נישט לייקענען.

שמנתי, עביתי, כּסיתי! — האָט דער גאַסט אויסגערעדט מיט אַ שמייכל.

— נישט דעם פּסוק וויל איך דיר זאָגן,—האָט זיך יאָסל אָנגערופן.—אַן אנדער פּסוק איז מיר אויפן זינען אַרויף: „בן פּורת יוסף, בן פּורת עלי עין”!... איך פריי מיך, וואָס איך זע דיך אַזוי. זעץ זיך און דערציייל עפּעס, מיין זון, ווו ביזטו געווען? וואָס האָסטו זיך אָנגעזען? וועגן דיין לימוד פרעג איך איצט נישט: „חכמת אדם תאיר פּניו”.

דער גאַסט האָט זיך ביים טישל געזעצט, קעגנאיבער זיין רבין, דערציילט אים פון זיין לעבן אין אויסלאַנד און פון די שטעט, וווּ ער איז געווען.

— אייך, רבי, — האָט ער געזאָגט, זיך דערמאָנענדיק אָן דער מתנה, וואָס ער האָט געבראַכט, — אייך האָב איך אין ערגעץ נישט פאַרגעסן און ווו נאָר מיר האָט זיך געטראָפן אַ גוט בוך, וואָס קען אייך צונויץ קומען, האָב איך אייך געקויפט!

מיט די רייד האָט ער דאָס פּעקעלע אויפן טיש אַרויפגעלייגט און עס פאַנאַנדערגעבונדן. דאָס זענען געווען מאַטעמאַטישע ביכער אין דער דייטשער און פראַנצויזישער שפּראַך.

יאָסל האָט תּחילת די מתנה גלייכגילטיק צוגענומען און דאָס פּעקעלע אָפּגערוקט ביים ברעג טיש, צום פענסטער צו.

נאָר פון טשיקאַווע וועגן און אפשר זיין גאַסט נישט צו פאַר-

שעמען, אויף זיין מתּנה קיין אויג נישט צו טאָן, האָט ער זיך געוומען ביסלעכווייז זיי דורכצובלעטערן.

אַ ביסל קורצזיכטיק צום לעזן איז ער תּמיד געווען, האָט ער דעם קאָפּ אַלץ נידעריקער און נידעריקער צו די בלעטער צוגעבויגן.

ביסלעכווייז האָט ער זיך אַזוי פֿאַרטיפֿט אין זיי, ביז ער האָט דעם גאַסט אינגאַנצן פֿאַרגעסן.

גוט, וואָס די רביצן איז אַריינגעקומען מיט אַ טעצל אָנגעגאָסענע גלעזער טיי, און דעם גאַסט אַ ביסל פֿון זיך דערצײלט.

לאַנג אָבער האָט זי קיין צייט נישט געהאַט צו רעדן. זי האָט דעם גאַסט מחילה געבעטן און איז צוריק אין קיך אַריין. עס האָט זיך איר געוואָלט, צוליב אַזאַ טייערן גאַסט, לויפֿן אין מאַרק אַריין, קויפֿן צוקער-געבעקס צו טיי, אָנגרייטן דאָס פֿון פֿריער, האָט זי זיך נישט דערלויבט. טאָמער קומט ער נישט, זענען אַ שאָד די טלעכע גראָשן.

יאָסל איז אַלץ טיפֿער און טיפֿער פֿאַרזונקען געוואָרן אין דעם אָפֿענעם נייעם בוך, וואָס איז געלעגן פֿאַר אים, און דער גאַסט האָט צייט געהאַט זיין אַמאָליקן רבין מיט אָפֿענערע אויגן, ווי אַמאָל, צו באַטראַכטן.

— הימל און ערד, — טראַכט דער תּלמיד, — רעדן אים נישט אַזויפֿיל, וויפֿל עס רעדן אים די ווייסע בלעטער מיט די שוואַרצע שטוימע אותיות און ציפֿער אויף זיי. אין זיי האָט ער מער לעבן און האַרמאָניע, ווי אין דער ליכטיקער פֿרייער נאַטור. אין זיי האָט ער זיין לעבן, זיין וועלט פֿאַרטרונקען, און וואָס זאָל מיך פֿאַרדריסן אָדער וווּנדערן, אַז אין זיי פֿאַרטריבקט ער איצט אויך די קענטיקע פֿרייד, וואָס איך האָב אים מיט מיין קומען געבראַכט?... פֿאַר אים לעבן נישט די מענטשן, נאָר די מענטשלעכע געדאַנקען.

איך קאָן מיר אַזאַ לעבן נישט פֿאָרשטעלן. עס שוידערט מיך, מיין ליבן רבין צו זען אַזוי טויט, אַזוי טויט פֿאַר דער וועלט, אַזוי קאַלט און טרוקן פֿאַר דעם לעבן!

ווען די רביצן איז צוריק פֿון מאַרק געקומען מיט איר צוקערגעבעקס, האָט זי ביידן געפֿונען פֿאַרטיפֿט: איר מאַן — אין דעם אָפֿענעם בוך, זיין גאַסט — אין זיינע אייגענע געדאַנקען.

— יאָסל!—האָט זי אַ געשריי געטאָן, — אָננעמענדיק איר מאַן פֿאַרן אַרבל, גלייך ווי זי וואָלט אים פֿון אַ טיפֿן שלאָף געוואָלט אויפֿוועקן,—

יאָסל, אַזוי שיין געמסטו צו דיין ליבן גאַסט ? די טיי איז שוין אייזקאַלט געוואָרן! אָי, מאַנסלייט, מאַנסלייט, זיי ווייסן קיינמאָל נישט ווו איין און ווו אויס!

— נו, גענוג דיר שוין!—האָט זי איר מאַן ווייטער געוועקט,— וועסט נאָך צייט האָבן איז דיינע ביכער טאָג און נאַכט צו חלומען!

יאָסל האָט דעם קאָפּ פון בוך אויפגעהייבן, זיך אַרומגעקוקט, גלייך ווי ער וואָלט ערשט גאָר פון אַן אַנדער וועלט דאָ געווען.

אַ קוק טוענדיק אויפן גאַסט, האָט ער באַלד באַמערקט, ווי זיין פריערדיקע נאַטירלעכע פריילעכקייט איז פון זיין געזיכט אַראָפּ.

— אַך, מיין אַלטע קרענק איז דאָס, מיין זון! — האָט ער מיט אַ זיפץ אויסגערעדט. — איך הייב שוין טאַקע אָן אַליין אויך צו גלויבן, אַז איך טויג מיר גאָר צום עולם הישוב נישט...

— און אפשר,—האָט ער ווי פאַר זיך אַליין ווייטער גערעדט, — פאַרשטייט ער אַליין, אַז די טויטע ביכער זענען אויך נישט מער, ווי לעבעדיקע חברים מיינע און איך קאָן זיי אויך נישט פאַרשעמען, נישט אויסצוהערן זייערע גערעכטע טענות נישט צו וועלן פאַרשטיין — זייערע קלוגע און אמתע ראיות.

דעם גאַסט איז דאָס האַרץ נאָך באַקלעמטער געוואָרן, הערנדיק דעם רבינס פאַרענטפערן זיך, וואָס ער האָט פון אים נישט פאַרלאַנגט און האָט אַ וואָרט טרייסט אים נישט געקענט זאָגן.

— וואָס טראַכסטו, מיין זון, — האָט זיך יאָסל צו זיין גאַסט געווענדט, אים אויפצומונטערן.

— גאָרנישט, גאָרנישט!—האָט דער גאַסט געענטפערט, ווי פאַרשעמט.

— איז דאָס נאָך אויך די אַלטע געוויינהייט דיינע — האָט דער רבי געפרעגט,—צו פאַרטראַכטן זיך פלוצלונג, ווי אַמאָל, און נישט וויסן וואָס צו ענטפערן, ווען מ׳פרעגט דיך, וואָס דו טראַכסט?

— ניין, רבי,—האָט דער גאַסט אויפגעמונטערט אַרויסגערעדט,— איצט ווייס איך וואָס איך טראַכט. דערלויבט איר מיר נאָר צו זאָגן, וועל איך אייך אָפן אַרויסזאָגן, וואָס איך האָב דאָ איצט פון אייך געטראַכט.

— אדרבה, כ׳בעט דיך, נחל, זאָג. דערצייל, מיר איז זייער וויכ-

טיק ביי דער ערשטער באַגעגענונג אונדזערער, טאַקע צו וויסן, וואָס טראַסטו פון מיר.

דער תּלמיד האָט דעם רבין אָפּגעהאַרציק דערציילט, וואָס ער האָט דאָ ערשט געטראַכט פון אים און דערביי אים אויסגעדריקט זיין מיטלייד, אַז ער זעט אים פון דער וועלט און לעבן אַזוי ווייניק צו פאַרלאַנגען.

— ניין, מיין זון, — האָט יאָסל געענטפערט, - ביזט אפשר גערעכט אין פּרט, אָבער בכלל האָסטו אין מיר אַ שטיקל טעות! מיין נישט אַז איך ווייס נישט, אַז חוץ אַלגעברע און העכערע מאַטעמאַטיק זענען דאָ נאָך חכמות, נאָך וויסנשאַפטן און ענינים, וואָס דאַרפן דעם מענטשנס מוח פאַרנעמען. איך ווייס איך, אַז נישט דאָס לערנען אַליין איז דער עיקר, נאָר די מעשה. מיין רעיון איז אָבער, דאָס לערנען לידי מעשה צו ברענגען! און דאָס קען מען נאָר דורך אַלגעברע און דורך אַלגעברעשן הגיון. מען באַנוצט אַלגעברע צו מאַטעמאַטיק, ווייל אין גרויסע צאָלן און רוימען איז אוממעגלעך אָן איר זיך צו באַגיין.

איך וויל אָבער, אַז דער אַלגעברעשער הגיון זאָל דער יסוד זיין צו אַלע מענטשלעכע געדאַנקען, פון וועלכע מיר קענען אָפּט דעם ריכטיקן אויסגאַנג נישט געפינען... איך וויל, אַז דער מענטשלעכער מוח זאָל צו דעם הגיון אַזוי געוויינט זיין, ווי די פיס צו גיין, די הענט צו טאָן, ווי די פינגער פון אַ גוטן שפילער — צום שפילן. אַנדערש, מיין זון, וואָלטן מיר דאַן די חכמות פאַרשטיין, אַנדערש וואָלטן מיר דאַן טראַכטן, און גאָר אַנדערש וואָלט דעמאָלט אונדזער לעבן זיין אין דער וועלט!... נישט אין די פיל אַנטדעקונגען, נישט אין די נייע מאַשינעס, וואָס זענען שוין אין דער וועלט אַזויפיל און האָבן נאָך איין טעות נישט אָפּגעשאַפט, איין מענטשלעכע מידה רעה נישט אויסגעבעסערט, זע איך דעם תּיקון-העולם נאָר אין דעם סדר הלימוד פון די נייע דורות!

— און דער סדר הלימוד דאַרף זיין,—האָט דער רבי ווייטער גערעדט,— מען זאָל פריער פאַר אַלץ דעם יונגן מוח פונם קינד געוויינען ריכטיק אַלץ פאַרשטיין, ריכטיק אַלץ באַגרייפן. נאָך איידער מען ווייזט דעם קינד אָן אַלף, זאָל מען אים צו אַלגעברעשן הגיון געוויינען, טריט ביי טריט, מקל אל הכבד זאָל מען דאָס קינד לערנען וועגן און מעסטען מיט דער מאָס און וואָג פון דעם אַלגעברעשן הגיון, ביז

ער וועט זיין נאַטירלעכע געוויינהייט ווערן. דאַן ערשט מעגט איר מיט אים לערנען וואָס איר ווילט און וויפל איר ווילט. דאַן וועט דער רבי,—אַ רבי זיין, דער תּלמיד — אַ תּלמיד, און דער לימוד וועט לידי מעשה קומען.

— וועט די מענטשהייט אויך דורך דעם גליקלעך זיין? — פרעגט דער תּלמיד, אויסהערנדיק זיין רבין, וואָס ער האָט פון אים נישט דערוואַרט צו הערן.

— אויב עס איז נאָר דאָ גליק פאַר דעם שטערבלעכן מענטשן,— האָט יאָסל געענטפערט,—וועט די מענטשהייט אויך גליקלעך זיין! יעדנ־פאַלס, וועט דאָס לעבן אַליין אַ מער גליקלעך לעבן זיין, ווי עס איז איצט.

— ווי אַזוי?—פרעגט דער תּלמיד,—און אין זיין קול ליגט נאָך אַ שאלה: פאַרוואָס איז אייער לעבן, רבי, אַזוי טרויעריק, אַזוי אומגליקלעך? איר טראַכט דאָך געוויס מיטן אַלגעברעשן הגיון.

— ווי אַזוי, פרעגסטו? — ענטפערט יאָסל. — גאַנץ פשוט, דורך אַזאַ לימוד וועלן אַראָפּ אַלע ספקות. ווען אַלע וועלן וויסן, אַז וואָס ס'איז נישט ריכטיק מיטן הגיון באַרעכנט, איז נישט אמת, וועלן דורך דעם ממילא אַראָפּ אַלע מניעות און גוואַלדן, וואָס לאָזן איצט דעם מענטשן צום גליק נישט צו. וואָס ס'איז נישט אמת, וועט דער מענטש אַליין נישט טאָן און נישט צולאָזן, עס זאָל ווי עס איז געטאָן ווערן...

דער תּלמיד האָט פאַרוואונדערט זיין רבין אָנגעקוקט און זיינע רייד ערנסט נאָכגעדענקט.

— דאָס איז מיין אַלגעברע, מיין טראַכטן און מיין ווונטש אין דער וועלט,—האָט יאָסל ווידער אָנגעהייבן ווי פאַר זיך אַליין צו רעדן. — אין דעם אַלגעברעשן הגיון האָב איך דעם אמת געפונען... אין דעם אמת זע איך דעם תּקון העולם.

— עס אַרט דיך אפשר די שאלה, נחל,—האָט ער זיך ווידער צום גאַסט געווענדט, — פאַרוואָס בין איך נישט גליקלעך? פאַרוואָס לעב איך נישט מיט דעם אמת, וועלכן איך האָב געפונען? צו שפּעט, מיין זון, בין איך צו דעם רעיון געקומען! — האָט יאָסל מיט אַ שווערן זיפץ אויסגערעדט, און ווידער ווי פאַר זיך אַליין אָנגעהייבן זיין האַרץ אויסצורעדן.

— דרייסיק יאָר כסדר האָב איך געלערנט און איינגעוויינט מיין מוח צו

טראַכטן נאָר מיט רבי ישמאלס דרייצן מדות, מיט וואָס די תורה ווערט געדרשנט, און מען פאַרלאַנגט פון מיר, אַז מיין אַלגעבערעשער הגיון, מיט וועלכן איך האָב מיך באַקענט אין דעם איין און דרייסיקסטן יאָר, זאָל מיין מוח איבערמאַכן, איך זאָל א.ך נאָר מיט הגיון טראַכטן!... דרייסיק יאָר זיצט אַ מענטש אין אַ קעלער און געוויינט זיינע אויגן צו שטאָק-פינסטערניש, און מען וויל, ער זאָל אין דער ליכטיקער וועלט לעבן און ער זאָל נאָך געניסן און הנאה האָבן פון דער ליכטיקייט!...

יאָסל האָט זיך פאַרטראַכט. זיינע אויגן האָבן עפּעס אָן אויסדרוק געקוקט, נישט אויף דעם גאַסט, וואָס זיצט קעגן אים, נאָר אין דער וועלט און אין דער צייט אַריין, וועלכע ער האָט אין זיינע עטלעכע זעכציק יאָר שוין דורכגעלעבט, שוין דורכגעטראַכט.

דער תלמיד איז אויך פאַרטראַכט געזעסן, נאָר זיינע אויגן האָבן אויף דעם פאַרטראַכטן רבין געקוקט. און וויפיל באַוואונדערונג און מיטלייד האָבן זיינע אויגן אויסגעדריקט!

— און דאָס איז נאָך נישט גאָר,—האָט יאָסל ווידער ווי פאַר זיך אַליין אָנגעהייבן זיין האַרץ אויסגיסן. — נישט איין מענטש, נישט איין אַלגעבערעשער קאָפּ קאָן דעם נייעם בנין צום תקון העולם בויען.

מען מוז אַ גאַנצן דור דערציען, לאָזן אויסוואַקסן אין ליכט און אין ריינעם, הגיון, געוויינען, ער זאָל די וועלט און דעם אמת קענען באַגרייפן; איך בין איינער געווען, איינער אין אַ שטאָט פון דרייסיק טויזנט יידן, ברידער, וואָס האָבן תמיד געקוקט אויף מיר...

דו איינער, נחל, ביזט אפשר אין מיין גאַנצן לעבן דער איינציקער ריינער נפש געווען, וואָס האָט מיך מיטן גאַנצן האַרצן ליב געהאַט, מיך כאָטש אַלס קינד פּיל-ווייניק פאַרשטאַנען. און ווייסטו, וועלכע האָפענונגען איך האָב אויף דיר געלייגט, און ווייסטו, ווי מיר האָט וויי געטאָן, אַז מען האָט דיך אַזוי פּלוצלונג אָפּגעריסן פון מיר!...

—ניין, נישט דאָס וויל איך דיר זאָגן, איך וויל דיר נאָר דערציילן, אַז עלנט בין איך אין מיין אייגענער שטאָט צווישן דרייסיק טויזנט ברידער יידן, וואָס קרענקען מיך פון זייער אומוויסן און מיט זייער אומוויסן.

און בין איך אפילו אַן אַדלער געבוירן,—האָט ער אַלץ ווייטער ווי צו זיך גערעדט, זיך אַליין פרעגנדיק און אַליין זיך ענטפערנדיק,— אַן אָדלער, וואָס האָט געזאָלט אינדערהויך ביז צו דער זון פליען,

האָבן די ערשטע דרייסיק יאָר מיינע פליגלען אונטערגעהאַקט פעדער פאַר פעדער מיר אויסגעפליקט. דעם גאַנצן כוח הנפש און כוח הרצון אין מיר געטויט, און שוואַך ווי אַ קליין הינדל פיל איך מיך, מיט דער וועלט צו שטרייטן, מיט דעם שקר מלחמה צו האַלטן...

אָך, תירוצים זענען דאָ גענוג, ווי פאַר זיך אַליין זיך צו פאַר־ענטפערן, אום זיך אַליין נישט צו פאַראַכטן, אום זיך אַליין נישט פיינט צו האָבן!

— און צו וואָס רעד איך עס איצט פאַר דיר, מיין תלמיד?— האָט ער זיך פלוצלונג צום גאַסט געווענדט.— איך רעד עס, דו זאָלסט מיך אויך נישט פאַראַכטן, אויך נישט פיינט האָבן!...

— אָך רבי, רבי! האָט ענדלעך דער גאַסט געפונען ווערטער, וואָס דעם רבין צו זאָגן.—ווי וויניק האָב איך אייך אַלס קינד געקענט! ווי גוט פאַרשטיי איך אייך איצט!

אויף מאָרגן איז יאָסל געגאַנגען אָפּגעבן אַ וויזיט זיין תלמיד' ווי ער האָט אים, אויף זיין דריגגענדיקן בעטן, צוגעזאָגט. פאַרטאָג! ווי תמיד אין זיינע געדאַנקען, האָט ער קוים באַמערקט די גרויסע ענדערונגען אין דעם גבירס הויז, וואו ער איז אַמאָל אַזאַ אָפטער גאַסט געווען. גאָלדמאַן איז אין די זעקס יאָר אַ סך רייכער געוואָרן, און האָט זיין וווינונג גרעסער געמאַכט און צוגעפּוצט אויף דער רייכ־סטער אַרט. מען האָט יאָסלען פריינטלעך באַגעגנט און מיט אַ מינע פון שלום האָט ער זיין תלמידס עלטערן באַגריסט. צווישן רבין און דעם תלמיד האָט זיך באַלד א געשפּרעך אָנגעהייבן, אין וועלכן פאָטער און מוטער האָבן זיך נישט אַריינגעמישט און האָבן נאָר פון ווייטן זיך צוגעהערט צו זייער געראָטענעם בן־יחדס קלוגע רייד.

דער תלמיד האָט דעם רבין דערציילט, וואָס עס טוט זיך איצט אין דער גרויסער וועלט. ער האָט אים מאַנכע נייע אידעען און נייע שטרעמונגען אין מענטשלעכע געדאַנקען און מענטשלעכע מוחות דער־קלערט, פאַר וועלכע ער איז אַליין באַגייסטערט און האָט געוואָלט פאַר זיי אויך זיין קלוגן רבין באַגייסטערן.

יאָסל האָט דעם תלמידס דערקלערונגען ערנסט אויסגעהערט. עס האָט אים אַ הנאה געטאָן, שיינט עס, אַזוינס צו הערן.

— מעגען די אידעען נישט אַלע אמת און אויספירלעך זיין,—האָט

ער זיין מיינונג געזאָגט,—נישט מיט זיי בין איך צעפרידן, אָבער מיט דעם, וואָס מען זוכט נייס און מען וויל נייס, און נאָכמער — מיט דעם, וואָס עס זענען שוין דאָ אַזעלכע, יואָס האָבן די העזה זייע־רע נייע רעיונות אַרויסצוזאָגן. איך אָבער זאָג דיר, מיין זון, נאָך הונ־דערטער אַזעלכע נייע רעיונות וועלן געבוירן ווערן און בטל ווערן, און דער מענטשלעכער פאַרשטאַנד וועט פאָרט אַמאָל צו דעם אמת קומען, אַז דער תקון העולם קאָן נאָר אויסגעפירט ווערן דורך דעם נייעם סדר הלימוד מיט דעם אַלגעברישן הגיון, ווי איך האָב דיר נעכטן דערקלערט.

אַריינגייענדיק מיט זיין תּלמיד אין זיין קאַבינעט, האָט דער רבי געזאָגט:

— ביז דאנען האָסטו מיר אַלץ דערציילט און דערקלערט, וואָס די וועלט טראַכט אין קלערט, זאָג זשע מיר, וואָס טראַכסטו אַליין?

דער תּלמיד איז פאַרלעגן געבליבן און נישט געוווסט וואָס אויף דער פראַגע צו ענטפערן. — דאַרף איך אים נאָך מיין הסכמה געבן, האָט ער זיך געפרעגט, צו דעם וואָס איך האָב אים דערציילט און דערמיט אַזוי דייטלעך, דאַכט זיך, אים געוויזן, אויף וויפל מיר געפעלט, וואָס איך האָב אים דערציילט?

יאָסל האָט דעם. תּלמידס פאַרלעגנהייט באַלד באַגריפּט, און אום אים אַרויסצוהעלפן, האָט ער געזאָגט:

— מען זאָגט, דו ביזט אַ ספרא רבה, וואָס דו שרייבסט, דרוקט מען אין די גאַזעטן. לייען מיר פאָר עפעס פון דיינע כּתבים. איך וויל הערן, וועלכע נייס זאָגסטו אַרויס.

— איך שרייב פּאָעזיע, „שירים" הייסט עס ביי אונדז, באַטראַכ־טונגען און פאַרשידענע שטימונגען, — ענטפערט דער תּלמיד מיט אַ טאָן פון צעפרידנקייט.

— לייען עפעס פון די זאַכן, איך וועל הערן,—האָט יאָסל געבעטן.

דער תּלמיד האָט מיט אַ באַגייסטערטן טאָן פאַר זיין רבין פאָרגע־לייענט אַ שיין בילד פון אַ דאָרפישן פרילינגס-פרי-מאָרגן, אין דער פרייער באַטור, זיינע אייגענע עמפינדונגען, ווען זיינע אויגן האָבן די הערלעכע שיינקייט געזען.

יאָסל האָט זיך רויק צוגעהערט, באַטראַכט דעם תּלמידס באַוועּ־גונגען, זיין צופרידנקייט, און געקוועטשט מיט די פּלייצעס נישט פאַר־

שטייענדיק, צוואָס ברויכט מען דאָס, צוואָס שרייבט מען דאָס, און פון וואָס ווערט מען דאָ נתפעל?

— אַ ריכטיק בילד, רבי?—האָט דער תלמיד געפרעגט, דערוואַרטנדיק מיט שטאָלץ זיין רבינס הסכמה.

— און אַז ריכטיק אפילו?—פרעגט יאָסל צוריק.—צוואָס ברויכסטו עס? ביזטו גאָטס בוכהאַלטער, זיין שייגעם אייגנס צו פאַרשרייבן? ווער ווייסט עס נישט, און וועמען קאָן דערפון פעלן, אַז דו ווערסט עס נישט אַזוי היטן צו פאַרשרייבן? איז פאַראַיאָרן אַנדערש געווען, וועט איבעראַיאָר נישט אַזוי זיין, ווי היינט?

— ניין, רבי, שיין איז די נאַטור שטענדיק, — האָט דער תלמיד אויפגערעגט געענטפערט, — אָבער נישט אַלעמאָל איז איר שיינקייט גלייך. יעדע מינוט, יעדע רגע בייטן זיך די געשטאַלטן, ענדערן זיך די בילדער אין איר! וואָס מיין אויג האָט מיט אַ רגע פריער נישט געזען, דערזעט עס איצט, און וואָס עס זעט אין אַ רגע שפּעטער דערזען, וועט עס אַ נייע שיינקייט זיין! דעריבער פאַרשרייבט מען, דערי-בער כאַפּט מען דאָס שיינע בילד אויפן פּאַפּיר אַרויף, ווייל אין אַ רגע שפּעטער וועט אין דער נאַטור שוין אַן אַנדער בילד זיין. נישט גאָטס בוכהאַלטער איז דער פּאָעט, נאָר זיין אייגענער בוכהאַלטער איז ער, וואָס זיין אייגן אויג זעט צו פאַרשרייבן, אום דאָס שיינע ווידער אין זיין געדאַנק כאָטש צו זען, און די באַוועגונגען פון זיין נשמה נאָכאַמאָל צו פילן.

— צוואָס ניצט עס אָבער? — פרעגט יאָסל.—וואָס פאַר אַ גוטס קומט פאַר דער וועלט דערפון צו?

— שווער אייך, רבי, אין איינמאָל צו דערקלערן, אויב אייך פעלן אויגן און געפיל פאַר דער געטלעכער שיינקייט! — ענטפערט דער תלמיד מיט רעספּעקט, אָבער מיט איבערצייגונג.—דערלויבט מיר אַ רגע אייך צו זאָגן, אַז אַ חוץ שכל, הגיון און אַלגעברע, וועלכע איך שעץ און פאַרער אין אייך זייער, האָט דער מענטש נאָך חושים, האָט די וועלט נאָך סגולות, ווי דאָס לעבן צו פילן, און דאָס גוטס פון לעבן צו געניסן... די חושים וועקן און פאַראיידלען אין אונדז די פּאָעטן און קינסטלער מיט דעם, וואָס זיי שרייבן און שאַפן!

מיט די רייד האָט ער דעם רבין פאַר דער האַנט אָנגענומען, אים אין רייך באַפּוצטן זאַל אַריינגעפירט, און האָט אים דאָ זאַך פאַר זאַך געוויזן: שיינע כלים, שיינע בילדער, שניצערייען און צייכענונגען

און דערביי אים דערקלערט די קינסטלעכע ארבעט פון זיי. דערנאָך האָט ער יאָסלען אויף אַ ווייכער לענשטול אַוועקגעזעצט, איז אַליין צום קלאַוויר צוגעגאַנגען, אָנגעהייבן שפּילן אַ יידישן ניגון, וואָס דאַרף יאָסלען באַקאַנט זיין. ביסלעכווייז איז ער פון דעם ניגון איבערגעגאַנגען אין אַנדערע ניגונים, רירנדיקע, טרויעריקע ניגונים, ווי דאָס געמיט פון זיין ליבן צוהערער.

יאָסל איז אָנפאַנגס ברוגזלעך געווען אויף זיין תּלמיד. וואָס וויל ער זיך פּלייסן און באַרימען, אַז ער קען שפּילן? ביסלעכווייז זענען אים אָבער די טענער אין האַרצן אַריין און האָבן דאָרט צו גלעטן, צו וואַרעמען אָנגעהויבן, ביז ער האָט דערפילט, אַז דאָס פאַר־שטיינערטע האַרץ זיינס איז אים עפּעס ווייכער געוואָרן און עס ווערט אַלץ ווייכער און ווייכער און גרינגער און ער שפּירט נישט, ווי ער לאָזט זיך פאַרוויגן, ווי אין אַ זיסן חלום און ער פילט עפּעס אין זיך, וואָס ער האָט נאָך קיינמאָל נישט געפילט.

דער תּלמיד שפּילט אַלץ ווייטער, אַלץ רירנדיקער, וועקנדיקער און טרייסטנדיקער, יאָסל הערט, ווי פאַרשיכורט. עס רייסן זיך אַרויס זיפצן פון זיין האַרצן. עפּעס דערמאָנט זיך אים אָן וואָס שענערס, בעסערס און ליכטיקערס, און ער ווייסט אַליין נישט וואָס.

דערוויילל האָט די זון אָנגעהייבן אונטערצוגיין. אירע לעצטע שטראַלן האָבן אָנגעהייבן אָפּשפּיגלען און בייטן זיך אין אַלערליי קאָלירן אין די קרישטאָלענע לוסטערס און כּלים, און האָבן אויך אַ פייערלעך כּישופדיק ליכט געוואָרפן אויף דעם באַגייסטערטן שפּילער און אויף דעם פאַרוויגטן פאַרטראַכטן צוהערער.

פּלוצלונג האָט נחל אויפגעהערט צו שפּילן, צוגעגאַנגען צו זיין רבין, אים ווידער פאַר אַ האַנט אָנגענומען, צוגעפירט אים צום פענ־סטער, אים געוויזן די אונטערגייענדיקע זון, און מיט אַ באַוועגטער שטימע געזאָגט:

— זעט איר דען נישט, ווי שיין עס בייטן זיך די פאַרבן, ווי אַלץ לעבט, באַוועגט זיך און זויגט איין אין זיך די שיינקייט, און די אַרומיקע הערלעכקייט? פילט איר דען די פרייד נישט אין האַרצן, דאָס אַלץ מיט אייערע אויגן צו זען, מיט אייער באַוווסטזיין צו באַגרייפן, און אין דערזעלבער רגע זיך צו פילן, ווי איינס פון אַלץ און ווי אַ וועלט אַ גאַנצע פאַר זיך אין דעם אַלץ? קען דאָס אַלץ

מיט אלגעברע אפשר באַרעכנט ווערן, רבי — געפילט ווערן אָבער קען עס נאָר מיטן האַרצן!

יאָסל האָט נישט געענטפערט. ער האָט זיך צוריק אַוועקגעזעצט, צוריק פאַרטראַכט, נאָר עפּעס אַנדערש איז זיין טראַכטן געווען איצט. אַזוי האָט אים זיין תּלמיד נאָך קיינמאָל נישט געזען.

עפּעס אַ מידקייט פון יאוש איז געלעגן אויף זיין געזיכט. זיין גאַנצע האַלטונג איז עפּעס אַנדערש געווען. די אויגן האָבן צער און עלנט אויסגעדריקט, ווי אויף עפּעס לאַנג פאַרלוירענעס, פאַרשוווּנ־דענעס, וואָס מען קען שוין צוריק נישט כאַפּן.

דער תּלמיד איז אייניקע טריט וויַיט פאַר אים געשטאַנען, געלאָזט דעם אַלטן רבין טראַכטן, אפשר פייניקן זיך פון ערגעץ אַ מלחמה אין זיינע געדאַנקען... ער האָט אָבער קיין מוט נישט גע־האַט אים צו שטערן, אָדער אים צו טרייסטן, און ער האָט נאָר גע־וואַרט מיט מיטלייד און ליבע, ביז ער וועט זיך אַליין דערמונטערן און דערשטיקן אין זיך די מלחמה.

פאָטער און מוטער זענען פון וויַיטן געשטאַנען, מיט יראה און שטאָלץ באַטראַכט דעם שיינעם זון, געהערט זיינע באַגייסטערטע רייד, געקוקט מיט באַוווּנדערונג אויף דעם אַלטן איינגעבויגענעם יידן, וואָס זיצט אַזוי ווי באַזיגט און צעקלאַפּט פאַר זייער קינד, זיין אַמאָלי־קער תּלמיד.

פּלוצלונג האָט זיך יאָסל אַ הייב געטאָן פון זיין שטול, אויסגעע־גלייכט זיך אַזוי, אַז עס האָט אויסגעוויזן, ער איז העכער, פרישער און שטאַרקער געוואָרן. זיינע אויגן האָבן זייער געוויינלעכן גלאַנץ באַ־קומען און מיט אַ פעסטער זיכערער שטימע האָט ער אויסגערעדט:

— עושה מעשה בראשית בכל יום — זאָגן אונדזערע חכמים... איך האָב דעם מאמר נישט פאַרשטאַנען, ביז וואַנען דו האָסט מיר נישט געוויזן בחוש, אַז עושה מעשה בראשית בכל שעה, בכל רגע... דו האָסט מיט מיר געלערנט אַ פּרק שירה. וואָס איך האָב קיינמאָל נישט געוווּסט... און פונדעסטוועגן, זאָג איך נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל אין נאָכאַמאָל: אין דעם אַלגעברעישן הגיון האָב איך דעם אמת געפונען, און אין דעם אמת זע איך דעם תּיקון העולם!

אויסרעדנדיק די ווערטער, האָבן זיך זיינע אויגן ווידער געווענדט צו דער אונטערגייענדיקער זון. אַ בונט שטראַלן האָבן זיין געזיכט באַשיינט.

די אויגן זיינע האָבן די זון, די גאָלדענע וואָלקנס און די גאַנצע הערלעכקייט און גרויסקייט פון דעם מאָמענט ווייט, ווייט, נאָכגעפאָלגט, נאָכגעפלויגן. זיין פאַרקלערט, פון דער זון באַשטראַלט געזיכט און דער שווערער זיפץ, וואָס האָט זיך פון זיין האַרצן אַרויסגעריסן, האָבן דייטלעך גערעדט:

שיין איז דיין וועלט, גאָט, איך האָב זי ערשט מיט מיינע אויגן דערזען! . . .

ברוך.

ברוכס זענען דאָ אין שטעטל אַ סך: ברוכס אַלערליי, ברוך בראָדער, ברוך הלל דעם טויבנס, ברוך זייגערמאַכער, ברוך „שוכן־עד" און נאָך און נאָך יידן, אָן עין־הרע, וואָס פּאַסט זיי דער נאָמען ברוך ווי דער צולאָג צו אים. אים איינעם נאָר האָט מען גערופן ברוך און נישט מער ווי ברוך.

מער האָט מען טאַקע נישט באַדאַרפט.

אים האָט איטלעכער געקענט, אַפילו אַ קינד, אַפילו אַ דינסט־מיידל. מיט אים האָט זיך יעדער געשפּאַסט, אויף אים איז יעדער אַ באַלעבאָס געווען, און חוץ אים אַליין האָט אויך יעדער אויף אים אַ דעה געהאַט.

אָן ברוכן האָט אַ רעכטע באַלעבאָסטע קיין טאָפּעלע פענסטער נישט אַריינגעשטעלט, קיין אוגערקעס און קיין קרויט אויף ווינטער נישט געשטעלט, קיין שמאַלץ נישט געפּרעגלט און קיין מצה נישט געבאַקן. האָט זיך אין שטעטל געמאַכט עפּעס אַ שמחה: אַ תנאים, אַ חתונה אָדער אַ ברית, האָט ברוך שוין מיט אַ טאָג פריער געררייניקט די לאַנגע בית־המדרש־טישן פון דעם תמיד אָנגעשמאַלצענעם חלב אויף זיי, האָט אויף זיך, אָדער מיט נאָך וועמען, די זעלבע טישן איבערגעטראָגן פון בית־המדרש צום בעל־שמחה, זיי אַליין צעשטעלט ווי עס געהערט צו זיין, און זיך אָנגעהאָרעוועט אַרום דעם, וויפל ער האָט נאָר כוח געהאַט.

זיין עסק איז אויך געווען צוזאַמענצוטראָגן אויף דער שמחה טעלער, לעפל, גאָפּל און מעסער, און נאָך דער שמחה — איטלעכן אָפּצוטראָגן און אָפּצוגעבן דאָס זייניקע מיט דער צאָל, עס זאָל אַ האָר

נישט פעלן. ברוך האָט געוווסט, ווער עס האָט אַזעלכע כלים און אים האָט קיינער קיינמאָל נישט אָפּגעזאָגט.

מאַכט זיך, אַז עמעצער ווערט, חלילה, קראַנק אין שטעטל, טאָגט און נעכטיקט ברוך לעבן חולה, לויפט צום דאָקטאָר, צום רופא אָדער אין אַפּטייק אַריין, און פוילט זיך נישט, אין אַ זומערטאָג צו גיין פינף ווייאָרסט הינטערן שטאָט, אַזש אין ביר-ברויעריי און ברענגט פון דאָרט אַן עמער אייז, צוצולייגן דעם חולה צום קאָפּ, ווי דער רופא אָדער דער דאָקטאָר הייסט.

אַפילו צו קבר ישראל צו קומען באַגייט מען זיך נישט אָן אים.

ברוך ברענגט די מטה, איז זיך מתעסק מיט דער לוויה, מיט דער טהרה. זיין מצווה איז אויך פאַר די אבלים בויגל מיט האַרטע אָפּגעקאָכטע אייער צו ברענגען, און דערנאָך ביי זיי גאַנץ שבעה אַ מנין צו מאַכן.

ברוך דאַוונט פאַרן עמוד און זאָגט קדיש, אויב צווישן די אבלים זענען קיין מאַנסלייט נישטאָ, וואָס זענען עס מחויב אַליין צו טאָן.

ברוך לייענט אין דער תורה, רופט אויף וועמען ער וויל, און פירט די שבעה מיט אַלע הדורים, ווי עס לאָזט זיך נאָר פירן ביי יידן.

פאַר אַלעם דעם איז ער אומעטום היימיש, ביי אַלעמען אַ בן-בית, און זעצט זיך ס׳רוב עסן נישט געבעטן צום טיש. עס פאַלט גאָר קיין באַלעבאָסטע נישט איין אויף אים דערפאַר פאַריבל צו האָבן.

קיין אויסקלויבער אין עסן איז ער נישט; וואָס עס מאַכט זיך, וואָס מען גיט אים, אָדער וואָס ער געפינט אַליין אין קיך, איז פאַר אים אַ מאכל. אפילו די קעכנס פאַרגינען אים זיין עסן גערן.

ברוך שעמט זיך נישט אַמאָל אַן עמער וואַסער אַריינטראָגן און אַמאָל דעם סאַמאָוואַר אַליין אויפצושטעלן, בעת זיי, די קעכנס, זענען פאַרנומען מיט עפּעס אַנדערש. אָבער נאָכמער תקיף איז ברוך ביי שטאָטישע קינדער. וואָס קען ברוך נישט אויסטראַכטן און באַשאַפן פאַר זיי!

אָט נעמט ער אַ שער אין דער האַנט און שערט אויס פון פאַפּיר אַלערליי חיות, מענטשעלעך, סאָלדאַטן, פערד, ציגן, לייבן, בערן, לעמפערטן און וואָס נאָר אַ מויל קען אויסרעדן. קומט ער אין אַ שטוב אַריין, ווו עס זענען דאָ קליינע קינדער, ייִנגעלעך אָדער מיידעלעך, טראָגן די קינדער אים אַקעגן אַ שער מיט פאַפּיר, און ווי פאַרנומען

ער זאָל בעת מעשה נישט זיין מיט עפעס אַנדערש, טוט ער פונדעסטוועגן די קינדער צוליב און שערט אויס אין איילעניש, וואָס זיי בעטן אים.

אָן ברוכן וואָלט אפשר קיין שטאָטיש ייגגל אויף חנוכה גאָרנישט געהאַט קיין גרעגער און קיין המן־קלאפער אויף פורים, קיין פיילנבויגן און הילצערנעם שווערדל אויף ל״ג־בעומר און תשעה־באָב.

באַזונדער זענען באַרימט געווען ברוכס גרעגערס און המן-קלאַפער. אַ מעסערל האָט ער דערצו געהאַט, וואָס איז תמיד שאַרף געווען, ווי אַ בריטווע, און וואָס האָט געגאָלט האָר פון פאַרוואַקסענע הענט מיט איין פיר ביזן עלנבויגן.

מיט דעם מעסערל און אַנדערע אייגענע אויסגעמייסטערטע געצייג פלעגט ער אויסשניצן: אַ פּאָר ציגן, וואָס בוקן זיך מיט די הערנער, אַ פּאָר העגער, וואָס שלאָגן זיך, אָדלערס מיט צוויי קעפ, וואָס פאָכשן מיט די פליגלען, און דאָס אַלץ זענען נאָר גרעגערס און המן־קלעפלעך, קונציק אויסגעשניצט גאָר אויף חדושים.

לייט פלעגן אָפט די גאַנצע מגילה פאַרהערן און בעת מעשה באַטראַכט און זיך געחידושט אויף ברוכס אַ נייעם גרעגער און אויף דער קונציקער ארבייט און שכל, וואָט אין איר שטעקט.

— אַ נאַר, דאַכט זיך, — פלעגט מען זאָגן, — אַ גראָבער מוח. און האָט שכל צו אַזעלכע זאַכן אויף חדושים גאָר!

— דעריבער טאַקע האָט ער קיין קאָפּ נישט צום לערנען, — פלעגן זיך אַנדערע דערקלערן, — ווייל ער איז מיטן גאַנצן מוח, לייב און לעבן אַריינגעטאָן אין אַזעלכע נאַרישקייטן!

די קינדער אָבער איז זיין נישט קענען לערנען נישט אָנגעגאַנגען און האָבן פון ברוכן אַ עולם ומלאו געהאַלטן. וואָס טאַטע און מאַמע האָבן ביי זיי אינדערהיים נישט אויסגעפירט, און וואָס דעם רבין אין חדר נישט געפאָלגט, דאָס אַלץ האָבן זיי געפאָלגט און געטאָן אויף ברוכס אַ ווונק.

און ליב האָט ער געהאַט די חדר־ייגגלעך און גלאַט קליינע קינדער מער ווי אַלץ אין דער וועלט. אין אַ סכסוך איבער ערגעץ אַ קלינגל פון אַ געוועזן מעסערל, א געשלעג צוליב אַ מעשענעם קנעפּל, אָדער איבער אויסגעשריבענע פאַרזשאַווערטע פענעס, פלעגט ברוך זייער דין זיין, זיי אויסגלייכן, צווישן זיי שלום מאַכן, אָבער מיט יושר און

ערנסט, גלייך ווי עס וואָלט זיך געהאַנדלט וועגן מי יודע וואָס פאַר אַ וויכטיקע ענינים.

און נישט נאָר זייער שופט, זייער דין איז ברוך געווען, אָבער אויך זייער לייבלעכער חבר, וואָס שפּילט זיך און וואָס שטיפט מיט זיי צוזאַמען, און האָט טאַקע דיזעלבע הנאה און התפּעלות פון דעם גלייך ווי די קינדער, כאָטש ער איז דריי מאָל אַזוי גרויס און צוויי מאָל אַזוי אַלט ווי זיי.

— אַ קינדישע נשמה זיצט אין דעם איבערגעוואָקסענעם אָרעם בחור,—פלעגט מען זאָגן, זעענדיק ברוכן אין אַ קאָמפּאַניע חדר-יינגלעך, ערנסט באַהאַנדלענדיק עפּעס אַ קינדערשן ענין.

— ווי קומט צו ברוכן אַ נשמה, — וויצלען זיך אַנדערע, — ער האָט גאָר קיין נשמה נישט, נאָר אַזוי אַ קינדישן שכל. קיין מענטש ווערט ער געוויס נישט זיין!

איבעריקנס, האָט זיך קיינער פון ברוכס נישט „מענטש-זיין" צום האַרץ נישט גענומען. וואָס געפעלט ער נישט ווערמען אַזוי ווי ער איז? איז ער נישט אַ אומזיסטער, נוצלעכער משרת יעדן איינציקן, אַזוי ווי ער איז? און ווער איז עס באמת מחויב פאַר אים אַ תכלית צו פאַר-זאָרגן? וואָס איז ער ווערמענס?

ער האָט דאָ אין גאַנצן שטעטל נישט קיין קרוב, קיין גואל. קיינער ווייסט אפילו נישט, פונוואַנען ער האָט זיך אַהער גענומען.

מען ווייסט נאָר, אַז פון אייביק אָן איז ער אין בית-המדרש, אַז זיין „היים" רופט ער יענע באַנק אין בית-המדרש, וועלכע איז אַלעמען באַקאַנט מיט דעם נאָמען „ברוכס באַנק" און שוין... אויף דער באַנק האָט זיך ברוך געוואַלגערט אַלס קליין יינגל, אויף דער באַנק איז ער וואָס אַ יאָר אַלס גרעסער און לענגער געוואָרן, אויף דער באַנק שלאָפט ער נאָך עד היום.

אין דער באַנק האָט ער זיין פאַרשלאָסן קעסטל, וווּ ער האַלט זיין ביסל אָרעמקייט, וואָס באַשטייט אינגאַנצן פון אַ פּאָר ברודיקע העמדער, אַ שבתדיק היטל, אַפּאָר אָפּגעשניטענע כאָלעוועס, וועלכע ער האָט אַ פּגעקויפט, שוין לאַנג צוריק, פון אַ באַלעבאָס פאַר צוויי גילדן און קלויבט זיך אַלץ צונייען צו זיי אַ פּאָר „קעפּ", און קאָן זיך אַלץ נישט צוקלויבן.

חוץ דעם אייגנס, זאָגט מען, איז פול דאָס קעסטל מיט פאַר-שידענע אינסטרומענטן, קלינגלעך, פאַרשאַרפטע טשוועקעס במקום דלאָ-

טיקעס, אַלערליי פּרוזשינקעס און דריידלעך, וועלכע ער ברויך נייטיק צו זיינע שניצערייען. פון פאַרשידענע שטיקלעך האָלץ, בעראָזע, דעמב און יאַשין איז גאָר קיין רייד נישט.

— דאָ איז איינע פון זיינע משוגעתן, — זאָגן די איבעריקע בחורים.- גיכער וועט ברוך „שמות" לאָזן ליגן אויף דער ערד, און אויפ־הייבן אַ שטיקל האָלץ! פאַר אַ פּראָסט שטיקל האָלץ, אויף וואָס ברוך וואַרפט נאָר אַן אויג, קאָן ער אַמאָל די לעצטע קאָפּיקע אָדער דעם ביסן פון מויל אָוועקגעבן. און אויף וואָס טויג עס אים? — פרעגן די חברים, — עפּעס אַ סך האָט ער פון זיינע גרעגערס און המן־קלעפּלעך אָדער אַנדערע קונציקע זאַכן, וואָס ער שניצט אויס און צעשענקט די קינדער?

עס העלפט קיין רייד נישט, קיין חוזק און שפּעטן פון אים. קוים דערזעט ער אַ שיין שטיקל האָלץ, צינדט זיך אָן עפּעס ווי אַ יצר־הרע אין אים, מען זעט, עס גייט אים ווי אום לעבן דאָס שטיקל האָלץ צו באַקומען און עס ביי זיך אין קעסטל צו פאַרשליסן.

מיט די חברים אין בית־המדרש, דאָס הייסט מיט די איבעריקע אָרעמע בחורים, וואָס לערנען דאָ, לעבט ברוך גוט. זיי שאַפן זיך מיט אים גלייך ווי זיינע באַלעבאַטים, ער פאָלגט און טוט פאַר זיי, וואָס נאָר ער קאָן.

ביי אים באַקומט מען שטענדיק אַ נאָדל־פאָדעם, וואָס זענען איט־לעכן אָרעם בחור אַזוי נייטיק, ווי דאָס לעבן.

ברוך איז נישט פויל אפילו אַ שטיוול צו פאַרריכטן פאַר אַ חבר, אויב עס לאָזט זיך נאָר. אָפטמאָל זיצט ער, כלומרשט, ווי פון ווייטן און שמייכלט קוקנדיק, ווי ערגעץ אַ ישיבה־בחור לאַטעט זיין צעריסן מלבוש און קאָן זיך קיין עצה נישט געבן ווי דעם ריס גאַנץ צו מאַכן.

ברוך געפינט דערצו אַן עצה, און מעג יענער זיין ערגסטער שונא זיין, כאַפּט ער פון אים אַרויס דאָס מלבוש און נעמט זיך פאַר דער אַרבעט מיט אייגענע הענט. ביי אים גייט עס, ווי געשמירט, ווי ביי אַ געבוירענעם שניידער ממש.

— ברוכס אַ לאַטקעלע,—זאָגן די אָרעמע בחורים,—מעג מען אין פּאַריז אויף דער וויסטאַווע שטעלן.

— פונוואַנען קען ער עס? — האָבן אַמאָל זיינע חברים איינער ביי דעם אַנדערן געפרעגט, — חידושנדיק זיך אויף ברוכס אַ שטיקל אַרבעט. — ווען האָט ער אַזוינס בעלערנט?

— פונדאַנען איז געדרונגען,—האָט איינער געזאָגט אַ בויך-סברא,— אַז ברוכס טאַטע האָט געמוזט זיין אַ שניידער, און ער האָט עס פון אים בירושה.

— נו, און שניצן? גיט אַן אַנדערער אַ פרעג. — נאָך דיין סברא מוזן מיר דאָך זאָגן, אַז ברוכס טאַטע האָט געמוזט זיין אַ שניצער אויך, אָדער אַ טאָקער אויך!

— הא בהא תליא, — ענטפערט יענער,— אַן אומנית איז נישט שייך אין איין זאַך אַליין. איז מען אַן אומן-יד אין איין זאַך, קען מען זיין אַן אומן-יד אין אַלץ!—דערקלערט יענער.

— און איך זאָג, אַז דאָס ווענדט זיך נאָר אין אַ חוש! — רופט זיך אָפּ נאָך איינער. — אַלע מלאכות און אַלע אומניות זענען נאָר אַ חוש-זאַך. ברוך האָט אַ חוש און גאָר!

אין דעם קומט אַריין ברוך, און חברה פרעגט אים:

— ברוך, וואָס איז געווען דער טאַטע דיינער?

— איך ווייס? — ענטפערט ברוך מיט אַ זיפץ.

— חי ווייסט מען דאָס נישט, וואָס דער אייגענער טאַטע איז געווען? — וואונדערט מען זיך.

— איך בין זינט איך געדענק, אַלעמאָל אַ יתום געווען...— דערציילט ברוך אומעטיק. — איך געדענק אפילו נישט, צי האָב איך אַמאָל קדיש געזאָגט נאָך מיין טאַטע-מאַמען. „יתום" פלעגט מען מיך רופן, געדענק איך...

— פונוואַנען קענסטו נייען, שניצן און אַלץ, וואָס דו נעמסט אין האַנט אַריין, גייט אַרויס עפּעס ווי געטאָקט?

— איך ווייס? — ענטפערט ברוך ווי אַ תם. — איר מאַכט חוזק, נישט דאָס רופט מען קענען.

— הלוואי קען איך, וואָס דו!—ווינטשט זיך אַ ישיבה-בחור.

— הלוואי קען איך, וואָס דו!- ווינטשט זיך ברוך צוריק.

— וואָס קען איך דען? — פרעגט יענער.

— או, וואָס קען איך?—פרעגט ברוך צוריק.

— דו קענסט מאַכן אַלץ, וואָס דו ווילסט,—דערקלערט יענער,— ווילסטו, מאַכסטו אַן אָדלער, ווילסטו, קומען ביי דיר אַרויס אַזוינע קונציקע זאַכן, אויף חדושים נאָר, און אַז איך זאָל עס נאָר אַזוי קענען ווי דו, וואָ"ט איך שוין וויסן, וואָס איך האָב צו טאָן.

— נישט דאָס איז קענען! — האַלט זיך ברוך ביי דאָס זייניקע

— וואָס הייסט ביי דיר קענען? — פרעגט יענער.

— קענען לערנען אַזוי ווי דער בריסקער, אָט דאָס הייסט קענען... — ענטפערט ברוך מיט התפעלות.

— שוין ווידער מיט דעם בריסקער, אַ טייערע צאַצע! — בייזערט זיך אָן דער ישיבה־בחור אויף ברוכן, גלייך ווי ער וואָלט געזאָגט, אַז נאָר דער בריסקער אַליין קען לערנען, און חוץ אים קיינער נישט.

ברוך האָט קיין חשק נישט זיך אַריינצולאָזן אין גרויסע וויכוחים און גייט זיך אַוועק צו זיין באַנק.

— דער בריסקער, וועלכן ברוך האָט דערמאָנט, איז זיין שוואַכע זייט געווען. געפאָלגט האָט ער אַפילו אַלעמען, אָבער פאַרן בריסקער איז אים קיין זאַך נישט צו שווער געווען.

— דער בריסקער איז געווען אַ יינגל פון אַ יאָר זעכצן, אַ יינגל אַ ברען, שטענדיק פריילעך, שטענדיק געשטיפט. איז אים איינגעפאַלן אַ המצאהלע, אַ שפיצל עפעס אָפצוטאָן, האָט ער לאַנג נישט געטראַכט און שוין אויסגעפירט. עס האָט אויסגעוויזן, אַז אַפילו דאָס לערנען איז ביי אים אויך נישט מער ווי אַ שטיפעריי. פונדעסטוועגן פלעגט ער צום שיעור אַלעמאָל פרעגן די שווערסטע קשיות, שטרייטן מיטן ראש־הישיבה איבער אַ תוספות ערגעץ, און בעת מעשה פלעגן זיינע אויגן בליצן אַזוי ווי פייער. ברוך האָט ליב געהאַט אַזעלכע אויגן און פלעגט בעת מעשה זיך נישט קענען זאַט אָנקוקן אויף אים.

אַזוי קוועלט ברוך און קלויבט נחת, ווען ער זעט אַמאָל ווי דער בריסקער אַמפערט זיך אַמאָל מיט דעם רב אַפילו. עס גייט צו דער ראש־הישיבה, עס קומען צו נאָך אַ פאָר שטאָטישע יונגעלייט, לומדים, מען רינגלט אַרום אָט דאָס קליינע יינגל פון אַלע זייטן. אַלע האַלטן מיטן רב, אַלע גרויסע יידן און גרויסע חריפים זענען מיטן רב דאָס קליינע יינגל אָבער לאָזט זיך נישט נעמען: ענטפערט דעם, יענעם, און שיין ווערט ער בשעת מעשה, ממש די שכינה רוט אויף אים. ברוך האַלט מיט אים. נישט ער מישט זיך אַריין אין דעם שטרייט, נישט ער פאַרשטייט אַפילו וועגן וואָס עס האַנדלט זיך, נאָר ער פילט, אַז דער בריסקער איז גערעכט, זיין קאָפּ איז לויטערער, געשווינדער פאַר זייערע עלטערע שווערע מוחות, און גלאַט אַזוי, נאָר אָן אַלע טעמים, ווילט זיך ברוכן, אַז דאָס קליינע יינגל זאָל מנצח זיין אָט די גרויסע יידן, כאָטש זיי זענען די גרעסטע לייט פון שטאָט.

דערפאַר אָבער פלעגט ער ליידן אויך געגוג צרות פון דעם בריסקער. מער פון אַנדערע האָט דווקא דער פון אים געחוזקט און איז אים שטענדיק אויפן קאָפּ געקראָכן.

פון אַן אַנדערן פלעגט ברוך אַמאָל נישט וועלן ליידן, זיך אָפּ־באַרען, אָדער צוריק ענטפערן אַמאָל אַ וואָרט, דעם בריסקער אָבער פלעגט ער לאָזן טאָן איבער זיך וואָס אים פאַלט איין.

ער טוט נישט פון רשעות אָדער פון שנאה,—פלעגט ער זאָגן,— איר אָבער מיינט דווקא אַ רשעות!

פלעגט ווער לאַכן פון אים, פלעגט ברוך שווייגן, אָדער פרעגן וואָס איז דאָס פאַר אַ המצאה, פון וואָס זיי ווערן דאָ נתפעל און לאַכן! האָט אָבער דער בריסקער געזאָגט אַ המצאהלע און אַלע האָבן אָנגעהייבן לאַכן, האָט ברוך גוטמוטיק מיטגעלאַכט, כאָטש די המצאהלע איז געווען צו חוזקן פון אים גופא.

— וואָס לאַכסטו, ברוך? — האָט אים אַמאָל דער בריסקער גע־פרעגט, בעת ברוך האָט מיטגעלאַכט מיט אַלעמען פון זיינס אַ גלייכווערטל, און דער בריסקער האָט זיכער געוווסט, אַז ברוך פאַר־שטייט נישט דעם וויץ.

— פאַרוואָס לאַכסטו? האָט אים ברוך צוריק געפרעגט.

— איך האָב הנאה, לאַך איך!—האָט דער בריסקער געענטפערט.

— האָב איך אויך אַ הנאה! — ענטפערט ברוך און מיינט דערמיט, אַז ער האָט פאַרגעניגן, וואָס דער בריסקער האָט הנאה.

איינמאָל האָט דער בריסקער אָפּגעטאָן אַ שטיקל, פון וואָס ברוך איז, נעבעך, אַ גאַנצן טאָג אויף זיין באַנק קראַנק געלעגן. פון שטי־פעריי האָט דער קונדס גאָרנישט באַרעכנט, וואָס ער טוט, אריינגע־שאָטן אין ברוכס טעפּל עסן עפּיס אַזוינס, פון וואָס ברוך האָט דער־נאָך די גרינע גאַל אַרויסגעבראָכן.

ער האָט אָבער באַלד חרטה געהאַט, און האָט זיך פון חרטה די האָר געריסן. באַזונדערס האָט ער אויך מורא געהאַט, אַז די באַלע־באַטים זאָלן זיך נישט דערוויסן, און מען זאָל אים דערפאַר פון בית־המדרש נישט אַרויסטרייבן. ברוך אָבער האָט אים באַרויקט און באַ־שוואָרן זיינע חברים, אַז זיי זאָלן קיינעם דערפון נישט דערציילן.

— ביזט אין כעס אויף מיר, ברוך? — האָט ער אים שפּעטער געפרעגט מיט אַ קול פון אַן אמתן בעל־תשובה.

— ניין, נאַרעלע, איך האָב דיך ליב!—האָט ברוך געענטפערט.

— פאַר די יסורים וואָס איך האָב דיר אָנגעטאָן? — פרעגט דער בריסקער.

— בלאָטע, עס וועט איבערגיין, עס איז מיר שוין בעסער...— טרייסט ברוך זיין חבר און גלעט אים.

— פאַרוואָס דען?

— ווייל דו קענסט אזוי גוט לערנען! — שטאַמלט ברוך ארויס, ווי זיך שעמענדיק מיט דעם אמת, וואָס ער זאָגט אים אַזוי אין די אויגן אַריין.

— וואָס קומט דיר צו דערפון, וואָס איך קען לערנען? — פרעגט דער חבר.

— מיר קומט צו אַ חיות, ווען איך זע, ווי דו שפּאַרסט זיך מיטן ראש־הישיבה און מיטן רב אפילו,—דערקלערט ברוך מיט אמתער שמחה, וואָס אים האָט זיך געמאַכט אַזאַ געלעגנהייט צו קענען דעם בריסקער אזוי אָפן אַרויסזאָגן, וואָס זיין האַרץ פילט.

— איך פאַרשטיי נישט דעם חיות דיינעם, ברוך,— וווּנדערט זיך דער בריסקער.

— פאַרוואָס פאַרשטייסטו דאָס נישט?—פרעגט ברוך. — אַ שווערן מהרש״א פאַרשטייסטו באַלד און אַזאַ פשוטע זאַך פאַרשטייסטו נישט?

— איך פאַרשטיי פאָרט נישט, וואָס מיין קענען לערנען איז נוגע צו דיר... איך בין דאָך נישט דיינער אַ ברודער און נישט דיינער אַ קרוב אפילו.

— און אַז נישט אַ ברודער. און אַז נישט אַ קרוב, איז נישט שיין, אַז אַ קליין יינגל זאָל זיך קענען שפּאַרן מיט אַזאַ גרויסן רב און מיט אַ סך לומדים איבער אַן ענין אין גמרא? — פרעגט ברוך, דערקלערנדיק, וואָס זיין האַרץ פילט. — האָסט אַ טעות! וואָס שיין, איז שיין, מעג זיין דיינס, אָדער אַן אַנדערנס. איך האָב אמת הנאה פון אַלץ, וואָס איז שיין. מעג דאָס זיין מיינס אָדער נישט מיינס, פאַרשטייסטו?

— זאָל זיין אַזוי!—גיט דער בריסקער נאָך, נישט פאַרשטייענדיק ריכטיק, וואָס ברוך מיינט דערמיט אים צו דערקלערן.—נאָר זאָג מיר, ברוך, אם כן, וויבאַלד אַז יאָ אַזוי, אַז קענען לערנען איז ביי דיר יאָ אַזוי שיין און דו האָסט עס יאָ אַזוי ליב—פאַרוואָס לערנסטו טאַקע אַליין נישט?

— ווייל איך קען נישט! — ענטפערט ברוך מיט א שווערן זיפץ.

— לערן, וועסטו קענען! — ראט אים דער חבר מיט רחמנות.

— ניין, איך קען נישט! — מאכט ברוך מיט דער האנט אוועק, ווי איינער איז זיך מיאש פון עפעס.

— לערן, זאג איך, וועסטו קענען! מאכט ווייטער דער בריס־קער, — ווילסטו, וועל איך מיט דיר לערנען א פאר שעה יעדן טאג!

— ניין, דו פארשטייסט מיך נישט,—מאטערט זיך ברוך זיין חבר צו דערקלערן וואס ער מיינט. — איך מיין, ווייל איך קען נישט לער־נען, קען איך נישט זיצן און לערנען, פארשטייסטו שוין וואס איך מיין?

— טייגא, דו שארפער למדן,—שמייכלט דער בריסקער מיט א גמרא-ניגון.—לערנען און קענען, מה קודם? וואס איז פריער, לער־נען, אדער קענען?

— קענען איז פריער!—ענטפערט ברוך זיכער, ווי א פארענט־פערטע שאלה.

דער בריסקער לאכט זיך פאנאנדער פון ברוכס תשובה.

— גולם! — גיט ער א געשריי. — אז דו וועסט פריער נישט לערנען, פונוואנען וועסטו קענען?

— הלמאי שניצן? — שטעלט ברוך זיין פראגע אלס ראיה צו זיין תשובה.

— א משל צו א כארבע פלעקער!-לאכט זיך אויס דער בריס־קער און ווערט שוין אומגעדולדיק מיט ברוכן זיך אויסצוטענהן.

— און איך זאג, אז עס איז יא א משל! — האלט זיך ברוך ביי דאס זייניקע. — שניצן האב איך זיך אויך נישט געלערנט און איך קען פונדעסטוועגן, און טאקע ווייל איך קען, שניץ איך, און אז איך זאל נאר צייט האבן, איך מיין, מען זאל מיר נאר לאזן, וואלט איך יומם ולילה געשניצט... דאס אייגענע, פארשטיי איך, איז אויך מיט לערנען: ווייל דו קענסט לערנען, איז ביי דיר גארנישט כאטש זעקס שעה כסדר צו לערנען. איצט פארשטייסטו שוין, וואס איך מיין?

— א האר נישט! — ענטפערט דער בריסקער אומגעדולדיק און בייט אוועק. — אט א ביסל א פארקערטער מוח!

ברוך פלעגט זיך אָפט אָהעקזעצן לערנען מיט התמדה, ערנסט און מיט אַלע כּוחות, ווי אַן אַנדער ישיבה-בחור, נאָר שטענדיק פלעגן זייטיקע זאַכן צעשלאָגן זיינע געדאַנקען.

אַ פייגעלע זעצט זיך אויפן פענסטער פון בית-המקדש; אַ ווינטל האָט אַ בלאָז געטאָן און פאַנאַנדערגעוויגט דעם „גוי״, דעם שכנס בוים, קעגן פענסטער; אַ סאָלדאַט האָט געטרומייטערט אויף קאַשע; קינדער האָבן זיך געיאָגט נאָך אַ קליין הינטל, און נאָך אַזעלכע זאַכן.

ברוך קען עס נישט אַריבערלאָזן אומבאַמערקט, פאַרגעסט באַלד, וואָס ער האָט זיך פעסט פאָרגענומען.

ער מוז צוגיין צום פענסטער, ער מוז באַטראַכטן דאָס פייגעלע, די פליגעלעך, נתפּעל ווערן פון פיסקעלע, זיך נישט קענען אָפּקוקן פון דעם בוים, ווי ער וויגט זיך פון ווינט אַהין און אַהער, ווי עס קערן זיך די בלעטער און סודען זיך, שרייען אָדער שטיפן, ווי אים דאַכט זיך אַמאָל, און אויס מיטן לערנען! זיין מוח איז שוין פאַרנומען מיט עפּעס אַנדערש, וואָס ציט אים צו זיך צו מער ווי די גמרא מיט אירע ענינים.

אַן אַנדערש מאָל, ווען ער האָט זיך שוין מיט מאַטערניש אַריינגעלערנט, און דער ענין איז שוין אים ווי עס איז אַריין אין קאָפּ, דערשרעקט ער זיך, ווען ער קערט איבער אַ בלאַט און דערזעט צוויי, דריי שורות „פּנים״, און אַרום איז אַ גרויס פעלד מיט רש״י און תּוספות...

ער פילט זיך עפּעס אַזוי אָנמעכטיק, ווי ער וואָלט פּלוצלינג אין אַ מיטן ים אַריינגעוואָרפן געוואָרן, און ער וועט זיך קיינמאָל נישט צושלאָגן צו אַ ברעג.

עס לויפט אים דורך אַ קעלט דורכן לייב, ער גיט זיך אַ טרייסל און איז געצרן, ווען צמעך שלאָגט אים איבער, און ער האָט אַ תּירוץ צו פאַרמאַכן די גמרא.

דערפאַר אָבער האָט ברוך ליב אגדתא. ער האָט ליב „עין-יעקב״, מדרש און אַזוי ספרים, וואָס דערציילן מעשיות.

ער גייט מיט מיט רבה בר חנה אין מדבר, און זעט בחוש יענעם אָרט, ווו הימעל און ערד קושן זיך.

ער קאָן זיך מיט רבי עקיבאן, און טראָגט אויף אים כּעס, וואָס ער האָט אַזוי אומברחמנותדיק באַהאַנדלט זיין טרייע ווייב, די איידעלע

כּלבא שבוּעס טאָכטער. דאָס האַרץ צוגייט אים פון רחמנות אויף איר׳ וואָס זי מוז, נעבעך, גיין קנעטן ברויט ביי לייטן, זי זאָל האָבן פון וואָס צו לעבן.

ער פאַרגעסט גאָר בעת מעשה, אַז דאָס איז שוין לאַנג, לאַנג צוריק געווען. אים שטעלט זיך פאָר, אַז דאָס געשעט ערשט איצט, און עס ווילט זיך אים העלפן כּלבא שבוּעס עלנטער טאָכטער, אַריינטראָגן איר כאָטש אַן עמער וואַסער, אַ בינדל האָלץ איר צוהאַקן און באַדינען זי מיט אַלץ, וואָס ער האָט נאָר בכּוח, זי זאָל אַזוי שטאַרק נישט פילן איר עלנט.

אַזאַ רחמנות האָט ער אויך אויף אחרן, כאָטש ער איז געוואָרן, אַן אפּיקורוס, אַ טרייפּנאַק.

— ער האָט דאָך אָבער אַזויפיל געקאָנט לערנען, — רעדט ברוך צו זיך.—וואָס איז אים געוואָרן, סיידן אַ קללה! און אַזאַ גרויסער למדן אַ ייד האָט באַדאַרפט טרעפן אַזאַ קללה, נעבעך, ער זאָל ווערן אַן אפּיקורוס און פאַרלירן זיין חלק לעולם הבא!...

אַזוי לעבט זיך ברוך זיין אינוויינקסט וועלטל אין דער גמרא און זיין אויסנווייניקסטע וועלט — פראַנק און פריי אין בית־המדרש.

אַריינגעטאָן אין שטעטישע לייטישע ענינים, האָט ער פאַר זיך קיינמאָל נישט קיין דאגה, און קיין ווילן און קיין פאַרלאַנגען. שטענדיק איז ער פריילעך, שטענדיק זאַט, צופרידן.

זיפצט ער ווען, אין דער זיפץ אויף יענעמס עלנט, ברעכט ער די הענט, איז דאָס יענעמס בראָך.

ער האָרעוועט, אַרבעט און לויפט אויף פאַר יענעם; פאַר זיך אַליין אַרט אים גאָרנישט. אים אַליין, איז ער זיכער, פעלט טאַקע גאָרנישט.

זאָט איז צר, אַ שוך אין אַ קלייד האָט ער און וואָס נאָך ברויך אַ מענטש?

— אפילו יעקב אבינו, וואָס איז דאָך לכל הדעות בעסער געהאָדעוועט און געוואַקסן, ווי איך,—רעדט ער מיט פאַרגעניגן אַמאָל צו זיך,—האָט אויך ביים רבונו של עולם נישט מער געבעטן ווי לחם לאכול און בגד ללבוש. ווו שטייט עס באמת אין דער תורה, אַז לחם מיינט מען דווקא געבראָטנס און טייערע צימעטן און בגד — דווקא פון זייד און פון אַטלאַס? אפילו רש״י הקדוש, וואָס באַוואָרנט אויף איטלעכס וואָרט, אויף איטלעכס אות פון דער תורה, באַוואָרנט אויך

נישט, אַז לחם מיינט מען מאַרצעפּאַנעס און בגד אַ טייערן דראַפּע־נעם מאַנטל פון פיר רובל אַן אַרשין. אַ דאַנק גאָט, פון הונגער און קעלט לייד איך נישט. אדרבה, איך קאָן נאָך מיט דעם אַנדערן טיילן.

און ברוך פלעגט טאַקע דאָס ביסן טיילן מיט זיינע חברים. פון יעדער חתונה אָדער שמחה, ווו ער איז געווען, ווי דער שטייגער, אַ מחותן אָדער אַ סאַרווער, פלעגט ער ברענגען לעקעך, טאָרט און אָפט אַ פּאָלקע גאַנדז אויך, און עס צעטיילן אין בית-המדרש זיינע הונגעריקע חברים.

מאַכט זיך אַמאָל, עס עפּנט ביי אים אַ שטיוול דאָס מויל, אַ נאָט רייסט זיך, אָדער זיינע אַרבל האָבן זיך אויסגעריבן און דער אונטערשלאַק הייבט זיך אָן אַרויסצוווייזן, זאָגט ברוך:

— צו וואָס האָט גאָט, ברוך הוא, באַשאַפן אַ נאָדל-פאָדם מיט לאַטקעלעך?

אומר ועושה! אַדויסגערעדט און שוין זיך גענומען פאַר דער אַרבעט. פאַרשטאָפּט דעם נאַרישן שטיוול דאָס מויל, פאַרדעקט די חרפּה פונם אויסגעריבענעם אַרבל מיט אַ קונציקן לאַטקעלע, און ווידער גאַנץ, ווידער גוט, ווידער צעפרידן.

—אויב עס איז דאָ אין גאַנץ שטעטל אַ מענטש אָן דאגות, — פלעגט מען זאָגן, — איז דאָס נאָר ברוך!

און עס איז קיין ליגן נישט געווען. שטענדיק באַשעפטיקט מיט לייטישער אַרבעט, איז אים קיינמאָל נישט אויסגעקומען צו טראַכטן עפּעס וואָס פאַר זיך צו טאָן.

האָבנדיק תמיד צו טאָן מיט קליינע קינדער און שטיפן מיט זיי, איז אים קיינמאָל אויפן זינען נישט אַרויפגעקומען אַ קלער צו טאָן, אַז ער איז שוין אַ דערוואַקסענער בחור.

איבערהויפּט איז קלערן, טראַכטן פאַר אים די שווערסטע אַר־בעט געווען. פלעגט טרעפן עפּעס, וואָס עס שטויסט אים אַרויף אויף אַ געדאַנק, פון וואָס ער פאַרטראַכט זיך אַמאָל, נישט ווילנדיק, האָט ער שטענדיק באַלד מיט דער האַנט אַ רייב געטאָן איבערן שטערן, דערמיט פאַרטריבן די רעיונות, און איז באַלד געוואָרן צוריק דער נישט טראַכטנדיקער, נישט זאָרגנדיקער ברוך, חי אַלעמאָל.

נאָר איינמאָל, שטאַרק פאַרנומען אין טאַרוועריי אויף אַ נגידישער חתונה, צו באַדינען די געסט, ווי זיין שטייגער איז געווען, גייט צו

אים צו בונים שדכן, לייגט אים ארויף א האַנט אויפן אַקסל און גיט אים פון העלער הויט אַ פרעג:

— זאָג מיר, ברוך, ווי אַלט ביזטו?

— למי שייך? — פרעגט ברוך, נישט פאַרשטייענדיק וואָס בונים מיינט דערמיט.

— עס איז יאָ שייך! — ענטפערט בונים.

— פאָרט למי שייך?—פרעגט ברוך איבער, נישט ווייל ער פאַרשטייט, וואָס בונים פרעגט און אים ווילט זיך טאַקע וויסן, וואָס פרעגט ער, נאָר ווייל ער האָט זיך דערמאָנט דעם קלוגן נוסח אויף די בית-המדרש-ספרים, מען זאָל וויסן, אַז זיי געהערן צום בית-המדרש.

— למי ששייך שייך! ענטפערט בונים מיט דעם אייגענעם נוסח. — און דו, ברוך, זאָג מיר, ביזטו שוין אַ בן-עשרים, אַ בר-עונשין?

ברוך קוקט אים אָן תמעוואַטע און ווייסט נישט וואָס צו ענטפערן.

— וואָס שווייגסטו, שוטה! איך פרעג דיך עפּעס, וואָס איז שייך צו אַן ענין!—לאָזט אים בונים נישט אָפּ.

— ווייס איך? — מאַכט זיך ברוך אַרויס.—לאָזט מיך אָפּ, איך האָב קיין צייט נישט! דורעט מיר נישט אַ קאָפּ...

— לכל זמן, ברוך!—סטראַשעט אים בונים מיטן פינגער. — צייט זאָלסט אַמאָל אַ טראַכט טאָן, אַז דו ביזט שוין קיין ייִנגל נישט... ושערך צמח, ברוך, עס וואַקסט דיר שוין אַ בערדל, ואַת ערום ועריה, און דו מיינסט, דו ביזט נאָך אַלץ אַ קינד...—פאַרטייטשט אים בונים דעם פסוק פון דער הגדה.

אַז דאָס איז אַ פסוק אין יחזקאל, ווייסט בונים אַזויפיל, וויפל ברוך.

ברוך רייסט זיך אַרויס פון בונימען, פאַרגעסט אים באַלד, און איז ווייטער מיט לייב און לעבן אַריינגעטאָן אין דער שמחה, און ווען קלעזמער מיטן קעסלפויק שפּילן אויף אַ פריילעכס און דער מאַנס-בילשער עולם לאָזט זיך אַוועק אין אַ טענצל, פאַרוואַרפט ברוך אויך אַ האַנט איבער עמעצנס אַקסל און דרייט זיך מיט אַלעמען צוגלייך, וויפל די כוחות דינען.

בונים קוקט אויף אים פון ווייטנס און רעדט פאַר זיך:

— אַ קינדישע נשמה, גיי הייב אָן אַזוינעם וואָס אָנצוטוטן...

גייענדיק אַהיים, פאַרטאָג, פריילעך, ווי תמיד, מיט פולע קעשע-

נעס גוטע זאַכן פאַר זיינע חברים אין בית-המדרש, און דערזעענדיק פון ווייטנס עטלעכע באַלעבאַטים, וואָס גייען אויך פון דער חתונה און זענען מסתמא מיט עטלעכע מינוט פריער פאַר אים אַרויס, האָט זיך אים פאַרוואָלט זיי אָניאָגן און גיין מיט זיי אין קאָמפּאַניע.

ער האָט זיך געלאָזט לויפן. צוקומענדיק אָבער נענטער, האָט ער פון הינטן דערקענט בונימען און איז געבליבן שטיין. פאַרוואָס?— האָט ער זיך אַליין קיין רעכענונג נישט אָפּגעגעבן.

עפּעס האָט זיך אים געדאַכט אין דער מינוט: גלייכער מיט אים זיך נאָכאַמאָל נישט צו באַגעגענען.

ער האָט אַליין נישט געפילט, אַז זיין פריילעכקייט איז פּלוצלונג, גאָר אָן אַ סיבה, פון אים אַוועק.

ערשט, ווען ער האָט פון ווייטנס געזען, ווי יעדער פון די, וואָס גייען דאָרט, פאַרקערט זיך אין זיין געסל, אין זיין היים, האָט ער זיך געלאָזט גיין ווייטער זיין וועג צום בית-המדרש.

ער גייט גיך און טראַכט: אין בית-המדרש וועט ער זיינע חברים צעטיילן, וואָס ער טראָגט דאָ פאַר זיי. ער וועט זיך פאַררעדן מיט זיי, עס וועט ווערן פריילעך, ווי אַלעמאָל, און ער וועט פאַרגעסן בונימען.

פאַרוואָס וויל ער עפּעס בונימען פאַרגעסן? וואָס האָט ער אים אַזוינס געטאָן און וואָס קאָן ער אים טאָן? דאָס ווייסט ער אַליין נישט, נאָר עס ווילט זיך אים בונימען פאַרגעסן.

— פע, אַ פאַסקודנער ייִד! — רעדט ער פאַר זיך, אַריינקומענדיק אין בית-המדרש.

עס איז שוין אַפילו לאַנג ליכטיק געווען, אָבער זיינע חברים, אַלע צעלעגט אויף די בענק, ווי די פּריצים, האָבן נאָך געשמאַק געשלאָפן.

דער אַלטער חיים שמש איז שוין געווען וואַך, נאָר וואָס נעגלוואַסער אָפּגעגאָסן און געזאָגט זיך „אשר יצר": נקבים, נקבים, חלולים, חלולים, שטאַרק באַטאָנענדיק די ווערטער, וואָס ער לאָזט אַרויס פון מויל און האָט אויף ברוכן אַ קוק נישט געטאָן.

ברוכן האָט זיך אפילו געוואָלט אויפוועקן זיינע חברים. דווקא איצט ווילט זיך אים, זיי זאָלן לאַכן, כאָטש חוזק פון אים אַליין.

עס קומט אים אָבער אַרויף אַ מחשבה: נישט כדאי זיי צו אַן עבירה, צו אַ מכשל ברענגען.

לענגער איז אויך אַזוי געווען, דערמאַנט ער זיך: ער איז גע־קומען פאַרטאָג, אויפגעוועקט זיי פון שלאָף, זיי צעטיילט לעקעך, און װאָס חולטאַיעס קאָנען, אָן נעגלוואַסער, אָן אַ ברכה און פאַרן דאַוו־נען האָט חברה איינגעשלונגען דעם לעקעך, און אַז ער האָט זיי דערמאָנט וואָס זיי טוען, האָבן זיי אים נאָך געזאָגט:

— אויף דיר, ברוך, די עבירה! דו ביזט דער יצר־הרע!

— נישט כדאי, — קלערט ער, — ער ווייסט, אַז קוים וועקט ער זיי אויף, וועט נישט העלפן זיין נישט וועלן. זיי וועלן עס שוין װי עס איז ביי אים אויסנאַרן. חברה גיט זיך אַן עצה. נישט כדאי זיי נאָך אַמאָל מכשיל צו זיין.

מיט דעם באַשלוס גייט ער צו צו זיין באַנק. וויל זיך אויס־ציען, כאַפּן אַ דרעמל כאָטש אויף אַ ווײַלע, ביז דער עולם וועט זיך צונויפקומען דאַוונען.

נאָר באַלד פאַלט אים איין, אַז ס׳איז גלייכער אָפּצודאַוונען פאַר זיך און זיך פאַרקלויבן אויבן, אין דער ווייבערישער שול, און טאַקע זיך אויסשלאָפן, ווי עס געהערט צו זיין.

עפּעס שפּירט ער זיך היינט מידער און אָפּהענטיקער, ווי־אַלעמאָל.

— בונים, ימח שמו, האָט מיר ווי א כישוף אָפּגעטאָן... אויסשלאָפן זיך גוט, גוט, וועל איך אים פאַרגעסן ווי אַ נעכטיקער טאָג...

ער דאַוונט פון פאַרנט און לייגט תפלין.

עס דאַוונט זיך אים אָבער אָן טעם: עס פּלאָנטערט זיך די צונג אין מויל, און אַ וואונדערלעכע זאַך, אַנשטאָט צו הערן די ווער־טער, וואָס ער רעדט אַרויס, דאַכט זיך אים, אַז בונים שטייט איבּ פון הינטן און רעדט אים אין אויער אַריין: — ווי אַלט ביזטו, בחור?

— אַ מפלה אויף אים! — האַלט ער נישט איין זיין כעס און איז דערווייל מפסיק אין מיטן קריאת־שמע.

דערפאַר שטעלט ער זיך שמונה־עשרה, פאַרקוועטשט די אויגן און הייבט אָן צו זאָגן וואָרט ביי וואָרט. ער וויל זיך צוהערן גוט צו דעם פירוש המלות, נישט אַזוי פון פרומקייט, אַבי צו פאַרגעסן בונימען.

אָבער וואָס שטאַרקער ער קוועטשט צו די אויגן, אַלץ קלערער דאַכט זיך אים, זעט ער איצט בונימען פאַר זיך, ווי ער שטייט אַזוי־

און דראָעט אים מיטן פינגער, קוקט אים שעלמיש אין די אויגן אריין, און זאָגט:

— לכל זמן, ברוך, צייט זאָלסט אַמאָל אַ טראַכט טאָן, אַז דו ביזט שוין קיין יינגל נישט... ושערך צמח, עס וואַקסט דיר שוין אַ בערדל!

ברוך גיט זיך אַ טאַפּ דאָס בערדל, וואָס האָט זיך נישט לאַנג אָנגעהייבן צו ווייזן אויף ביידע באַקן.

ער דערשרעקט זיך און פאַרגעסט, ווו ער האַלט אין שמונה־עשרה. הייבט ער אָן מיט אַ פּאָר ברכות צוריק, צעוויגט זיך ווי אַ ביימל פון אַ שטורעמווינט, אין דאַוונט ווידער מיט כוונה. באַלד אָבער קומט ווידער בונים.

— האַ, — זאָגט ער אים, — האָב איך דיר אפשר אַ ליגן געזאָגט? האָסט שוין טאַקע אַ היפש בערדל. נאָך אין אַ האַלב יאָר וועט שוין זיין וואָס אָנצונעמען.

אים דאַכט זיך, אַז ער הערט די ווערטער אַזוי קלאָר און ער הערט דערוויל זיינע אייגענע ווערטער: „ונפשי כעפר לכל תהיה", ער פילט אפילו נישט, ווי ער גייט אויס „עושה שלום", נאָר ווען ער שטויסט זיך אָן מיטן רוקן אָן דער באַנק, וואָס איז הינטער אים. ער כאַפּט זיך אויף ווי פון אַ שווערן חלום, און עפנט די אויגן: נישטאָ בונים, קיינער נישטאָ...

זיינע חברים שלאָפן, ווי די געהרגעטע!

— טפו זאָל ער ווערן! — שפּייט ער אויס אין כעס. — האָט זיך צוגעטשעפּעט, זיך איינגעגעסן אין מיר ווי אַ קלעק, און לאָזט מיך אפילו נישט אָפּדאַוונען.

— אַזאַ שטן מבלבל, אַ מפּלה אויף אים! — רעדט ער, און זאָגט אשרי ובא לציון. ער טוט אויס די תפלין, לייגט זיי צוזאַמען אַ־לאַ כנפי יונה, און קוקט זיך אַרום, צי איז שוין נישט ווער פון זיינע חברים אויפגעשטאַנען.

— אפשר זיי בעטן, זיי זאָלן אָנזאָגן בונימען הזהר והזהר, ער זאָל זיך גאָכאַמאָל צו מיר נישט טשעפּען מיט זיינע נאַרישע שאלות, אַז נישט וועלן זיי זיך אָנטאָן אין אים, אַז ער וועט זיי געדענקען.

— אָן איינפאַל אַ ביסל! — לאַכט ער פון זיך אַליין איבער זיין נאַרישן ווילן. — וואָס האָט ער מיר געטאָן? און אַז ער האָט געפרעגט, ווי אַלט איך בין? מילא, וואָס אַ מענטש פרעגט, קומט אים

שוין דערפאַר פיינט צו האָבן? האָסטו געהערט אַ ביסל אַ פאַרלאַנגען, זיי זאָלן זיך אין אים נוקם זיין! פאַרוואָס? פאַרהען? באשר ער האָט מיך געפרעגט ווי אַלט בין איך. נו, אַז זיי אַליין וועלן, למשל, מיך פרעגן: טאַקע, ברוך, ווי אַלט ביזטו? וועל איך זיי אויך ווערן אַ שונא? ווייס איך, גלאַט אַזוי עפעס אַן יצר הרע, אַן אמתע יצר הרע האָב איך געמוזט כאַפּן... אָט דאָס איז די גאַנצע סיבה, וואָס איז מיר אַזוי שווער צום מוט! איין רפואה: זיך לייגן שלאָפן, זיך גוט אויסשלאָפן און אויפשטיין פריש און געזונט!

מיט דעם באַשלוס גייט ער אַרויף אין דער ווייבערשער שול, ציט זיך אויס, ווי גרויס ער איז, אויף אַ באַנק און האָט די כוונה אַנטשלאָפן צו ווערן.

נאָר איידער ער ווערט אַנטשלאָפן, פילט ער, אַז עס נאָגט אים עפעס דאָס האַרץ.

— אַ טשיקאַווע זאַך,—רעדט ער צו זיך אַליין, — איך האָב אין מיין לעבן קיינעם נישט פיינט געהאַט, און אים האָב איך פיינט, בתכלית השנאה פיינט! און וואָס האָט ער מיר דען געטאָן? אַ שנאת חנם פשוט!

עס פאַרדריסט אים די עבירה פון שנאת חנם, און ער נעמט זיך פאַר בונימען נישט פיינט צו האָבן.

—אדרבה, זאָל ער וויסן, אַז איך בין אים מוחל און בין אים קיין שונא נישט. מאָרגן זאָג איך אים: ר׳ בונים, כך וכך אַלט בין איך, און זאָל ער מיר עפעס טאָן...

—און באמת,—טראַכט ער ווייטער,—ווי אַלט בין איך טאַקע באמת? און הייבט אָן צו באַרעכענען זיינע קינדערשע יאָרן. ער געדענקט אָבער פון זיי זייער ווייניק.

„יתום" פלעגט מען אים רופן אין יענעם שטעטל, וו ער האָט געמוזט געבוירן ווערן. טאַטע-מאַמע געדענקט ער נישט.

—אפנים, גאָר אַ קליין קינד געווען, ווען זיי זענען געשטאָרבן!— רעדט ער צו זיך אַליין, — און דאָס האַרץ טוט אים וויי, וואָס זיי זענען, נעבעך, אַזוי יונג אַוודאי געשטאָרבן.—ניכיי וואָלטן זיי אַמאָל מיר קומען צו חלום כאָטש!

און ער איז כמעט ווי אין כעס אויף זיי, וואָס זיי קומען אים נישט צו חלום, און ער ווייסט נישט אַפילו, וואָס פאַר אַ פנים זיי האָבן אַמאָל געהאַט.

— גאָרנישט, — רעדט ער צו זיך, — געהאַט אַ קינד אויף דער וועלט, און גענומען און אַוועקגעשטאָרבן, פאַרגעסן איינגאַנצן אויף אים, און ווילן נישט אַמאָל זיך כאָטש אין חלום אים באַווייזן! מילא, פריער האָבן זיי נישט געקענט געווים, חבוט הקבר... דין וחשבון פאַרן בית־דין של מעלה... אָפּקומען פאַר די זינד... „אין צדיק בארץ אשר יעשה טוב ולא יחטא!” אַוודאי מוז מען אָפּקומען פאַר די זינד, ווען מען קומט אַהין, אָבער וויפל איז אַ שיעור? היינט זענען זיי שוין געווים לאַנג אויסגעלייטערטע נשמות, פריי ווי גן־עדן־פייגעלעך... פאַרוואָס קומען זיי היינט נישט אַמאָל צו פליען פון זייער הייליקער רו, און אין חלום מיר זאָגן: „ברוך, איך בין דיין טאַטע, ברוך, איך בין דיין מאַמע, מיר בעטן גאָט פאַר דיר, זיי אַ פרומער ייד און זיי געזונט!” עס וואָלט געווען אַזוי שיין און ערלעך פון זייער זייט... מער האָב איך קיינמאָל גאָרנישט פאַרלאַנגט פון זיי. נאָר ווען זיי קומען, למשל, היינט צו מיר אין חלום, וואָלט איך זיי די ערשטע זאַך פרעגן: ווי אַלט בין איך טאַקע? זיי ווייסן דאָך אַוודאי דעם אמת...

די שאלה, ווי אַלט איז ער, לעכערט אים ווי אַן עקבער דעם מוח. ער קען בשום אופן נישט פאַרטרייבן דעמדאָזיקן געדאַנק.

ער דערמאָנט זיך אַלץ, וואָס געדענקט זיך אים נאָך פון זיין קינדהייט. ער וויל זיך אויך אין דער היים דערמאָנען: צי האָט ער געהאַט ערגעץ אַ היים, כאָטש אַ קליין שטיבעלע, אַ צימערל ערגעץ, ווו עס איז פאַר אים אַמאָל געשטאַנען אַ בעטל אָדער ווו ער האָט זיך אויף דער ערד געוואַלגערט, ווי אַנדערע אָרעמעלייטס קינדער.

נאָר אַזוינס געדענקט ער נישט.

דערפאַר געדענקט ער יענעם בית־המדרש, אין וועלכן ער איז געווען אַ קליין ייִנגל.

— אַלצאיינס ווי דער בית־המדרש, אין וועלכן איך בין איצט! — רעדט ער צו זיך. — די אייגענע לאַנגע טישן און בענק, די אייגענע בימה, די אייגענע יידן מיט טליתים אַלע אינדערפרי, די אייגענע קולות און קרעכצן אין דאַוונען, נאָר די צוויי לייבן, וואָס האַלטן די לוחות איבערן ארון־הקודש, זענען געווען אַנדערע, שטאַרקערע, בייזערע און שענערע, ווי די היגע... אויך מיר לייבן, די היגע! ציגן זענען דאָס און נישט קיין לייבן! אַז מען זאָל מיר נאָר צולאָזן, קלערט ער, וואָלט איך אויסשניצן אַ פּאָר לייבן, שוין איינמאָל לייבן! יענע זענען

טאַקע געווען לייבן, מלכים איבער אַלע חיות אין וואַלד, ס'איז געווען אַן אימה אויף זיי צו קוקן. און די זעבען ציגן, כאַטש גיי און מעלק זיי אויס!

מיט אַזעלכע רעיונות איז ער איינגעשלאָפן און אויפגעשטאַנען אַ שעה פאַר מנחה.

ווען ער האָט געעפנט די אויגן, אַ קוק געטאָן אַרום זיך, האָט ער זיך פּלוצלונג דערפילט אַזוי עלנט, אַזוי אומגליקלעך, ווי ער וואָלט מיט איינמאָל פאַרלאָרן אַלץ, וואָס ער האָט ביז איצט געהאַט אין זיין גבול, אין זיין האַרץ און מוח.

עס האָט אים נישט ווי געטאָן, נאָר גלאַט עפּעס באַקלעמט איז ער געווען, כאָטש נעם און צוויין זיך, ווי אַ קליין קינד.

אויפהייבן זיך פון באַנק און אַראָפּגיין אין בית-מדרש, האָט ער נישט געוואָלט.

ער האָט זיך געשעמט צו ווייזן פאַר זיינע חברים, און איז ווייטער געלעגן מיט אָפענע אויגן און געקוקט אויף דער סטעליע און אין קאָפּ ביי אים האָט זיך אַלץ געמישט די פראַגע:

— ווי אַלט בין איך טאַקע?

— בין איך טאַקע שוין באמת אַ בן עשרים?—פרעגט ער זיך.— האַ? געדענק איך נישט מיין ברית? ווער געדענקט עס יאָ זיין אייגענעם ברית? אָבער מיין בר מצווה בין איך מחויב צו געדענקען.

און ער דערמאָנט זיך, ווי ר' גרונם, אַן אַלטער בית-המדרש-ייד, וואָס פלעגט מיט אים לערנען פון זינט ער געדענקט און וועלכן ער פלעגט באַדינען, ברענגען אים עסן, צוטראָגן אים נעגל-וואַסער, און גיין מיט אים אַלע פרייטיק אין מרחץ, האָט אים אַמאָל דערלאַנגט אַ פּאָר גרויסע תפלין מיט געלע אָפּגעקראָכענע רצועות און אים געזאָגט:

— נאַ, ברוך, אָט האָסטו אַ פּאָר תפלין... נאָך שבת וועסטו אָנהייבן לייגן תפלין... דאַכט זיך, שוין צייט. ווייסט דיר דער גוטער יאָר, ווי אַלט דו ביזט!

און נאָך אין דעם אייגענעם טאָג האָט ר' גרונם מיט אים אָנגעהייבן „הלכות תפלין”, אים אָנגעזאָגט אַ סך מוסר, וואָס, געדענקט ער נישט, נאָר מוסר איז דאָס יאָ געווען.

— אַ טייערער ייד געווען, ר' גרונם, אַ ליכטיקן גן-עדן זאָל ער האָבן! אַ שאָד וואָס ער לעבט שוין נישט... איך וואָלט ביי אים געקענט

וויסן ריכטיק, וויפל יאָר איז שוין אין דעם, זינט ער האָט מיט מיר אָנגעהייבן אַלף-בית, דערנאָך חומש, רש״י און גמרא. נעמט ער און שטאַרבט אויך אַוועק...

ער פּרוווט זיך באַרעכענען זיינע יאָרן נאָך די פּסחן און נאָך די באַלעבאַטים, ביי וועמען ער האָט די פּסחן געגעסן.

עס מישן זיך אָבער אַזוי זיינע געדאַנקען, אַז ער קאָן בשום אופן נישט אַרויסקריגן עפּעס אַ ריכטיקע צאָל.

נאָר איינס ווערט אים קלאָר: בוּנים איז גערעכט.

— איך בין שוין טאַקע מער נישט קיין ייִנגל, און עס איז טאַקע שוין צייט אַ טראַכט צו טאָן אַ מענטש צו ווערן. חי ווערט מען אָבער פּלוצלונג אַ מענטש! — פרעגט ער זיך און פילט, אַז עס גיסט אים אָפּ אַ קאַלטער שווייס.—וואָס איז אַ מענטש? אַ מענטש איז,—ענטפערט ער זיך, — אַ מענטש פאַר זיך, אַ מענטש האָט זיין היים, זיין אייגענע היים, נישט דעם קהלשען בית-המדרש, וואָס איז הפקר פאַר אַלעמען . . . וו נעם איך אָבער אַזאַ היים? ווי ווער איך אָבער אַ מענטש פאַר זיך? און אַז איך וועל זאָגן, אַז איך בין שוין נישט קיין ייִנגל, וועט מען זיך נישט שאַפן מיט מיר? עס וואָלט אפשר גוט געווען, אַז אַלע, אַלע, וועלכע שיקן מיך, פאַרלאַנגען פון מיר פאַר זיי צו גיין, צו לויפן און האַרעווען פאַר זיי, זאָן פילן, וואָס איך און מיך אויפהערן צו שיקן און צו פאַרלאַנגען פון מיר... אָבער זיי וועלן דאָס נישט טאָן, איך קען זיי... וואָס איז דאָס זייער דאגה, וואָס איך בין שוין אַ בן-עשרים? ווערן אַ בעל-גאווה און ענטפערן: „איך וויל אייך מער נישט פאָלגן, איך בין שוין נישט קיין ייִנגעלע!" וועלן זיי מיר אָבער אויסלאַכן, און איך וועל זיי נאָך מוזן פאָלגן...

— רבונו של עולם! — שרייט זיין האַרץ צו גאָט.—גיב די שטאָטישע באַלעבאַטים אַזאַ דעה, אַז זיי זאָלן דאָס אַליין פאַרשטיין, איך זאָל זיי נישט ברויכן מפיז פנים זיין, זאָלן זיי אַליין פאַרגעסן, אַז עס איז דאָ אַ ברוך אויף דער וועלט... אָבער וואָס זאָל איך ווערן? אַ מלמד? נישט די קינדער וועלן מיך פאָלגן, נישט איך וועל קענען זיי שלאָגן. וואָס וועל איך ווערן? ענטפער מיר, רבונו של עולם!

דער עולם האָט זיך אונטן דערהייל געקליבן צו מנחה, ברוך איז צו צום כיור, האָט אָפּגעגאָסן נעגל-וואַסער און איז אַראָפּ דאַוונען מיטן עולם מנחה.

— וו ביזטו געווען, ברוך? — האָבן די ישיבה-בחורים געפרעגט. —

מען איז דאָ געווען דיך רופן צו דער נעכטיקער חופה־וויעטשערע. נאָר גיב טאַקע אַהער, וואָס האָסטו געבראַכט?

ברוך האָט זיך געשטאַרקט ארויפצוציען זיין פריינטלעך שמייכל, ווי אַלעמאָל, נאָר עס האָט זיך נישט ארויפגעצויגן.

ער האָט זיי אוועקגעגעבן די גוטע זאַכן, אָבער זייער געלעכ־טער און ווערטלעך האָבן אים היינט געשטאָכן, אומעטיק האָט ער זיי אָנגעקוקט, אויף די ליפן זענען די ווערטער געלעגן:

— קינדער, עס איז שוין מיין צייט פון לאַכן אריבער..."

נאָר ארויסרעדן עס האָט ער נישט געקענט.

צו מנחה האָט אים איינער פון די באַלעבאַטים געבעטן אַ טירחה עפעס, ברוך האָט אים תמעוואַטע אָנגעקוקט, גלייך ווי ער האָלט נישט פאַרשטיין, וואָס וויל יענער פון אים.

— יואָס זאָגסטו, ברוך, וועסטו קומען? — פרעגט יענער.

— איך ווייס נישט?... ענטפערט ברוך, נישט קענענדיק מיטאַמאָל יענעם אָפזאָגן.

— זע נאָר, ווי ער לאָזט זיך בעטן! — מאַכט יענער, ווי אין כעס. — אז מען זאָגט דיר: קום, דאַרפסטו נישט איבעררעדן, זיך נישט קווטשען און מיך אָנקוקן, גלייך ווי דו קענסט מיך נישט.

— איך וועל קומען, — האָט ברוך ארויסגערעדט, אָבער זיך באַלד פאַרכאַפּט: — אז איך וועל קענען... עפּעס נישט געזונט, נישט פאַר אייך געדאַכט...

נאָך מנחה האָבן זיך אין בית־המדרש צוזאַמענגעקליבן אַ גאַנצע חברה חדר־יינגלעך, וואָס האָבן געהאַט צו ברוכן עפעס אַ וויכטיקן עסק.

דערזעענדיק זיי, האָט ער שיער נישט פאַרגעסן אַלץ, וואָס ער האָט איבערגעטראַכט און איבערגעלערנט און איז שוין גרייט געווען זיך אריינצוטאָן אין זייער אומשולדיקן ענין.

באַלד אָבער האָט ער זיך דערמאָנט, און דאָס האַרץ האָט אים אָנגעהייבן פונדאָסניי צו קלעמען, וואָס ער מוז זיך איבערגעוואַלט צעשיידן, אָדער זיך אָפּשיידן פון זיינע ליבע פריינט, וואָס ער האָט זיי ליב, און וואָס זיי האָבן אים אזוי ליב.

איך דער מינוט איז ער אין כעס געווען אויף גאָט, וואָס ער האָט די וועלט אזוי באַשאַפן, אז אַ לעבעדיקער מענטש מוז פון יאָר צו יאָר עלטער ווערן.

— וואָס וואָלט אים אָרן, דעם רבונו של עולם, אַז מען זאָל קענען דאָס גאַנצע לעבן זיין אַ קינד? אָדער כאָטש קענען זיין אַזוי פריילעך, ווי אַ קינד? נישט פאַר זיך איז ער אין כעס, און נישט דאָס, וואָס ער קען שוין נישט זיין אַזאַ קינד, ווי דאָס, וואָס דאָ שטייען פאַר אים חדר-קינדער און באַלד דערוואַקסענע. ער פילט און דערקענט שוין, אַז ער איז שוין פאַרפאַלן, אָבער אויף זיי האָט ער רחמנות, אויף זיי, וואָס נאָך אין עטלעכע יאָר אַרום וועט צו זיי אויך בונים אָדער אַן אַנדערער צוגיין, און גאָר פון העלער הויט אַ פרעג טאָן:

— זאָגט מיר, ווי אַלט זענט איר אַן ערך?

און דאַן וועלן זיי אויך פילן, וואָס ער פילט איצט, און זייערע הערצעלעך וועלן אויך אַזוי וויי טאָן, ווי עס טוט אים איצט וויי.

טרערן זענען אים אָנגעלאָפן אין די אויגן, קוקנדיק אויף זיי־נע קליינע חברימלעך.

קושן זיי ווילט זיך אים, זיי צודריקן צום האַרצן, זיך אויסוויי־נען פאַר זיי און געזעגענען זיך מיט זיי.

די קינדער, וואָס האָבן ברוכן אַזוי אומעטיק קיינמאָל נישט געזען, האָבן אין אָנהייב אים פאַרוואונדערט אָנגעקוקט, אָבער באַלד האָבן זיי אים אָנגעהייבן צו ציען פאַרן אַרבל, אים איבערגעוואָלט אַריינשלעפן אין זייער עסק.

ברוכן האָט געקאָסט געזונט, איידער ער האָט זיך פון זיי באַ־פרייט. ער איז מיט אַ באַקלעמטן האַרצן פון זיי אַוועק און מיט אַ ברעג פאַלע אויסגעווישט זיינע אויגן.

— ברוך, בונים שדכן זוכט דיך, — האָט אים אַ ישיבה-בחור געזאָגט.

— זאָג אים, איך בעט דיך,-מאַכט ברוך צו יענעם, — זאָג אים, אַז איך בין נישטאָ... איך בין אים קיין שונא נישט... ער האָט מיר גאָרנישט געטאָן, נאָר זען זיך מיט אים וויל איך נישט.

מיט די רייד איז ער אײַלנדיק אַרויס פון בית-המדרש, זיך גע־לאָזט גיין, אַליין נישט וויסנדיק, וווהין.

שפּעט ביינאַכט איז ער צוריקגעקומען. זיינע חברים האָבן שוין געשלאָפן. ער האָט זיך מיד געפילט, און איז צוגעגאַנגען צו זיין קעסטל אַרויסנעמען אַ שטיקל בגד זיך אונטערצובעטן.

דאָ איז אים אין האַנט אַריינגעפאַלן אַ לאַנג-אָנגעהייבן שטיקל שניצעריי, וואָס ער האָט קיינמאָל קיין צייט נישט געהאַט צו ענדיקן.

ער האָט עס באַטראַכט, באַקוקט פון אַלע זייטן, כמעט פאַרגעסן זיין מידקייט, זיין אומעט.

קיינמאָל האָט ער זיין ארבעט אַזוי נישט באַקוקט און באַטראַכט, ווי דאָסמאָל. דאָס איז אים אָבער ווייניק געווען, און ער האָט געגנבֿעט זוכן צווישן די אָנגעקליבענע שטיקלעך האָלץ און געצייג, וואָס האָבן זיך אין קעסטל געוואַלגערט. און אַ טשיקאַווע זאַך, ער האָט בעת מעשה אין גאַנצן פאַרגעסן, אין זיין אומעט פאַרגעסן, און עפּיס אַ שטיין איז אים אַראָפּ פון האַרצן.

— פאַרוואָס נישט טאַקע אַ שניצער? — שטאַמלען זיינע ליפּן עפּיס ווי פון זיך אַליין. — פאַרוואָס נישט אויסלערנען זיך אַ שיי-נעם ארון-הקודש אויסצושניצן? אָבער טאַקי אַזאַ, וואָס מען האָט נאָך נישט געזען?

— אָבער ווו? ביי וועמען לערנען?—פרעגט ער זיך פלוצלונג.— אַלצאיינס, ווו, — ענטפערט ער זיך.—יגעת ומצאת תאמין, אַז מען זוכט, מוז מען געפינען, אַפי נישט דאָ. דאָ וועט מען מיך נישט לאָזן. דאָרט, ווו קיינער קען נישט ברוכן, אַהין מוז איך אַוועק, וויט, ווייט אַוועק, און טאַקע שוין, באַלד, נישט אָפּגעלייגט אויף שפּעטער!

געטרייסט און געשטאַרקט מיט דעם באַשלוס, האָט ער זיך אין דער רגע געפילט, ווי איינער, וואָס האָט זיך געטרונקען און האָט פלוצלונג דערפילט דעם גרונט אונטער די פיס.

ער האָט זיך אויסגעצויגן אויף זיין באַנק און באַלד פאַרזונקען געוואָרן אין אַ טיפן געזונטן שלאָף.

גאַנץ פרי, אַז עס איז שוין אָבער רעכט ליכטיק געווען, האָט זיך ברוך אויפגעכאַפּט, אָפּגעגאָסן נעגל־וואַסער, אָפּגעדאַוונט אין איי-לעניש, צוזאַמענגעבונדן זיין ביסל זאַכן, צוגעגאַנגען צום ארון־הקודש, אַ קוש געטאָן דעם פּרוכת און מיט אַ ברעג אויסגעווישט זיינע טרערן.

אַראָפּגייענדיק פון די טרעפּלעך, האָט ער דערזען זיין שלאָפֿנ-דיקן חבר, דעם בריסקער, און דאָס האַרץ האָט אים ווידער אַ קלעם געטאָן, וואָס ער פאַרלאָזט זיין ליבן חבר אָן אַ זיי-געזונט אפילו.

— ווער אַ גרויסער לייט, מיין ליבער חבר, — האָבן זיינע ליפּן געשטאַמלט און די טרערן זענען אים אין די אויגן געשטאַנען. — ווער אַ גרויסער גאון, און די גאַנצע וועלט זאָל קלינגען מיט דיר!

אַז איך וועל אַמאָל הערן פון דיין כבוד און גדולה און וועל וויסן, אַז דו ביזט אַ רב, וועל איך דיר צושיקן אַ מתנה, אַ טייערע זאַך, וואָס איך וועל מיט מיינע אייגענע הענט אויסשניצן: אַ מתנה פון דיין אַמאָליקן חבר ברוך. זאָל מיר נאָר גאָט העלפן און מיך באַשיצן אין מיין ווייטן וועג!

מיט די רייד איז ער צוגעגאַנגען, ווי הינטערוויילעכטס צו דער טיר, אַ קוש געטאָן דריי מאָל די מזוזה און איז ארויס פון בית־המדרש.

ווען זיינע חברים זענען אויפגעשטאַנען און דער עולם האָט זיך אָנגעהייבן קלייבן צום דאַווענען, איז שוין ברוך געווען ווייט, ווייט פון דער שטאָט...

מיין ערשט ווערק.

איידער איך הייב אָן צו דערציילן מיינע זכרונות פון יענער צייט, ווען איך האָב שוין געהאַט אויפגעשריבן אַ גאַנצע מעשה, אָדער אַ ראָמאַן, און האָב מיך שוין אפילו דערוועגט פאָרצולייענען דאָס אויפגעשריבענע פאַר עלטערע און געניטערע און אויסצוהערן זייער עצה, צי איז אַזוינס כדאי צו לאָזן דרוקן אָדער נישט, קען איך נישט אויסמיידן די ערינערונג פון צוויי געשעענישן אין מיין לעבן, וועלכע האָבן אין זייער צייט געמאַכט אַ געוואַלדיקן איינדרוק אויף מיר, און זענען דעריבער געווען, ווי מיר דאַכט, די הויפט־סיבה, וואָס האָט מיך באַוועגט צו נעמען די פעדער אין האַנט און זיך פרובירן שרייבן.

דאָס ערשטע געשעעניש האָט פּאַסירט מיט מיר אַליין, אין יענע יאָרן, ווען איך בין נאָך געווען אַ קליין חדר־ייִנגל, און דער רבי מיינער האָט נאָר וואָס געפרואווט מיך צוזעצן צו דער כיתה גמרא־ייִנגלעך, כאָטש איך בין געווען אַ יינגער, אַ קלענער פאַר זיי.

ביי זיך אַליין, געדענק איך, בין איך צוליב דעם, וואָס איך לערן שוין כלומרשט גמרא, גאָר קיין גרעסער יחסן נישט געוואָרן, ווי איך בין ביי זיך געווען פריער, ווען איך האָב נאָך געלערנט חומש מיט רש״י.

ביי לייטן אָבער, און נאָכמער ביי מיין אייגענער גוטער מאַמען און עלטערע שוועסטער, בין איך דורך דעם אַקט שטאַרק אויסגעוואַקסען, מיט אַ סך יאָרן כלומרשט עלטער געוואָרן.

און דאָס, וואָס ערשט מיט עטלעכע טעג צוריק איז גאָר קיינעם נישט איינגעפאַלן מיר אויפמערקזאַם צו מאַכן, אָדער זיך אפשר אָנבייזערן, אַז פאַר אַ חומש־ייִנגל פּאַסט נישט אַזוינס, ווייל אַ חומש־ייִנגל האָט נאָך שכל, ווי אַ פיצל קינד, האָט מען איצט, צוליב מיין גמרא

לערנען, מיר אָנגעהייבן צו דערמאָנען און אויפוואַרפן אויף איטלעכן שריט און טריט.

דאָס ערשטע מאָל האָב איך זיך דערוווּסט, אַז איך בין, צוליב מיין גמרא לערנען, מיטאַמאָל אויס קינד געוואָרן, מחמת אַזאַ מין צופאַל:

דער רבי מיינער האָט מיר אָנגעזאָגט, אַז ווען איך וועל קומען מאָרגן אין חדר, זאָל איך מיטברענגען אַ גמרא בבא מציעה. צוליב די גרעסערע יינגלעך, וואָס עס שטייט זיי נישט אָן מיט אַזאַ קליינעם פיזשיק, ווי איך, צו לערנען אין איין גמרא.

זיי פלעגן מיר אָנטאָן אַלערליי נגישות ביים לערנען, און דערי־בער מוז איך האָבן מיין אייגענע גמרא און נישט ברויכן אָנקומען צו זיי.

אין אונדזער ספרים־אַלמער איז געשטאַנען אַ גרויסער ווילנער ש"ס רעגאַל, מיט גרויסע ברייטע גליונות, מיט געלע לעדערנע טאָוו־לען, און געקאָסט האָט ער אין יענע יאָרן ממש אַן אייגנס.

דער טאַטע מיינער איז זעלטן ווען געווען אינדערהיים, שטענדיק אַרומגעפאָרן אויף די ירידים ערגעץ.

ווען ער וואָלט דעמאָלט געווען אינדערהיים, וואָלט מיר זיכער אַזאַ טייערע צירונג פון זיין אַלמער נישט אַרויסגעגעבן געוואָרן צוליב דעם ברעקל גמרא, וואָס מיין רבי וועט דאַרט לערנען מיט מיר.

ווי אַ מאַנסביל, וואָלט ער געוווּסט, אַז מען קען קויפן אַ וואָל־ועלע, קינדערשע גמרא און מען ברויך נישט צוליבן חדר דווקא אַ ש"ס־גמרא.

די מאַמע אָבער איז געווען אויפן זיבעטן הימל פון גליק, וואָס זי האָט שוין דערלעבט די שעה, ווען איר ליב קינד האָט אָנגעהייבן גמרא, און קען שוין אַליין אויסנוצן דעם טייערן ש"ס, וואָס איז ביז איצט געשטאַנען אין אַלמער נישט מער, ווי אַ צירונג, ווי אַ פוץ, און זי האָט מיר געלאָזט נעמען די גמרא בבא מציעה אין חדר אַריין.

זי האָט מיר נאָר אָנגעזאָגט, איך זאָל היטן די גמרא, מען זאָל זי נישט צעררייסן, נישט פאַרשמוצן, אין חדר זי נישט איבערלאָזן, נאָר אַלע פאַרנאַכט, ווען דער רבי לאָזט פריי פון חדר, זאָל איך זי מיט־נעמען און ברענגען אַהיים.

און איך געדענק, ווי גערן איך האָב זי כסדר געטראָגן אַלע טאָג אין חדר און פון חדר, כאָטש זי איז כמעט גרעסער און ברייטער געווען פאַר מיר אַליין.

איך האָב זי מיט ביידע הענט קוים געקענט אַרומנעמען.

און שווער איז זי געווען, איך פלעג אָפּגעזאָסן ווערן מיט שווייס פון דער משא. איך קען זאָגן: איך האָב שוין דעמאָלט דערפילט דעם שווערן „עול תורה".

קומענדיק אַמאָל אין אַ וואַרעמען זומער-פאַרנאַכט פון חדר, מיט דער גמרא אין ביידע הענט, האָב איך דערזען ביי אונדז אין הויף אַ בײַרגל פרישן זאַמד, וואָס מען האָט אָנגעפירט. ערגעץ ביי אַ שכן האָט מען באַדאַרפט איבערמאַכען אַן אויוון, און מיר האָט זיך פאַר־גלוסט אַ שפּיל צו טאָן אין דעם בערגל זאַמד: דורכגראָבן אַ הייל, בויען אַ פעסטונג, אָנשיטן וואַלן און נאָך אַזעלכע אַרבעטן, אויף וואָס איך בין געווען אַ גרויסער מייסטער, און קיינער פלעגט מיר אַ וואָרט נישט זאָגן צום בייזן.

נישט לאַנג געטראַכט, האָב איך די גרויסע ש"ס-גמרא אַוועק־געלייגט טאַקע דאָ אויפן זאַמדבערגל, פאַרקאַשערט ביידע אַרבל פון מיין רעקל און האָב אָנגעהייבן צו גראָבן אַ הייל, אָדער אַ טונעל.

שטאַרק פאַרטאָן אין דער אַרבעט, האָב איך גאָרנישט באַמערקט, ווי די עלטערע שוועסטער מיינע מיט אַ גאַנצער קאָמפּאַניע מיידלעך, חברטעס, האָבן אַרויסגעשפּאַרט די קעפּ פון פענסטער און זיך צו־געקוקט, וואָס איך טו.

מיטאַמאָל האָב איך דערהערט אַ ברייטן קלינגענדיקן געלעכטער.

אַ שוועסטער מיינע שרייט:

— זעט נאָר דעם גמרא-בחור, ער שפּילט זיך נאָך אין זאַמד, ווי אַ פּיצל קינד!...

באַלד דערויף האָבן גענומען שרייען אירע חברטעס:

— בראַוואָ! בראַוואָ! אַ גמרא-בחור, וואָס שפּילט זיך נאָך אין זאַמד!

איך האָב זיך שטאַרק פאַרשעמט, אָבער איך האָב באַלד אַליין איינגעזען, אַז פאַר אַ גמרא-ייִנגל פּאַסט שוין באמת נישט צו שפּילן אין זאַמד.

און כאָטש ביי אַזאַ געלעגנהייט איז דער יצר-הרע געווען גענוג שטאַרק אין מיר, פונדעסטוועגן האָב איך מיך געקענט גובר זיין און האָב שוין מער פון דעמאָלט אָן אין זאַמד נישט געשפּילט.

נישט גובר זיין אָבער האָב איך געקענט אַ צווייטן יצר-הרע אין מיר. איך מיין יענעם יצר הרע, וואָס האָט מיך אַזוי געשלעפּט און

געצויגן זיך צוצוהערן צו די שיינע מעשה־ביכלעך אויף עברי־טייטש, וואָס מיינע עלטערע דריי שוועסטער פלעגן פאָרלייענען ביי זיך אין חדר אַלע שבת בייטאָג פאַר אַ גאַנצער קאָמפּאַניע חברטעס, שוין גרויסע כּלה־מיידלעך.

אָט פאַר די מעשה־ביכלעך פלעג איך אַוועקגעבן אַלע ייִנגלשע שטיפערייען און שפּילערייען פון שבת בייטאָג, און פלעג זיך זיצן שטיל אין אַ ווינקעלע אין מיידלשן חדר און זיך צוהערן די שיינע מעשיות, וואָס זיי לייענען, און פלעג מיך פילן איבער גליקלעך.

ווי לאַנג איך בין נאָך געווען נישט מער ווי אַ חומש־ייִנגל, האָבן מיר מיינע שוועסטער און זייערע חברטעס קיינמאָל קיין וואָרט נישט געזאָגט, אַז פאַר אַ ייִנגל איז כּלומרשט נישט שיין צו זיצן צווישן אַ גאַנצע קאָמפּאַניע מיידלעך און זיך צוהערן צו די מעשה־ביכלעך.

אדרבה, זיי זענען נאָך גערן געווען, וואָס איך פאַרטייטש זיי אַמאָל אַ לשון־קודש־וואָרט אין די ביכלעך, און איך געדענק אַלע מאָל מער פאַר זיי, ווי מען האַלט, און ביי וואָס פאַר אַ געשעעניש איז מען געבליבן שטיין פאַראַכטאָגן שבת, ווען עס איז געוואָרן שפּעט און מען האָט דאָס מעשה־ביכל פאַר איין מאָל נישט געקענט אויסלייענען.

געווען אפילו צווישן דיזאָזיקע מיידלעך אַזעלכע, וואָס האָבן מיך ליב געהאַט און פלעגן מיך צוטוליען אַ מאָל די, אַמאָל יענע צו זיך, און בעת מעשה ווענן אַרויסקריגן ביי מיר אַ וואָרט, אַז איך האָב זיי אויך ליב, ליבער ווי אַן אַנדער מיידל פון זיי.

אָבער דאָס אַלץ איז געווען איידער איך האָב אָנגעהייבן גמרא.

מיט דעם מאָמענט, ווען איך בין געוואָרן אַ גמרא־ייִנגל, האָב איך בשום אופן נישט געקענט פאַרשטיין וואָס דאָס איז אַזוינס געשען מיט מיר, צי מיט זיי.

ביי זיך בין איך, דאַכט זיך, דאָס אייגענע ייִנגל, וואָס פריער, אַ האָר נישט אַנדערש געוואָרן. זיי, ווידער, די מיידלעך, אויך די אייגענע: נישט שענער, נישט מיאוסער, נישט ליבער און נישט פרעמדער, ווי פריער, און פונדעסטוועגן טרייבן זיי מיך אַרויס פון חדר און לאָזן מיך נישט צוהערן, וואָס זיי לייענען דאָרט.

— ביזט שוין אַ גמרא־בחור, פע, שעמען מעגסטו דיך נאָך מיט אונדז צו זיצן אין איין חדר. און זיך צוהערן צו די מעשהלעך...

און ביי אונדז עגמת־נפש פלעגט מיר אַמאָל אַרויפקומען אויפן

געדאַנק, צי וואָלט נישט בעסער געווען, אַז ס'וואָלט גאָר קיין גמרא אויף דער וועלט נישט געווען, אָדער אַנשטאָט געבוירן צו ווערן אַ ייִנגל און מאַכן אַלע טאָג אַ ברכה „שלא עשני אשה", וואָלט איך בע- סער געבוירן ווערן אַ מיידל, און וואָלט מיר לייענען מעשה-ביכלעך גאַנצע טעג, און קיינער זאָל מיר אַ וואָרט נישט זאָגן?

אפילו די גוטע און קלוגע מאַמע מיינע, וואָס פלעגט, דאַכט זיך, נאָר וואָס זאָגן מוסר מיינע שוועסטער, פאַרוואָס זיי פאַרברענגען אַזאַ טאָג אַ יאָר — אַ גאַנצן שבת נאָך מיטאָג אין דידאַזיקע מעשה-ביכלעך, ווו עס ווערט געפּלוידערט, נישט געפּלויגן, נישט געשטויגן, און אַז זיי וואָלטן זיך בעסער גענומען צום טייטש-חומש און איבערלייענען די הייַנטיקע סדרה מיט דער הפטרה - אָט די פרומע מאַמע מיינע פלעגט גאָר פאַרגעסן אין אירע רייד און זיך נישט ווילנדיק פאַר-אינטערעסירן מיט דער מעשה, וואָס מען לייענט, און זי פלעגט אָפּ-זיצן גאַנצע שעהן מיט די מיידלעך און אויסהערן די מעשה ביזן סוף.

און מקנא בין איך געווען די מיידלעך, וואָס זיי ווייסן גאָר נישט פון אַ רבין, און פון אַ גמרא לערנען אין חדר און זיי מעגן לייענען אַזעלכע שיינע מעשיות, וואָס ס'איז זיי אַ מחיה צו הערן.

יאָ, איך בין וואָס ווייטער אַלץ מער און מער שטאַרקער געוואָרן אין דער דעה, אַז איידער געבוירן צו ווערן אַ ייִנגל און מאַכן אַלע אינדערפרי אַ ברכה „שלא עשני אשה" און גיין אין חדר און לער-נען גמרא, און נישט טאָרן הנאה האָבן פון קיין שום זאַך, איז טאַ-קע גלייכער געבוירן צו ווערן אַ מיידל מיט לאַנגע האָר און קורצן שכל, אָבער דערפאַר קען מען טאַקע לייענען די שענסטע מעשיות, און קיינער וועט דיר אַ וואָרט נישט זאָגן.

אָט די אַלע ספקות און מחשבות האָבן מיר אָבער גאָרנישט געהאָלפן.

מיטן אָנהייבן גמרא בין איך געוואָרן נישט נאָר אויס חומש-ייִנגל, נאָר בכלל אויס ייִנגל.

איך בין געוואָרן אַ ייִד מיט אַלע ייִדן צוגלייך, אַ מאַנסביל — מיט אַלע מאַנסביל צוגלייך, און אַלץ, וואָס עס איז נישט שיין פאַר אַ מאַנסביל, איז שוין געווען נישט שיין פאַר מיר.

און מיט אַלע אַלטע ייִדן צוגלייך האָב איך שוין געמוזט טראָגן דעם שווערן יאָך פון ייִדישקייט: גיין אין שול אַריין, דאַווענען דריי

מאָל אין טאָג, הערן אַ מגיד, זאָגן תהלים און טאַקע וואָס וויי־ניקער לאַכן און שטיפן.

טיילמאָל האָט אַ מגיד געזאָגט אַ הספד און איך האָב אים גע־מוזט הערן, כאָטש איך האָב לגמרי נישט פאַרשטאַנען וואָס ער באַ־קלאָגט דאָ.

און טאַקע ביי אַזאַ הספד איז געשען מיט מיר עפּעס אַזוינס, וואָס איז אפשר געווען דער ערשטער שטויס צו יענעם וועג, אויף וועלכן איך בין שפּעטער אַרויפגעגאַנגען.

ביי אונדז אין שול זענען, חוץ די צוויי זאַמד־קאַסטנס פאַר יום־כפּור־ליכט, געשטאַנען אונטער דער בימה, צו דער טיר צו, נאָך צוויי גרויסע פעסער, פול מיט אַלערליי צעריסענע ספרים און בלעטלעך, וועלכע מען רופט געוויינלעך „שמות".

היינט זענען שוין מסתמא פאַראַן אַזעלכע יונגעלייט, נישט דווקא קיין בורים און עם־הארצים, וואָס פאַרשטייען שוין נישט דעם טייטש פונם וואָרט „שמות".

צו יענער צייט אָבער האָבן עס געוווּסט אפילו קליינע חדר־ייִנג־לעך. אויך איך האָב געוווּסט צוליב וואָס מען קלויבט די „שמות" אין די פעסער.

מען האָט געשמועסט, אַז נאָר איין מאָל אין אַ יובל, ווען די פעסער אין שול ווערן שוין פול אַריבער און אַריבער, קומען אַלע פרומע באַלעבאַטעס פון שטאָט און יעדע ברענגט מיט זיך אַ כשרן ליימענעם טאָפּ פון איר קיך.

אין די טעפּ לייגט מען אַריין די „שמות" פון די פעסער, שטאָטישע בעלי־עגלות זענען מנדב זייערע פערד און וואָגן.

שטעלט מען די אַלע טעפּ מיט שמות אַרויף אויף די וועגנס און עס קומט דער רב מיט די דיינים, דער מוהל מיט די שוחטים, מיט די אַלע כלי־קודש און מען מאַכט אַ גרויסע לוויה.

אָבער דאָס איז נישט קיין לוויה מיט געשרייען און געוויינען פון אלמנות און יתומים, נישט קיין לוויה פון „צדק לפניו" און מיט „צדקה תציל ממות־פּושקעס, וואָס עס פאַלט איין די נשמה פון דעם.

ניין, דאָס איז אַ לוויה מיט געזאַנג פון דעם שטאָט־חזן מיט זיינע אַלע העלפער, און מיט מוזיק פון די שטאָטישע קלעזמער. און מען זינגט און מען שפּילט נאָך שענער, ווי ביי די רייכסטע חתן־כלה צו דער חופּה.

און אַז אַזוי פירט מען די הייליקע „שמות" אין זייערע כשרע ליימענע תכריכים צום בית-עולם און דאָרט איז מען זיי מקבר אין רעכטן אויבנאָן, ווו עס ליגן לויטער רבנים, צדיקים און גרויסע גבירים, מיוחסים...

נאָכדעם זאָגט מען קדיש און מען גייט פריילעך אַהיים.

ביינאַכט ווערט געמאַכט אַ גרויסע סעודה ביי דעם גבאי פון דער חברה תלמוד-תורה, און דער רב זאָגט אַ דרשה, און דער חזן מאַכט אַ „מי שברך" איטלעכן, וואָס שענקט זיין נדבה, צו קויפן נייע ספרים פאַר די, וואָס לערנען די הייליקע תורה.

און איינמאָל, ווען דער מגיד האָט געזאָגט אַ הספד נאָך אַ גרויסן באון, און איך האָב פון דעם הספד אַ וואָרט נישט פאַרשטאַנען, האָבן מיינע חברים זיך געגראָבן אין די זאַמדקאַסטנס אונטער דער בימה.

מאַנכע האָבן געזוכט פאַרוואַלגערטע שטיקלעך וואַקס פון די יום-כפור-ליכט, און אַנדערע. ווידער עפּעס אַזוינס, וואָס דער כוהל ברענגט עס אַהער אין אַ טעלער מיט זאַמד נאָך איטלעכן ברית...

איך האָב דערצו קיינמאָל קיין חשק נישט געהאַט, האָב איך מיר בעסער אַרויפגעקלעטערט, שטעלנדיק אַ פוס נאָך אַ פוס, אויף די רייפן פון איינעם פון דיביידע פעסער, מיט איין האַנט זיך אָנגעהאַלטן, איך זאָל נישט אַראָפּפאַלן, און מיט דער אַנדערער, אָנגעהייבן אַרויסצושלעפּן פאַרשטויבטע און פאַרשימלטע שמות, איינע נאָך די אַנדערע, ביז איך האָב אַרויסגעשלעפּט עפּעס אַ גאַנצן פלאַנטער מיט בלעטער.

און איך האָב שטאַרק חשק געהאַט אַריינצוקוקן אין דידאָזיקע שמות, האָב איך זיי צוגעטראָגן צום פענסטער, ווו עס איז נאָך ליכטיקלעך געווען, און האָב זיי צוגעטראָגן צו די אויגן.

איך האָב געזען, אַז דאָס איז עפּעס אַ מעשה-ביכל אויף עברי-טייטש, וואָס לייענט זיך אַזוי גרינג, אַ מחיה! מען פאַרשטייט אַליין יעדעס וואָרט גאָר אָן אַ פּירוש און מען דאַרף ביי קיינעם נישט פרעגן דעם טייטש...

כאָטש איך האָב שוין פריער זיך אָנגעהערט גענוג מעשה-ביכלעך, אַיין אָבער האָב איך ביז יענעם טאָג נאָך אפילו אַ בלעטל עברי-טייטש נישט געלייענט.

צו טייער זענען די דאָזיקע ביכלעך געווען ביי די, וואָס האָבן

זיי געקויפט אָדער געבאָרגט, מען זאָל זיי אַרויסלאָזן פון דער האַנט און איך האָב מיך באַנוגנט מיטן תענוג פון הערן, ווי מען לייענט זיי.

אינדערהיים האָב איך דערנאָך דעם שמות־פלאָנטער פאַנאַנדער־גענומען, אויסגעלייגט כסדר בלעטל נאָך בלעטל, און עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דאָס איז אַ גאַנץ בוך פון אַ פּאָר הונדערט בלעטלעך.

עס פעלן נאָר די טאָוולען מיטן שער־בלאַט.

אין אָנהייב האָב איך, „גמרא־בחור", זיך אַ ביסל צוגעשעמט מיט דעם מעשה־ביכל אויף עברי־טייטש, און האָב אַריינגעקוקט אין איר, ווען קיינער האָט עס נישט באַמערקט.

קוים אָבער בין איך אַזוי דורכגעקראָכן געגנבעטערהייט אַ צען, צוועלף זייטלעך, האָט מיך זיין אינהאַלט אַזוי פאַראינטערעסירט, אַז איך האָב אינגאַנצן פאַרגעסן אין דער בושה און אַפילו אין דער גאַנצער וועלט!

דערזען, ווי איך בין אַזוי אַריינגעטאָן מיט לייב און לעבן אין די פאַרוועלקטע בלעטלעך פונם מעשה־ביכל, האָט מיין מאַמע פאַר־בראָכן מיט די הענט און גענומען שרייען:

— נישט אַנדערש, ווי אַ כשוף איז אים אָפּגעטאָן געוואָרן!.. ער לאָזט דאָך נישט אַרויס דאָס ביכל פון די הענט! סטייטש, אַ גמרא־יינגל, ווו איז דאָס געהערט געוואָרן!...

אירע טענות האָבן אָבער דאָסמאָל נישט געהאָלפן. איך האָב דאָס ביכל שוין נישט אַרויסגעלאָזט פון די הענט.

איך געדענק, ווי איינמאָל, אין אַ פרימאָרגן, בעת איך בין גע־ווען שטאַרק אַריינגעטאָן אינם ביכעלע, האָט מען ביי אונדז אין שטעטל געפירט הענגען עפּעס אַן אַרעסטאַנט.

דאָס גאַנצע שטעטל, קינד און קייט, זענען נאָכגעלאָפן נאָכן שאַנדוואָגן ביז צום פּלאַץ, ווו די תליה איז געשטאַנען.

אין אַזאַ רגע האָב איך זיך דאָך פאַרגונען צו פאַרמאַכן דאָס ביכל, אַריינגעלייגט עס אין בוזעם און אַוועקגעלאָפן נאָכן וואָגן.

דאָרט, ביי דער תליה אָבער, זענען אָנגעגאַנגען זייער לאַנגע הכנות און ס'איז מיר געוואָרן לאַנגווייליק צו וואַרטן, האָב איך אַרויסגענומען פון בוזעם דאָס ביכל און דאָ אויפן אָרט, צווישן טויזנ־טער ציטריקע צאַפּלדיקע צושויער, ווייטער עס געלייענט.

און אַז איך האָב אויפגעהייבן די אויגן פון די שוואַרצע שורה־

לעך, איז שוין געווען נאָך אלעמצן: מען האָט שוין דעם אָרעסטאַנט אויפגעהאָנגען און די סאָלדאַטן מיט די מוזיקאַנטן האָבן שוין פאַרלאָזט די תליה. אַזויארום האָב איך פאַרזען די גאַנצע תליה־צערעמאָניעס.

שפּעטער האָבן מיינע חברים זיך באַרימט, אַז זיי האָבן אַלץ געזען... איך האָב אָבער געמוזט שווייגן, ווייל איך האָב גאָרנישט געזען...

און אָט האָב איך די מעשה געענדיקט. אָבער דער איינדרוק האָט מיך אַזוי צעחושט, אַז איך בין אַרומגעגאַנגען וואָכנלאַנג, ווי אַ צעדולטער.

ווי דאָס ביכל האָט געהייסן, האָב איך נישט געקענט וויסן. זי געזאָגט, האָט עס נישט געהאַט קיין שער־בלאַט און במילא אויך נישט קיין נאָמען... זיין אינהאַלט אָבער האָט זיך טיף איינגעקריצט אין מיין נשמה.

דערציילט האָט זיך אין אים, ווי איינער, אַ יינגל פון אַ יאָר פופצן, צי זעכצן, מיטן נאָמען אַלטער־לעב, איז געווען זייער אַ ציט־ריקער ביי זיין טאַטן און מאַמען, ווייל ער איז ביי זיי געבליבן איי־נער פון פיר.

אָבער דערדאָזיקער אַלטער לעב האָט זיינע עלטערן נישט ליב געהאַט, האָט נישט געוואָלט גיין אין חדר, האָט נישט געפאָלגט קיין עלטערן פון זיך, איז געווען זייער אַ צעלאָזענער, און אָט האָט ער גאָר איינמאָל זיך אַוועקגעלאָזט מיט אַ שיף איבערן גרויסן ים אין דער ווייטער וועלט אַריין.

די שיף איז אָבער אין אַ שטורעמווינט אונטערגעגאַנגען. אַלע מענטשן, וואָס האָבן זיך געפונען אין איר, זענען דערטרונקען געוואָרן, און אַלטער־לעב וואָלט מסתמא אויך געהאַט אַזאַ סוף, ווען נישט זיין פרומע מאַמע, וואָס האָט טאָג און נאכט געבעטן גאָט פאַרן לעבן פון איר נישט געהאָרכזאַמען זון.

דער בורא עולם האָט זיך צוגעהערט צו די תפילות פון אַל־טערס מוטער און דער ים האָט אים אויסגעשפּיִיט, אַ האַלב טויטן, אויף אַ ברעג.

אַלטער־לעב איז אַ גאַנצן מעת־לעת געלעגן אין חלשות אויפן ברעג.

נאָכדעם איז ער בעקומען צו זיך און האָט זיך אומגעקוקט. יאָ, פון ים איז ער בניצול געוואָרן, אָבער וואָס וועט ער דאָ טאָן אויפן

וויסטן ברעג, ווו מען זעט נישט קיין הויז, קיין מענטש, קיין סימן פון אַ ישוב.

עס איז געווען אַ וויסטער טויטער ברעג, אַן אומעטיקע יבשה, אַ טרויריקע אינזל. אַזוי ווערט דערציילט אין ביכל, און אַלטער-לעב האָט גאַנצע אַכצן יאָר פאַרבראַכט אויף דערדאָזיקער איינזאַמער אינזל.

ער האָט שוין שטאַרק חרטה געהאַט אויף זיין נישט פאָלגן טאַטע-מאַמע, האָט זיך געקלאַפּט אין האַרצן פון צער און אַנגסט און האָט זיך באַמיט צו פירן אַ פרום כשר יידיש לעבן...

גאָט האָט זיך דערבאַרעמט אויף אים.

עס איז פאַרביי געפאָרן אַ שיף פאַרביי דער אינזל און די שיף האָט אים אַרויפגענומען און בשלום געבראַכט אים אַהיים, ווו ער האָט געפונען טאַטע-מאַמע, און אַלע האָבן זיך מיט אים שטאַרק געפרייט. עס איז געווען אַ גדולה אין לשער, און דער סוף איז געווען זייער אַ גוטער: אַלטער-לעב האָט חתונה געהאַט, גענומען אַ גרויסן גבירס אַ טאָכטער, און לעבט מיט איר אין עושר און גדולה עד היום הזה.

שפּעטער אַ צייט, ווען איך האָב שוין געקענט אַליין לייענען אַ לשון-קודש-ספרל, האָב איך דיזעלבע געשיכטע ווידער געלייענט אין אַ העברעיש ביכעלע מיטן נאָמען „כור עוני".

דער מחבר פון „כור עוני" האָט זיך גאָרנישט געשעמט און האָט באַלד אויפן שער-בלאַט אויסגעזאָגט דעם סוד, אַז דאָס האָט ער איבערגעזעצט דעם באַרימטן בוך „ראָבינזאָן קרוזאָ.

ערשט דעמאָלט בין איך געוואָר געוואָרן, אַז יענס טייער ביכל, וואָס איך האָב אַמאָל געפונען אין פאַס צווישן שמות, איז נישט מער ווי אַ געמיינע פעלשונג פון ראָבינזאָן קרוזאָ און די זאַך האָט מיר שטאַרק פאַרדראָסן.

ערשטנס, האָט דער מחבר גענומען דעם ראָבינזאָן קרוזאָ, אַ געבוירענעם גאָסן-גוי, נישט געפרעגט הייט אים מגייר געווען, אַ נאָמען געגעבן אים „אַלטער-לעב", געהייסן אים דאַווענען דריי מאָל אַ טאָג, שחרית, מנחה און מעריב, בענטשן ראש חדש, זאָגן יעלה-ויבוא, אָנצינדן חנוכה-ליכטלעך, שלאָגן הושענות און דאַסגלייכן, און אַלטער-לעב, האָט אים, דעם מחבר פון מעשה-ביכל, אַלץ געפאָלגט. נאָר איין זאַך האָט ער נישט געקענט פועלן ביי אַלטערן: ער זאָל גיין אין שול הערן די מגילה לייענען.

אויף דער טויטער אינזל איז קיין שול נישט געווען.

אַלטער־לעב האָט אַפילו געפּרוּווט אויסלערנען זיין פּאַפּוגאַי אַ פּאָר ווערטער פון דער מגילה: „ויהי בימי אחשורש״ און „אָרור המן, ברוך מרדכי״. ער האָט אָבער געוווּסט, אַז מיט הערן די מגילה פון אַזאַ מין בעל־קורא קען מען נישט יוצא זיין, און ער האָט דערפון געהאַט גרויס עגמת־נפש.

נו, און, חוצדעם, האָט יענער מחבר פון יענעם אַלטער־לעב, גלאַט אָנדערציילט אַ סך ליגנס, וואָס אין דעם אמתן ראָבינזאָן קרוזאָ איז דערפון אַפילו קיין זכר נישט געווען.

נאָר פון די אַלע חסרונות אין מיין ביכל בין איך ערשט אַ צייט שפּעטער געוואָר געוואָרן.

צו יענער צייט, ווען איך האָב עס געלייענט, האָב איך אַלץ געגלויבט, אַלץ כמעט מיט מיינע אייגענע אויגן געזען, און מיט אַל־טער־לעבן אַלץ מיטגעפילט, ווי איך וואָלט אים נאָכגעגאַנגען טריט ביי טריט.

אַלטער־לעב איז מיר אַ רגע פון זינען נישט אַרויס, און עס האָט זיך מיר פאַרגלוסט אַליין צו ווערן אַזאַ מין אַלטער־לעב...

און איך געדענק, ווי איך פלעג דעמאָלט מאַכן קליינע רעפּע־טיציעס דערצו.

אַזוי, אַ שטייגער, פלעג איך זיך אַוועקלאָזן איינער אַליין אוי־סער דער שטאָט, אַריינבלאָנדזשען אין וואַלד, זיך פאַרקלייבן ערגעץ אונטער אַ בוים און צוטראַכטן בעת מעשה עפּעס אַ פּלאַן, ווי אַזוי אויסצובויען דאָ אַרום מיר אַזאַ מיןביידל, אַזוי ווי אַלטער־לעב האָט עס געטאָן אויף זיין אינזל.

אמת, איך בין שוין דעמאָלט גאָרנישט געווען אַזוי נאַריש צו גלויבן, אַז איך וועל טאַקע אַזויאַרום ווערן אַ מין אַלטער־לעב, ווי אין ביכל. אָבער עס האָט זיך מיר געוואָלט כאָטש אויף איין שעה צייט זיין אין אַזאַ לאַגע, ווי אַלטער־לעב אויף דער אינזל, און דאָס האָט מיר אויך נישט געלונגען...

צו סוף אין וואַלד אַריין האָב איך מורא געהאַט אַריינצובלאָנ־דזשען, און דאָ, ביים ברעג, האָב איך נאָך געקענט זען די פליגלען פון דער ווינטמיל, וואָס איז געשטאַנען אין עק שטאָט, און אפילו אַ שפּיץ פונעם הויכן קלויסטער.

דעריבער האָט דידאַזיקע פּראָבע מיך נישט באַפרידיקט, און דער איינדרוק פון אַלטער-לעב האָט מיך אַלץ נישט געלאָזט צורו.

איך וואָלט אפשר משוגע געוואָרן, ווען עס פאַלט מיר נישט איין אַ גליקליכער געדאַנק: אַנשטאָט אַליין צו ווערן אַן אַלטער-לעב, וואָס דאָס לאָזט זיך בשום אופן נישט רעאַליזירן, זאָל איך בעסער אויפשרייבן אַ נייעם פרישן אַלטער-לעב... און פאַרוואָס עפּעס דווקא אַלטער לעב, ער קען דאָך הייסן זעליג, בערל, אָדער שמערל?

אָבער צו וואָס אַזאַ מיאוסער נאָמען? איך קען דאָך אויסקלייבן אַ שענערן נאָמען. זאָל ער הייסן יוסף, און טאַקע יוסף, און שיין זאָל ער זיין, ווי יוסף, און מיט אים האָט עס פּאַסירט אַזאַ מעשה, און אפשר טאַקע נאָך אַ שענערע, ווי עס האָט פּאַסירט מיט דעם אַלטער-לעב פונם מעשה-ביכל.

דערדאָזיקער פּלאַן איז מיר זייער געפעלן געוואָרן, און ווען איך האָב באַקומען אַ קאָפּיקע אייגנס, האָב איך גלייך געקויפט אַ בויגן פּאַפּיר און זיך גענומען צום שרייבן...

איך האָב געשריבן מיט גרויס חשק, כמעט מיט נישט ווייניקער חשק און התפעלות, ווי איך האָב געלייענט דאָס ביכל.

און לאַנג, חדשים-לאַנג האָב איך געשריבן, נישט פאַרגעסן קיינמאָל ביי וואָס איך האַלט און וואָס איך וויל ווייטער דערציילן.

צולעצט איז דער נייער אַלטער-לעב, אָדער יוספל-לעב פאַרטיק געוואָרן, און ערשט איצט האָט מיין אויפגעגרעגט געמיט פון יענעם מעשה-ביכל זיך באַרויקט.

איך געדענק שוין איצט נישט גענוי דעם זאַץ און דעם איינהאַלט פון מיין יענעם חבורל, אָבער ווען עמעץ ברענגט עס מיר היינט מיט מיין דעמאָלטיקן כתב, וואָס איך וואָלט, נאַטירלעך, באַלד דערקענט, וואָלט ביי מיר קיין שום פּרייז נישט צו טייער געווען...

מיינער אַ שוואָגער, וואָס מען האָט איבער צו יענער צייט געהאַלטן פאַר אַ גאָר גרויסן בעל-מדקדק און געוואַלדיקן מליצה-קענער, האָט יענעם כתב-יד ביי מיר צוגענומען, אים פאַרגעלייענט פאַר פרײנט און באַקאַנטע, און נישט איין קניפּ אין בעקעלע און נישט איין קוש אין קעפּעלע האָב איך פון זיי באַקומען פאַר מיין קענען אויפשרייבן אַזאַ שיינע מעשה, וואָס איז ווערט געדרוקט צו ווערן, ווי זיי האָבן דעמאָלט געזאָגט, ערנסט, צי אין שפּאַס, ווייס איך נישט.

כמעט גאָר אַ קינד בין איך דעמאָלט פאַרוואָגלט געוואָרן פון דערהיים און דער כתב-יד איז געבליבן בײַ מײַן שוואָגער.

בײַ אים איז ער אָבער פאַרלוירן געגאַנגען, און אויב די שמי־רערײַ פון אַ קינד מעג מען אַמאָל אָנרופן ווערק, וואָלט איך מיר דערלויבט אָנצורופן יענס חיבורל מײַנס — מײַן ערשט ווערק...

שלום יעקב אבראמאוויטש און מענדעלע מוכר־ספרים.

שלום יעקב אַבראַמאָוויטש און מענדעלע־מוכר ספרים, האָב איך א צייט נאָכאַנאַנד אַלץ געמיינט — זענען זיך צוויי גאָר באַזונדערע יידן, וואָס האָבן איינער צום אַנדערן קיין שום שייכות נישט, און קאָנען זיך איינאַנדער אפשר גאָרנישט.

שלום יעקב אַבראַמאָוויטש, האָב איך מיר פאָרגעשטעלט מוז זיין א ייד אין מיטעלע יאָרן, א גרויסער למדן און א גרויסער קענער, שרייבט לשון־הקודש אַפילו נישט מיט ריין ישעיה־לשון, ווי מאַפו אָדער קלמן שולמאַן, אָבער וואָס ער שרייבט, לייענט זיך גרינג און באַטעמט. איז אַמאָל וויציק און בייסיק און רעדט מיט העזה אָפט קעגן באַרימטע שרייבער, עלטערע פאַר אים, אָבער אַלעמאָל קלוג און גערעכט. ווייסן ווייסט ער א סך, און וואָס ער ווייסט, שרייבט ער.

פאַר אים האָב איך רעספּעקט געהאַט. פאַר באַקאַנט צו ווערן מיט אים דורך א בריוועלע אַמאָל, האָט זיך מיר געדאַכט, איז ער צו שטאָלץ. אַנדערש האָב איך מיר פאָרגעשטעלט ר׳ מענדעלען. ר׳ מענדעלע מוכר־ספרים, האָב איך מיר אויסגעמאָלט, איז שוין געוויס אַן עלטערער ייד, א זעכציקער, ביז הונדערט און צוואָנציק יאָר, א הויכער, אַ דאַרער, מיט טיפע קנייטשן אויף זיין שטערן, מיט אַ פּאָר קלוגע און גוטע אויגן, וועלכע קוקן תמיד מיט ליבשאַפט און רחמנות אויף איטלעכן. צייטנווייז זענען די דאָזיקע קלוגע און גוטע אויגן פאַבענקט און פאַרחלומט און קוקן אַרויס ווייט־ווייט אַהין, פונוואַנען ער מיינט אָדער האָפט, אַז ס׳דאַרף אים אָנקומען א גרוס, ערגעץ פון וועמען עס איז אים אין האַרצן ליב און טייער, אָדער אַ בשורה טובה אויף י שועות און נחמות אויף כלל־ישראל. ר׳ מענדעלען האָב איך

קיינמאָל נישט באַגעגנט זיך אַמפּערנדיק, איבערשפּאַרנדיק עמעצן, נאָר שטיל און רויק רעדט ער, און שטענדיק מיט אַ חנוודיקן זיסן שמייכל אויף די ליפּן. ער האָט זיך אין דער וועלט און ביי יידן אַ סך, אַ סך אָנגעזען און אָנגעהערט, — דערציילט ער, מערסטנטייל מיט אַ זיפץ און אָנמוטיקן טאָן, אָן אַנדערש מאָל אויך מיט אַ לצנותדיקן און כּלומרשט-לוסטיקן טאָן.

ר׳ מענדעלע אַליין, האָט זיך מיר געדאַכט, איז אפילו גאָר קיין שרייבער נישט. דאָס, וואָס איך האָב געלייענט פון זיינע מעשהלעך, האָט ער נאָר דערציילט, אויפגעשריבן האָט עמעץ אַן אַנדערער.

אים האָב איך ליב געהאַט מיט מיין גאַנצער נשמה. מיט אים זיך אַמאָל צו באַגעגענען און צו קענען אים אַרויסזאָגן, ווי ליב איך האָב אים, נישט נאָר פאַר דעם, וואָס ער דערציילט, נאָר אויך פאַר דעם, וואָס ער איז ר׳ מענדעלע מוכר-ספרים, — איז געווען איינס פון די הייסעסטע ווונטשן, וואָס איך האָב דעמאָלט מיר פאַרגינט צו ווינטשן זיך.

איך געדענק, ווי איינמאָל איז אַריינגעקומען אין בית-המדרש, ווו איך האָב געדאַוונט, אַ ייד אַ מוכר- ספרים, און האָט זיין בינטל סחורה אויפן לאַנגן אָנגעהלבדיקן בית-המדרש-טיש צעלייגט. אַ הויכער ביינ-קער ייד איז דאָס געווען, מיט אַזאַ גרוי בערדל, מיט אַזאַ אַ ביסל-געבויגענעם רוקן, און כּמעט אויך מיט דער אייגענער פיזיאָגנאָמיע, ווי מיין פאַנטאַזיע האָט אים נאָר געקענט אויסמאָלן. פון וויטן, פונ-וואַנען איך האָב מיך צוגעקוקט אויף אים, האָב איך שוין געמיינט: אָט איז ער! אָט איז דער קלוגער, ליבער און טייערער ר׳ מענדעלע. איך בין שוין גרייט געווען צוצולויפן צו אים מיטן גרייטן שלום-עליכם: „ר׳ מענדעלע! וואָס מאַכט איר? פונוואַנען קומט איר? ווו שטייט איר איין, מען זאָל קענען פאַרברענגען מיט אייך עטלעכע שעה און אויסהערן עפּעס אַ נייע מעשהלע, וואָס איז נאָך נישט אָפּגעדרוקט? און טאָמער ווילט איר, וועל איך טאַקע דאָס מעשהלע באַלד פון איי-ער מויל אַרויס, אויפשרייבן“. נאָר אַזוי ווי איך בין געשטאַנען ביים פענסטער צום בית-המדרש הויף אַרויס, האָט זיך מיר געחאָלט אין איין גאַנג טאַקע שוין אַ קוק טאָן דורכן פענסטער אויף זיין ביידל, ר׳ מענדעלעס, אויף זיין פערדל, דעם גרויסן סבלן און גרויסן עניו, וואָס כּאָטש עס האָרעוועט, נעבעך, אַזויפיל און ווערט געגווג פאַרשוואַרצט און אויסגעריסן, אַרומשלעפּנדיק דאָס שווער-אָנגעפּאַקטע

ביידל מיט יידישע ספרים און יידישע צרות, מעגן אים פונדעסטוועגן אנדערע, לייטישע פערד אפילו, מקנא זיין, וואס ער האט אזא קלוגן באלעבאס, וועלכער פארשטייט אים אויפן ווונק, און פילט מיט זיין צער, און געפינט תמיד א ליבלעך, טריי ווארט אים צו טרייסטן אין זיין שווערן מזל...

נאר ווי זיין שטייגער איז, זענען די בית-המדרש-פענסטער שוין א צייט מיט יארן נישט געוואשן געווען, און דורך דעם שטויב און דעם רויך, וואס האט זיך פאר דער צייט אנגעקליבן, איז אוממעגלעך געווען ארויסצוזען, וואס הינטער זיי טוט זיך... און איך האב נישט געקענט זען, צי זענען דא פאראן דאס ביידל מיטן פערדל, צי נישט.

מילא, האב איך א קלער געטאן, לאמיך מיך אקארשט פריער באקענען מיט ר׳ מענדעלען אליין, וועל איך שוין מסתמא באלד באקאנטשאפט שליסן אויך מיט ר׳ מענדעלעס ביידל, און דער עיקר — מיט ר׳ מענדעלעס פערדל, מיט וועלכן איך וועל שפעטער זיך אויפרעדן אויף ר׳ מענדעלעס לשון מיט אים. און אט נעם איך און שטרעק שוין מיין רעכטע האנט אים, — ר׳ מענדעלען, נישט דעם פערדל, — מיין פריינטלעכן שלום-עליכם צו דערלאנגען, צעבייזערט זיך גראד אין דער רגע דער בית-המדרש-שמש מיט א טענה, פארוואס האט ער זיך מיט זיין בינטל ספרים אזוי ברייט צעלייגט איבערן גאנצן טיש און ביי אים גארנישט געפרעגט. ווערט דער פאקנטרעגער אנגעצונדן פון כעס אויפן שמש, רעדט ארויס קעגן אים א פאר זלזולים. דאכט זיך, גאנץ געוויינלעכע זלזולים, וואס מען הערט אלע טאג אפילו אין א מקום-קדוש, פון יידן אנגעטוענע אין טלית און תפילין אויך אין רעכטן מיטן דאווענען. נאר אויף מיר האבן זיי בעת-מעשה נישט קיין גוטן רושם געמאכט, און פון דארט, אינעווייניק, אין דער נשמה מיינער, האט צו מיר ווי א קול ארויסגעשריגן: „ניין, דאס איז נישט ער! דאס איז נישט ר׳ מענדעלע, נישט זיין קול, נישט זיינע ווערטער, נישט אפילו דער שאטן זיינער!" און נאכאמאל א קוק טאן אויף יענעם מוכר-ספרים האב איך שוין נישט געוואלט. איך האב מיך פאר זיך אליין פארשעמט פאר אזא מיאוסן טעות, צו דערזען א רגע מיין ליבן קלוגן ר׳ מענדעלע אין אזא פשוטן יידן, וואס האט אזא קול מיט אזא מין דבור.

עס פארשטייט זיך, אז מיינען אזוי, אז שלום יעקב אבראמאוויטש איז נישט מענדעלע מוכר-ספרים, און מענדעלע מוכר-ספרים

איז נישט שלום יעקב אַבראַמאָוויטש, האָב איך נאָר געקענט אין יענע יאָרן, ווען דער אייגענער ר׳ מענדעלע איז נאָך קיינעם קיין זיידע נישט געווען, און ווען זיינע געציילטע לעזער, וואָס האָבן אים שוין אויך דעמאָלט דערפילט, כאָטש נאָך נישט גערעכנט און זיך רעכענען פאַר אַזעלכע נאָך אפשר גאָרנישט געוואָלט.

עס זענען איבערהויפּט דעמאָלט יאָרן געווען, וואָס מיט שלום יעקב אַבראַמאָוויטש האָט מען זיך מיחס געווען, און מיט מענדעלע מוכר־ספרים האָבן זיך נאָך די מיוחסים פון דער אַלטער גאָלדענער פּאָן צוגעשעמט, ווי מיט עפּעס אַ נחות־דרגא אין דער משפחה. איך בין נאָך דעמאָלט אַ יונג ייִנגל געווען, אַ שטיקל משכיל, אַן אָנפּאַנגער, וואָס האָט זיך שוין אפילו געריבן אַרום די מיוחסים פון דער אַלטער גאָלדענער פּאָן, אָבער וואָס האָט בשום אופן ר׳ מענדעלען נישט געוואָלט באַטראַכטן פאַר עפּעס אַ נחות־דרגא, חלילה, אין מיין יחוס. אַדרבה, ווען ר׳ מענדעלע זאָל נאָר אַמאָל אַ קום טאָן צו אונדז און איך זאָל זיין דער גבאי אין מיין בית־המדרש, וואָלט איך אים דעם ערשטן מכבד געווען מיט „שלישי״, אָדער מיט „ששי״, ווי דעם גרעסטן מיוחס, גאָרנישט קוקנדיק, וואָס ער איז אַ ייִד נישט קיין נגיד, פּאַרט מיט זיין אייגן ביידל אויף אַלע ירידים, יידן צו באַזאָרגן מיט קינות און תחנות, אַ לאַנג אָפּגעפּרעגטע פאַרשימלטע סחורה ביי די דעמאָלטיקע מיוחסים, און איז נאָך אָפּט אַליין אי אַ שטיקל בעל־עגלה, אי אַ שטיקל שמייסער פאַר זיין אייגענעם פערדל.

אַזוי האָב איך אַ צייט אַלץ געמיינט און זיך געטראַכט, און האָב גאָר אַנדערש מיינען און טראַכטן נישט געוואָלט. האָט מען מיר אַמאָל שפּעטער אַ זאָג געטאָן, אַז עס איז פאַראַן אַ יש־אומרים, אַז ר׳ מענדעלע מוכר־ספרים איז דער באַרימטער שרייבער שלום יעקב אַבראַמאָוויטש, הוא, הוא בכבודו ובעצמו, הוא ולא אחר. האָב איך עס געהאַ׳ט פאַר גלאַט אַזוי אַ בויך־סברא, ווי אַ שטייגער: דער פּייטן ר׳ אלעזר הקליר איז דער אייגענער ר׳ אלעזר בן ערך פון דער גמ־א, וואָס די דעמאָלטיקע לשון־הקודש־שרייבער האָבן עס פון אַזעלכע בויך־סברות געמאַכט זיך אַרויסצודרינגען און אויפצוווייזן.

דערוווסט זיך אַקוראַט, אַז ביידע, — סיי שלום יעקב אַבראַמאָוויטש, סיי ר׳ מענדעלע מוכר־ספרים — זענען באמת איין און דערזעלבער ייִד, און אַז דאָס איז נישט קיין אויסגעטראַכטער שם אויף דעם ערשטן, ווי נישט אַ צו גרויסער יחוס פאַרן צווייטן, האָב איך

ערשט אין מאָסקווע, אין דעמזעלבן טאָג און אין דערזעלבער שעה, ווען איך האָב שוין אַליין זוכה געווען מיט מיינע אייגענע אויגן צו דערזען מיין ערשט ווערק, אין דער געשטאַלט פון אַ גאַנצן ספר, היפּש דיקלעך אַפילו, כאָטש אויף אַ טונקל ביבעלע-פּאַפּיר, אָבער פאָרט מיט געדרוקטע אותיות, שוואַרץ אויף ווייס, בדפוס האלמנה והאחים ראָם בווילנא.

איך האָב שוין צו יענער צייט געדינט אין מאָסקווע אין אַ קאַנטאָר פון אַ באַוווּסטער טיי-פירמע, צו יענער צייט, ביי מיינעם עפּעס אַ קרוב. אַז איך האָב עפּעס אַ שייכות צו השכלה און שרייבעריי, האָט דאָרט אַ יליד-אשה וועגן מיר נישט געוווּסט, און איך האָב טאַקע אַליין אַלץ געטאָן, אַז מען זאָל עס נישט וויסן. די סיבה דערפון איז דאָ נישט דער פּלאַץ צו דערציילן. אפשר וועל איך נאָך אַמאָל דאָס דערציילן ביי אַן אַנדער געלעגנהייט, — נאָר כאָטש קיינער פון מיינע מקורבים און באַקאַנטע אין מאָסקווע האָבן וועגן דעם נישט געוווּסט, האָב איך אַליין נישט געקענט נישט וויסן, אַז דאָרט, אין ווילנע, טאַקע אין דער באַרימטער דרוקעריי פון האלמנה והאחים ראָם, וואַלגערן זיך אַ פּאָר פון מיינע „כתב-ידן" און אפשר דרוקט זיך שוין איינער פון זיי און וועט אינגיכן אויף דער ווייסער וועלט אַרויס. און וואָס מער איך האָב געטראַכט דערפון, אַלץ מער האָט זיך מיר געוואָלט, אַז קיינער פון מיינע נאָענטע זאָלן דערפון נישט געוואָר ווערן. ביז איינמאָל, אין עפּעס אַ חנוכה-אָוונט, בין איך אַריינגעקומען צו מיינעם אַ באַקאַנטן פון אַ פיינער פאַמיליע. נאָר אַנשטאָט צו געפינען דעם עולם אַרום טיש ביי די חנוכה-לאַטקעס, צו וואָס מען האָט מיך איינגעלאַדן, אָדער אַנשטאָט צו טרעפן די עלטערע ביי די גרינע טישלעך מיט קריידלעך אין די הענט, ווי דער שטייגער איז ביי אַ פיינער מאָסקווער פאַמיליע אַפילו נישט אום חנוכה, און די יוגנט, סטודענטן און קורסיסטקעס, ביי אַ געשפּרעך, אָדער אַלערליי מיינונגען אַרויסזאָגן וועגן טאָלסטאָיס נייעם ראָמאַן „אַנאַ קאַרענינאַ", וועלכער האָט זיך אין יענעם יאָר געדרוקט אין פאָרזעצונגען, דאַכט זיך, אין זשורנאַל „רוסקי וויעסטניק", — האָב איך איצט דעם עולם, יונג און אַלט, געזען זיצן ביים טיש אין גרויסן עס-צימער און עפּעס איינער אַ גאַסט לייענט פאָר אַ ספור המעשה פון אַ יידישן ספר, אויף פּראָסט עברי-טייטש, און אַזוי אַריינגעטאָן זענען אַלע צוהערער, אַז זיי האָבן מיך כמעט נישט באַמערקט אין אָנהייב, און אַז מען האָט

מיך שוין יאָ באמערקט, האָט מען מיך געבעטן פּלאַץ-נעמען ביים טיש און זיך אויך צוהערן, וואָס מען לייענט דאָ פּאָר, ווייל עס איז זייער אינטערעסאַנט, און מען קען זיך פּשוט אינמיטן נישט אָפּרייסן פון צו הערן.

איך האָב געמיינט, אַז דאָס לייענט מען מסתמא ר׳ מענדעלעס „קליאַטשע“, וועגן וועלכער איך האָב שוין פון מבינים און „יודע-חן“ גבורות זיך געהערט אָנדערציילנדיק, אָבער אַליין געלייענט זי האָב נאָך אין יענער צייט נישט. איך האָב ביים טיש צווישן אַנדערע פּלאַץ גענומען, אָבער אַנשטאָט עפּעס פון ר׳ מענדעלעס „קליאַטשע“ צו הערן, דערהער איך עפּעס באַקאַנטעס. איך וואָלט שווערן, איך הער זיך אַליין...

דאָס הארץ הייבט אָן צו צאַפּלען אין מיר, איך שפּיר, איך ווער רויט און בלאַס. איך דאַנק נאָר גאָט, וואָס אַלעמענס נאָז און אויערן זענען געווענדט צום פאָרלעזער און קיינער באַמערקט נישט, וואָס מיט מיר און אין מיר גייט דאָ פּאָר. ווי אויף הייסע קוילן בין איך נאָך ביי אַ האַלבע שעה געזעסן ביים טיש, מיט אַלע כּוחות פּרומרשט ווי פּאַראינטערעסירט מיט דעם לעזן זיך צו ווייזן, כאָטש מיך האָט פון איבערראַשונג און אויפרעגונג ווי פון אַ פּיבער געטרייסלט, ביז גאָט האָט געהאָלפן, דער לעזער איז צו ענדע פון אַ קאַפּיטל צוגעקומען, און דער עולם האָט אַ ביסל פרייער אָפּגעאָטעמט. דעמאָלט ערשט האָט די ווירטין מיין אויפרעגונג באַמערקט, און מיך געפרעגט, וואָס איך בין אזוי בלאַס, צי האָב איך מיך צוגעקילט?

איך האָב אין איר פראַגע זיך אָנגעכאַפּט, ווי איינער, וואָס טרינקט זיך, כאַפּט זיך אָן אין אַ שטרוי, וואָס שווימט אים צופעליק צו. איך האָב באַלד געענטפערט, אַז איך פיל מיך טאַקע זייער נישט גוט, און האָב איר אַנטשולדיקונג געבעטן, אויב איך וועל זיך דערלויבן אָפּשייד צו נעמען און אַהיימגיין.

מען האָט מיר פאַרשידענע מיטלען געראַטן, וואָס איך האָב באַלד צו טאָן, וואָס צו טרינקען, מיט וואָס זיך איינצורייבן און ווי צו שוויצן. און געשוויצט האָב איך שוין דערנאָך פון פרייד אַליין, וואָס איך בין פריי געוואָרן פון דער געפאַר אַנטדעקט צו ווערן, אַז איך אַליין בין דער שולדיקער, וואָס מען האָט מיך היינט אַזוי קאַלט און טרוקן אויפגענומען אין דערדאָזיקער פאַמיליע.

אָבער דאָס, וואָס איך האָב געקענט דאַסמאָל מיין סוד באַ-

האַלטן פון יענער פאַמיליע און פון נאָך אַזעלכע פאַמיליעס, האָב איך דאָך פון זיך אַליין באַהאַלטן נישט געקענט. עס האָט זיך ליידנשאַפט־לעך מיר געוואָלט זיין צוזאַמען מיט מיין נוערק, ווען קיין זייטיקער מענטש וועט דערביי נישט זיין. און איינער אויף איינעם זיך דורכ־שמועסן, ווי וויט בין איך צעפרידן פון אים, און ווי וויט קענען ווירקלעך זיינע לעזער צעפרידן זיין פון מיר. נאָר ווי מאַכט מען אַזאַ צוזאַמענקומען זיך, אַז קיין זייטיקער זאָל דאָס נישט באַמערקן און צו עפּעס אַ חשד קומען? בעטן לייענען דאָס ווערק ביי די, וואָס האָבן עס שוין דורכגעלייענט און מיט התפעלות מיר דערציילט, וויפל הייסע טרערן זיי האָבן דערביי פאַרגאָסן. האָב איך פשוט מורא געהאַט, מען זאָל נישט באַמערקן, ווי פאַראינטערעסירט איך בין דערמיט, און דאָס קען זיי ברענגען אפשר צום חשד, אַז דער מחבר דיגעזאָן, וואָס שטייט געדרוקט אויפן ערשטן בלעטל, איז נישט אַ וויטער קרוב מיי־נער, ווייל איך קען נישט אַפילו, נאָר איך בין דער מחבר. שרייבן אין ווילנע צו די דרוקער, זיי זאָלן מיר צושיקן כאָטש איין עקזעמ־פּלאַר פּאָסט רעסטאַנט קיין מאָסקווע, האָב איך שוין אַפילו געפּרוווט, נאָר זיי האָבן, אפנים, צייט געהאַט, און זיך נישט צוגעאיילט מיין בקשה צו דערפילן מיט דער אומגייענדיקער פּאָסט, ווי איך האָב גע־בעטן. וואָס איז די איילעניש אַזוי גרויס, מאָסקווע ברענט? האָבן זיי זיך אַוודאי אויסגעלאַכט פון מיין בריוו מיטן פאַרלאַנג: „זאָפאָרט מיט דער אומגייענדער פּאָסט כאָטש איין עקזעמפּלאַר מיר צושיקן."

און אַזוי האָט מען שוין אין פאַרלויף פון אַ פּאָר וואָכן כמעט אין יעדן יידישן הויז אין מאָסקווע מיין ראָמאַן געהאַט געלעזן. און איך אַליין האָב נאָך די זכיה נישט געהאַט מיט אים אַליין זיך צו טרעפן, ווען קיין זייטיקער זאָל דערביי נישט זיין. ביז איך האָב זיך דערוווּסט, אַז אויף זאַראַדיע, אין גלעבאָווסקע פּאָדוואָריע וווינט אַ ייד, וואָס מען רופט אים לידסקי, אַ מוכר־ספרים — טאַקע דער פּאָטער פון דעם וואַרשעווער לידסקי, — דער געגנוואַרטיקער אַרויסגעבער פון ר' מענדעלע מוכר־ספרימס ווערק, — וואָס ביי אים באַקומט מען פון כל טוב: ציצית, תפילין, מזוזות, סידורים, מחזורים, טליתים און אַפילו אַלערליי מעשה־ביכלעך אויך. און אין אַ שיינעם פרימאָרגן פון עפּעס אַ רוסישן יום־טוב, ווען מיין קאַנטאָר איז געווען צו, האָב איך מיך אַראָפּגעלאָזט אויף זאַראַדיע גלייך צו דעמדאָזיקן לידסקין.

אַ גוטע צען מינוטן האָב איך אַרומגעבלאָנדזשעט אין אַ פינסטערן

פאָדערהויז, טאַפּנדיק מיט די הענט, טאָמער וועל איך ערגעץ ערטאַפּן אַ טיר, וואָס זאָל מיך אַריינלאָזן אין דעם גרויסן פּאַלאַץ, ווו דער־דאָזיקער לידסקי וווינט און האָט ביי זיך דאָס, וואָס מיין הארץ גלוסט און בענקט — ביז איך האָב ענדלעך פאָרט דערטאַפּט אַ טיר און האָב אַ פרעג געטאָן אויף רוסיש, פאַרשטייט זיך, צי דאָ וווינט דער ה׳ לידסקי?

מען האָט מיר געענטפערט, אַז לידסקי וווינט אין נומער 134 און דאָ איז דער נומער 142. על כן ברויך איך גיין אַ ביסל צוריק.

— אָבער שטייט נישט אין דער אָפענער טיר! — טוט צו מיר אַ זאָג אַן עכטע מאָסקוויטערין אויף עכט־שקלאָווער רוסיש. — דאָ איז מאָסקווע, נישט שקלאָוו און נישט וואַרשע. די פרעסט זענען דרייסיק־גראַדיקע און האָלץ איז דאָ טייערער, ווי ביי אייך דאָרט לעקעך!

— אָבער ווי קען מען פאָרט דערטאַפּן דעם נומער 134, ווו דער לידסקי וווינט, אַז דאָ איז אַזוי פינסטער? — פרווו איך נאָך אַזוי אַ זאָג טאָן, טאָמער וועט מען פאָרט אַזוי פריינטלעך זיין, מיך וועלן צו־פירן צו ה׳ לידסקיס נומער.

— הייב זיך אָן מיט אַ פּראָווינציאַל! — בייזערט זיך שוין די יידענע. — אַ מאָסקווער האָט שכל מיטצונעמען אַ שוועבעלע אין קע־שענע. אַז ס׳איז פינסטער, גיט ער זיך אַן עצה, רייבט אָן אַ שוועבעלע און מאַכט זיך ליכטיק און האָט צו קיינעם קיין טענות נישט.

איך האָב נאָך דעמאָלט קיין פּאַפּיראָסן נישט גערויכערט און האָב קיין נויט נישט געהאַט צו טראָגן שוועבעלעך מיט זיך, אָבער דער יידענעס ווערטער האָבן מיר די פּראַקטיקע געלערנט, ווי נייטיק עס קען אַ שוועבעלע זיין אפילו יעדן מחבר, ווען ער גייט זוכן זיין חבור, כאָטש ער רויכערט נישט. אין יענעם מאָמענט האָב איך זיך ווי אַ נדר געטאָן — נישט אַרויסגיין פון שטוב אָן אַ פּעקל שוועבעלעך אין קעשענע. דערווייל אום גיכער פּטור צו ווערן פון מיר, האָט די יידענע מיר דערלאַנגט אַ פידעלע מיט עטלעכע שוועבעלעך. איך האָב איר אָנטשולדיקונג געבעטן, פאַר גאַסט־פריינטלעכקייט הייס באַדאַנקט, אַ שוועבעלע אַרויסגענומען און באַלד געטראָפן לידסקיס טיר.

דעם אַלטן לידסקי האָב איך געטראָפן אין טלית און תפילין. ער האָט געדאַווענט און, אַפּנים, ביי די רעכטע געדיכטע געהאַלטן, וואָרים אויף מיין גוט מאָרגן, האָט ער נאָר אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, און אָנשטאָט מיך צו פרעגן, װעמען און װאָס ברויך איך, האָט ער

אָנגעשטעלט אויף מיר אַ פּאָר פרעגנדיקע אויגן מיט אַ ברום: „נ־נו?...“ נישט וועלנדיק מפסיק זיין, חלילה, בין גאולה לתפילה, אָדער אַזוי דאָרט, ווי ער האָט געהאַלטן.

איך האָב אים באַלד געענטפערט אויף זיין שטומער פראגע, אַז איך בין געקומען עפּעס ספרים האַנדלען ביי אים.

ער האָט באַלד מיט אַ בריעג טלית אָפּגעווישט דעם דיקן שטויב פון אַ בענקל, אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט, אַ רמז, אַז ער בעט מיך זיצן, און אַ ברום געטאָן נאָכאַמאָל: „נ—נו, נ—נו“, איילנדיק, אַ סימן, אַז זיין דאַווענען וועט שוין לאַנג נישט ציִ׳ן, און אַז ער בעט מיך וואַרטן אַ רגע און אַלץ וועט שוין גיין כשורה.

איך האָב אים באַרויקט, געזאָגט, איך קען אויפּציען אַ רגע, און ער ברויך זיין דאַווענען צוליב מיר נישט אָפּקירצן. ער האָט עס, זעהט מען, אָנגענומען פּאַר אַ העפלעכקייט פון מיין זייט, אָבער נישט פּאַר אַן ערנסט, און האָט דאָס דאַווענען צוגעטריבן, און אין קוים פינף מינוט האָט ער שוין נאָך שמונה עשרה געהאַלטן. ער האָט מיר דער־לאַנגט שלום־עליכם, געפרעגט, פונוואַנען איז אַ יונגערמאַן? ווי לאַנג בין איך שוין אין מאָסקווע, ווו שטיי איך איין און נאָך אַזעלכע זיי־טיקע שאלות. קוים כאָטש איין תשובה צייט געהאַט צו ענטפערן, האָט ער מיך אַ פרעג געטאָן די עיקר־שאלה: וואָס פאַר אַ ספרים ברויך איך, צי ספרי רומל, צי ספרי השכלה?

די „קליאַטשע“ קען מען באַקומען ביי אייך? — טו איך אַ פרעג.

— די „קליאַטשע“ אַבראַמאָוויטשעס? — פרעגט ער מיך איבער.

— ר׳ מענדעלע מוכר־ספרים! — ענטפער איך.

— היינו הך! — ענטפערט ער מיר מיט גמרא־לשון. אַ ייד נאָך אַ פאַרצייטיקער געווען דער אַלטער לידסקי, און האָט נאָך גמרא־לשון געוווּסט.

— געהערט האָב איך עס שוין אפילו אייניקע מאָל, אָבער עפּעס שיקט זיך מיר עס נישט, — בין איך אים מודה, און געמיינט האָב איך נישט אַזוי די צווייאייניקייט און די צוויי באַזונדערע נעמען, ווי די צוויי באַזונדערע כאַראַקטערן אין איין און דעמזעלבן מענטשן, לויט ווי איך האָב מיר אַלעמאָל פאָרגעשטעלט אונטער די צוויי נעמען.

— וואָס שיקט זיך אייך דאָ נישט? — פרעגט מיך דער אַלטער

לידסקי. — עס איז, דאַכט זיך, אַזוי פּשוט, וואָס פּשוטער קען גאָרנישט זיין. ווייסט איר דען נישט, אַז מיט דער ייִדענער קאַפּאָטע, אין וועלכער מען גייט שבת, אָדער יום־טוב אין שול אַריין, גייט מען נישט אינדערוואָכן אין מיל אָדער אין קראָם.

— וואָס מיינט איר דערמיט? — טו איך אים אַ פרעג, נישט באַגרייפנדיק דעם נמשל פון זיין משל.

— איך מיין פּשוט, — ענטפערט ער. — דער נאָמען שלום יעקב אַבראַמאָוויטש איז שוין לאַנג באַרימט מיט זיינע ביכער אויף לשון הקודש. איר שפּילט זיך מיט זיין „משפט שלום", מיט זיין „האבות ובנים" און מיט זיין „תולדות הטבע"? נו, און אַז עס פאַרגלוסט זיך אים אַמאָל אויך אַ שפּילעכל זיך מאַכן, אָדער פּשוט אַ שטיף טאָן און אויפשרייבן אַ „טאַקסע", למשל, אָדער אפילו אַ „קליאַטשע", אויף פּשוטן עברי־טייטש, איז ער מחויב זיין באַרימטן נאָמען שלום יעקב אַבראַמאָוויטש אויף אַזוינס אָנצורופן? כבוד וועט עס אים צוגעבן? זאָל אפילו אמת זיין, אַז אין זיין „קליאַטשע", למשל, געפינט זיך טאַקע אמתע סתרי־תורה, ווי זיינע חסידים דרשענען איז דאָך דאָס פאָרט אַ עברי־טייטש־מעשהלע, שיחות חולין, אָדער ווי די גמרא דריקט זיך אויס: „דברים של מה בכך". וועט נישט זיין דאָס אַרויפשלעפּן זיין נאָמען אויף אַזעלכע ביכלעך ווי צוזעקן דעם באָרשט אין קיך מיט דעם אייגענעם שבת־טישטוכל, וואָס מען דעקט צו די שבת־חלה?

געגלויבט האָט זיך מיר עס אפילו נישט, פונדעסטוועגן זענען מיר דעם ייִדנס ווערטער אין זינען אַריין, און כ'האָב אויך שפּעטער אָפט זיך שטאַרק פאַרטראַכט צוליב זיי.

— און מיינט איר, אַ נייס איז עס ביי זייערע לייט די מליצה־שרייבער, מיין איך? אַלע טוען זיי דאָס אייגענע! — דערציילט מיר ווייטער דער ייִד, וואָס איך זע אים צום ערשטן מאָל אין מיין לעבן, און וויל מיר מסתמא אַ באַגריף געבן, וואָס פאַר אַ ייִדן און אַ בקי ער איז אין אַזעלכע זאַכן. — וואָס דאַרפט איר ווייט זוכן. אָט איז ערשט מיט אַ פּאָר וואָכן צוריק פון דרוק אַרויס אַזאַ עברי־טייטש־ביכל מיטן נאָמען „הנאהבים והנעימים", כלומרשט אויף לשון־הקודש, און באַלד דערביי מיט אַ פּרוש דערצו: „אָדער דער שוואַרצער יונגערמאַנטשיק". און עפּעס אַ מין אויסכאַפּעניש איז דאָ געשען: די ערשטע הונדערט עקזעמפּלאַרן האָט מען ביי מיר ממש אויסגעכאַפּט אין קאַרגע דריי טעג. ק"אַפּ איך קיין ווילנע אַ דעפּעשע. שיקט מען מיר אַרויס מיט

באַגאַזש, ווי איך האָב אין דער דעפּעשע געקלאַפּט. נאָך דריי הונדערט, גייט נישט אַריבער אַ וואָך צייט, בלייבט ביי מיר אַפילו איינער נישט. קלאַפּ איך נאָך אַ דעפּעשע, שיקט מען מיר אַרויס נאָך אַ ק"ן שטיקלעך מיט דער ידיעה. אַז מער איז דער מין אין ווילנע אויך נישט געבליבן. הכל במזלא תלוי, אַפילו אַ עברי־טייטש־ביכל! הימל און ערד און דער „שוואַרצער יונגערמאַנטשיק"... דערלייגט צו אים האָב איך זיכער נישט. אַ דאַנק גאָט, הלוואי מאַכט זיך אַזאַ ירידל כאָטש דריי מאָל אין יאָר, וואָלט איך גאָרנישט האָבן צו זינדיקן. גאָר קעגן וואָס דערצייל איך אייך דאָס? אָט, קעגן דעם טאַקע, וואָס איטלעכער קונה וויל דווקא, איך זאָל אים זאָגן, ווער איז דער מחבר פון „שוואַרצן יונגנמאַנטשיק". צי הייסט ער טאַקע מיטן נאָמען דינעזאָן, ווי עס שטייט בפירוש אויף אים, און דער עיקר, צי קען איך אים. און זאָל איך אַזוי פון אַ בייזן חלום וויסן, ווער דער מחבר איז! נאָר קלאָר ווי דער טאָג איז ביי מיר, אַז דער נאָמען דינעזאָן איז נישט די אמתע פאַמיליע פון דעמדאָזיקן מחבר. אפשר איז דער נאָמען דינעזאָן נאָר אַ נוטריקון פון זיין אמתן נאָמען, און אפשר איז ער גלאַט אַ עורבא פּרח, אַן אויסגעטראַכטער נאָמען. דו ווילסט וויסן, ווער עס האָט דאָס ביכל מחבר געווען? זאָג איך דיר: דינעזאָן הייסט ער און גיי זוך אים.

— און פאַרוואָס קען עס נישט זיין, אַז דערדאָזיקער מחבר זאָל טאַקע אַזוי הייסן, ווי ער רופט זיך אויף זיין ספר? — פּרוּוו איך געוויר ווערן ביי אים, פונוואַנען נעמט זיך צו אים די השערה, אַז דער נאָמען דינעזאָן איז דווקא אַן אויסגעטראַכטער אָדער אַ נוטריקון.

— ערשטנס, וואָלט איך פון אַזאַ מחבר געוווּסט. איך האַנדל שוין, אַ דאַנק השם יתברך, אַ יאָר עטלעכע און דרייסיק מיט די אַלע אַזעלכע ספרים, ווי שייך וואָלט איך אַמאָל דעם נאָמען נישט געהערט צווישן מחברים און קענער? און, צווייטנס, ווי איך זע אַרויס פון דעם פּין אויסכאַפּעניש, וואָס איז געוואָרן אויף זיין חבור, ווייזט דאָך אויס, אַז ער מוז טאַקע זיין פון די גרויסע מומחים אין דעם סוג שרייבער, און וויבאַלד ער איז טאַקע אַ שם ידוע אין דעם השכלה־עולם, שטייט אים טאַקע נישט אָן צו גיין מיט דער ציידענער שבתדיקער קאַפּאָטע אין מיל, אָדער אין קראָם, ווי שבת אין שול. און אָט האָט ער זיך אויסגעטראַכט אַ וואָכעדיקן נאָמען דינעזאָן פאַר זיינע עברי־טייטש־ספרימלעך, אַזוי ווי שלום יעקב אַבראַמאָוויטש האָט זיין נאָמען מענדעלע

אויסגעטראַכט, ווי אַ וואָכעדיקע קאַפּאָטע אויף צו גיין אין איר אין מיל, אין קראָם און אין מרחץ אַריין אַפילו.

דעם יידנס חקירהדיקע השערה אינטערעסירט מיך אַפילו, אָבער איך זע, אַז אויף יעדער נייער פראַגע, וואָס איך וועל אים שטעלן, און אויף יעדער באַמערקונג, וואָס איך וועל אים מאַכן, וועט ער מיר אַרויסזאָגן נאָך און נאָך אַזעלכע לאַנגע השערות. עס גלוסט זיך אים צו רעדן, און עס וועט קיין סוף נישט האָבן, דעריבער טו איך אים אַ פרעג:

— און וווּ איז אייגנטלעך אייער ספרים-סקלאַד?

דאָ אין צימער, ווו ער האָט, צוזאַמענלייגנדיק זיין טלית און תפילין, דאָס לאַנגע געשפרעך מיט מיר געפירט, האָב איך קיין איין ספר, חוץ זיין סידור מיטן „חק לישראל", נישט באַמערקט.

— מיין סקלאַד ספרים, פרעגט איר? אַ שיינע מעשה, כלעבן! — ענטפערט ער מיר. — איר פאַרגעסט, יונגערמאַן, אַ פנים, אַז דאָ איז מאָסקווע, נישט ווילנע, נישט בערדיטשעוו, נישט שקלאָוו אַפילו. אין מאָסקווע איז דער ייד אַליין אויך אַ קאָנטראַבאַנד. אומזיסט, מיינט איר, דריקט מען זיך און שטיקט מען זיך דאָ, אין דעם לאָך פון גלעבאָווסקער פּאָדוואָריע? מען האָט קיין ברירה נישט. דאָ קען מען זיך אין ערגסטן פאַל אויסקויפן מיטן רובל, אין אַן אַנדער מקום העלפט דער רובל אויך נישט... אַ, וועט איר פרעגן, ווו האָב איך פאָרט מיין סחורה? איז די מעשה אַזוי: קלענערע מינים צעשטופּט מען אין די לעכער אונטערן אויוון, אונטערן בעט, אין קליידער-אַלמער. גרעסערע באַהאַלט מען ביים דוואָרניק, און מען צאָלט אים חודש-געלט פאַר דער שמירה. מאַכט זיך אַ גרעסער פעקל אַמאָל און מען קען צום דוואָרניק איטלעכע רגע נישט לויפן, צערוקט מען די ספרים ביי די שכנים, אין די נומערן וווינען דורכאויס יידן. דאָ, אין גלעבאָווסקער פּאָדוואָריע, געפינט איר אַ גוי פאַר אַ רפואה נישט.

— און „די קליאַטשע" האָט איר דאָ ביי זיך? — טו איך אַ פרעג און וויל שוין גיכער צו מיין צוועק.

— אַזאַ פחדן, איך זאָל צו איין עקזעמפּלאַר פון מיינע ספרים אויך נישט האָבן ביי זיך, בין איך שוין דווקא נישט! איר קענט באַקומען אַפילו דריי „קליאַטשעס", טאָמער דאַרפט איר, — באַרימט ער זיך ווי מיט שמאַלץ.

— טאָ זייט מוחל, גיט מיר איין „קליאַטשע" און אין איין גאַנג

גיט מיר שוין אויך א „שווארצן יונגנמאַנטשיק", אויב איר האָט ביי זיך.

דער ייד לאָזט זיך נישט בעטן, בויגט זיך איין, פּאָרעט זיך א רגע אונטערן בעט, נעמט פון דאָרט אַרויס א „קליאַטשע" מיט א „שוואַרצן יונגנמאַנטשיק", דערלאַנגט מיר און זאָגט דערביי:

— איך מוז אייך, יונגערמאַן, מקדים זיין, אַז דאָ איז מאָסקווע, דאָס איז טייטש: נישט ווילנע, נישט בערדיטשעוו, וואָס אויב נישט ביי דעם, באַקומט מען דיזעלבע סחורה פאַר ביליקער ביי דעם אַנדערן... פאַרשטייט איר?

איך פאַרשטיי דעם רמז, איך בין אויף אַלץ גרייט. א ברירה האָב איך? פונדעסטוועגן, אַז ער האָט מיר א זאָג געטאָן: דריי קערבלעך פאַרן „שוואַרצן יונגנמאַנטשיק", בין איך איבעררא־שט געוואָרן און געענטפערט:

— ווי האָט א ייד אַזא האַרץ אויסצובעטן גאַנצע דריי רובל פאַר איין כפר, און נאָך אויף עברי-טייטש דערצו?

— איר האָט דען א ידיעה, וואָס פאַר א מין ביכל דאָס איז?

— דערקלערט ער מיר. — נאָך דעם בוך האָט עקסטרע געשיקט צו מיר אפילו די מאַדאַם פּאָליאַקאָווא. ווייסט איר, ווער זי איז? די גרעסטע מיליאָנערשע אפשר אין גאַנץ מאָסקווע. איך האָב מיך באַ־נאַרישט און צוגעשיקט איר דעם „שוואַרצן יונגנמאַנטשיק" מיט א רעכענונג, אַז עס קאָסט דריי רובל, האָט זי מיר טאַקע מער ווי דריי רובל נישט אָפּגעשיקט. וואָלט איך שכל געהאַט איר דאָס ביכל צו שיקן גאָר אָן א מקח, בין איך זיכער, אַז זי וואָלט מיר אָפּגעשיקט א גאַנצן צענרובלדיקן. און פאַרוואָס טאַקע נישט א פינף און צוואַנציקער? הכלל, יונגערמאַן, דינגט זיך נישט. איך האָב בסך־הכל איינגעהאַנדלט נאָך א פינף שטיק פון אים, און ברוך השם האָב איך אויף אַרויסצושיקן קיין מאַרשאַנסק, אָריאָל, טווער וכדומה, אפשר אויף א שטיק צוואָנציק, און אין ווילנע, האָט איר דאָך געהערט, האָט ער זיך שוין אויסגענומען.

איך האָב אים באַצאָלט, וויפיל ער האָט פאַרלאַנגט, און פון א פינפרובלדיקן האָט ער מיר רעשט געגעבן מיט גרויסע קופּערנע צענגראָשנדיקע קוים א האַלבן רובל, באַרעכענענדיק: א רובל מיט פופ־ציק קאָפּיקעס פאַר ר' מענדעלעס „קליאַטשע" און גאַנצע דריי רובל פאַר מיין אייגענעם „שוואַרצן יונגנמאַנטשיק". איך בין אַוועק גיך

אהיים, אונטערגעטריבן פון דער אומגעדולט, צו קענען שוין אמאָל איינער אויף איינעם מיט מיין אייגן קינד זיך אָפּגעבן, און דורכזען אַלע זיינע מעלות און חסרונות צוליב אייגענער אומבאַזאָנענקייט און צוליב יענע, וועמען איך האָב איבערגעגעבן מיין כתב־יד פון דער ערשטער פעדער און אַן אָפּגעדרוקט בוך אויף דער וועלט אַרויסגעלאָזן.

מיט אַ רויקן געמיט און מיט מער ערנסט, ווי איך האָב מיין אייגן ווערק געבלעטערט און דורכגעקוקט, האָב איך זיך גענומען לייענען ר׳ מענדעלעס „קליאַטשע". געלייענט, געלערנט, ערטערווייז פשטים געזוכט, און האָב ענדלעך דעם איינדרוק און דאָס געפיל אַרויסגעטראָגן, גלייך ווי איך וואָלט געבלאָנדזשעט ערגעץ אין אַן אַלטן פאַרלאָזענעם שלאָס, ווּ איך האָב אויף יעדן טריט און שריט אי ווּנדער, אי איבערנאַטירלעכעס געזען און געהערט, און כאָטש איך שטיי שוין איצט אויף דער ווייסער ליכטיקער וועלט אין דרויסן, שימערן מיר נאָך פאַר די אויגן יענע פאַרדרייטע וועגעלעך, פאַרפּלאָנטערטע גענג מיט אַלע זייערע נישט־געוויינלעכקייטן, וואָס איך האָב זיך דאָרט אָנגעזען, און עס קלינגען מיר נאָך אין די אויערן יענע געהיימע קלאַנגען, וועלכע איך האָב זיך דאָרט אָנגעהערט.

די ערשטע פראַגע, וואָס האָט געזוכט אַ תשובה ביי מיר, איז געווען: צי איז דאָס דער אייגענער אַלטער באַקאַנטער מענדעלע, וועלכן כ׳האָב פון אַ צייט פריער שוין גוט געקענט, מיט אים ווי אייגן כמעט זיך געפילט און האָב אים שטענדיק נאָר ליב געהאַט? כאָטש איך בין שוין אַזוי נאַיִוו נישט געווען, און האָב שוין גוט פאַרשטאַנען, אַז הינטער דעמדאָזיקן מענדעלע מוכר־ספרים באַהאַלט זיך ערגעץ אַ פיל געלערנטער ייד, און זאָל זיין, ווי דער אַלטער האָט מיך מבטיח געווען, אַז מענדעלע מוכר־ספרים, איז נישט מער ווי די וואָכעדיקע קאַפּאָטע פון דעם באַרימטן לשון־הקודש־שרייבער, שלום יעקב אבראַמאָוויטש, האָט עפּעס טאַקע דידאָזיקע וואָכעדיקע קאַפּאָטע ביי מיר גאָר אַן אַנדער פּנים דורך דער „קליאַטשע" באַקומען. אַ פּנים דווקא פון אַ פיינער זיידענער קאַפּאָטע, וואָס מעג אָנשטיין אַפילו דעם גרעסטן מיוחס שבת און יום־טוב מיט איר אין שול און אין בית־המדרש צו שטאָלצירן.

ר׳ מענדעלע איז דאָ, אין דער „קליאַטשע", אויסגעוואַקסן פון אַן איינפאַכן יידן אַ מוכר־ספרים, וואָס דערציילט בנעימות, נישט מער

ווי דאָס, וואָס ער זעט און הערט, אין אַ יידן אַ לבדן, אַ חריף, אַ חקרן, אַ גאַנצע-וועלט-אַרומנעמער, וואָס מען מוז זיך צוהערן צו יעדן וואָרט, וואָס ער רעדט אַרויס, און זיך גוט פאַרטראַכטן אויף דעם זינען, וואָס ער טוט אַריין אין אים. איך האָב אין דעם ר' מענדעלען מוכר-ספרים פון דער „קליאַטשע" נישט דערקענט מער דעם אַלטן ליבן און כמעט שטילן מענדעלע מוכר-ספרים פון די אַלע ספרימלעך זיינע, וואָס איך האָב פון אים פריער געהאַט געלייענט, און עס האָט זיך מיר געהאַט געדאַכט, אַז דער שרייבער אַליין האָט זיין מענדעלען אויסגעביטן אויף אַן אַנדערן, אַ מער וויכטיקערן און אַ מער קענעדערן, ווי זיין ערשטער מענדעלע. און דעם אמת זאָגנדיק, וואָלט מיך אפשר שטאַרק נישט געאַרט דערדאָזיקער בייט, ווען איך וואָלט אין דעם נייעם מענדעלען געהאַט געפונען די ווייכקייט, די איינפאַכקייט און די עניוות פון דעם אַלטן מענדעלען. יענער האָט קיין פרעטענזיעס נישט געהאַט, אַז צו אים זאָלן זיך צוהערן דווקא גרויסע קענער, שיינע יידן און מיוחסים. ער האָט זיך תמיד געדרייט נאָר צווישן פּראָסטן עולם, יידן פון זיין גלייכן, און עס האָט אים זיך גאָרנישט געגלוסט, אַז זיינע צוהערער אָדער לייענער זאָלן זיין פון דער גאָלדענער פאַן. דעריבער איז דאָס לשון זיינס אויך פשוטער, ווייניקער געשליפן געווען, אַזוי אָנגעמאָסטן פאַר איטלעכן, וואָס פאַרשטייט נאָר יידיש. דער נייער ר' מענדעלע, אָט טאַקע דער פון דער „קליאַטשע", האָט זיך מיר אויסגעדאַכט, וויל שוין די איינפאַכע צוהערער כמעט נישט קענען. ער דערציילט אויך נישט דאָס, וואָס ער האָט געזען און געהערט, נאָר דאָס, וואָס ער ווייסט און טראַכט אַליין, און דערציילט דווקא פאַרן מיוחסים-עולם, פאַר די ווילקענער, וואָס קענען אים פאַרשטיין און פון זיינע רייד אַרויסדרינגען אַלערליי פשטים און פשטלעך.

און וויבאַלד, אַז יאָ אַזוי, האָט זיך מיר געוואָלט וויסן, צוליב וואָס און צוליב וועלכן טעם האָט ער געשריבן די „קליאַטשע" אין עברי-טייטש דווקא, און נישט אין לשון-הקודש? צווישן יענע, וואָס פאַרשטייען לשון-הקודש, האָב איך נאָך צו יענער צייט געקענט געפינען אַזעלכע לעזער, וואָס וועלן פאַרשטיין די „קליאַטשע", אָדער וואָס וועלן, ווייניקסטנס, אין דעם גאַנצן אינהאַלט אָטעם געפינען. צווישן די לעזער פון נישט מער ווי עברי-טייטש האָב איך צו יענער צייט געזוכט

און נישט געפונען כמעט איינעם אָדער איינע, וואָס פארשטיין דעם בייעם מענדעלען פון דער „קליאטשע" און האָבן התפעלות פון דעם, וואָס ער דערציילט, כאָטש מ׳ט פופציק פראָצענט ווייניקער, ווי זיי האָבן אַלעמאָל דעם אלטן מענדעלען פארשטאַנען און התפעלות גע־האַט פון זיינע ספרימלעך.

מאטל פארבער.

אויף מאָטל פאַרבער זאָגט מען אין שטאָט, אַז מיט דער נשמה־יתירה באַקומט ער לכבוד שבת און יום־טוב אַ צווייטע באָרד. אינ־דערוואָכן איז ער אַ ייד מיט איין באָרד, ווי אַלע יידן, נאָר לכבוד שבת און יום־טוב טיילט זיך די באָרד פאַנאַנדער אין רעכטן מיטן און איין העלפט קערט זיך אַוועק רעכטס, די אַנדערע לינקס, און עס ווייזט אויס, ווי צוויי באַזונדערע בערד אויף איין מענטשן. און מען רופט זי טאַקע דערפאַר: „די נשמה־יתירה־באָרד".

פרעגט מען אים:

— ר' מאָטל, וווּ טוט איר אַהין אייער צווייטע באָרד אַ גאַנצע וואָך?

ענטפערט ער:

— איך זאַלץ זי איין און לייג זי אַוועק אויף אַ גאַנצער וואָך אין יענעם קעמערל, ווּ איך לייג אַוועק דעם מאָגן טיינעם מיט אַ העלפט פון מיין נשמה אויף אַ גאַנצן ווינטער. גלייך ווי דער זומער גייט אַריבער און דער רבונו של עולם נעמט זיך פאַר מיין מלאכה, פאַרבט איבער די באַלעבאַטישע דעכער מיט עכטן ווייסן קאַלך אָן אַ גראָשן געלט, ווער איך, מאָטל פאַרבער, אויס קאַפעליוש־מאַכער, אויס פאַרבער און אויס מענטש אויך. וואָרים וואָס טויג אַ מענטש אָן אַ מלאכה, אָן פרנסה?

און מאָטל זאָגט נישט קיין ליגן. ווער עס זעט אים זומער, בעת ער זיצט אויפן דאַך און קאָמאַנדעוועט מיט זיינע פּועלים, דערקענט אים נישט ווינטער.

זומער איז ער אַ העכער פריילעכער ייד, מיט ברייטע פּלייצעס.

ער זינגט ווי אַ רעכטער חזן מיט אַ זיסער געזונטער שטימע, און די פּועלים זיינע ענטפערן אים אין כאָר.

ער לעבט, עס לעבט די אַרבעט אין זיינע הענט. די גאַנצע אַר־בעט איז עפּעס אַ פריילעכע. ער איז צופרידן, און צופרידן זענען גאָט און לייט מיט אים. שבת, אין בית־המדרש, קען מען מיינען, אַז ער איז דער פּרנס־חודש.

ער באַזאָרגט אַן אָרעמען אורח, ער זאָל האָבן וווּ שבת צו זיין און נעמט אויך זיך אַליין איינעם אָדער צוויי צום טשאָלנט. גייט אָבער דער זומער אַריבער, עס באַדעקן זיך די דעכער מיט שניי און די אַרבעט הייבט אָן אָפּצושטאַרבן, ציט זיך מאָטל איין, עס ווערט אַ העלפט פון אים.

מ׳הערט פון אים נישט קיין קול, אַפילו שבת אין בית־המדרש זעט מען אים זעלטן.

ביז חנוכה ציט ער נאָך ווי עס איז די חיונה, קומט אָפּ מיט באָרשט און דאַנקט גאָט כאָטש דערפאַר. נאָר נאָך חנוכה, אַז עס הייבן זיך אָן די גרויסע פרעסט, און פון פאַרבן קלערט קיינער נישט, און די הוצאה אויף האָלץ און אַ וואַרעם בגדל פאַר זיינע יינגלעך אין חדר אַריין ווערט אַלץ גרעסער, פאַרלירט שוין מאָטל זיין גאַנצן קוי־ראזש. דעמאָלט לייגט ער זיך אַוועק אויף דער באַנק, לעבן אויוון און וואַרט אויפן זומער.

פרעגט מען אים:

— ווי גייט עס, ר׳ מאָטל?

ענטפערט ער מיט אַ גלייך ווערטל:

— גיין, ברודער, גייט עס גאָרנישט, עס האָט זיך אָפּגעשטעלט, איינגעפרוירן. אַ קלייניקייט, אַזעלכע פרעסט! פרעגט בעסער, ווי ליגט זיך? אַ גאַנצן ווינטער טו איך נאָר און ליג. דער רבונו של עולם איז זיך יעצט עוסק מיט פאַרבן לייטישע דעכער. ס׳איז זיין צייט. נישקשה, איך וועל מיך איבערלייגן, וועט אויך מיין צייט קומען.

— אָבער וואָס עסט איר דערווייל? — פרעגט מען אים ווייטער.

— דערווייל עס איך קופּערנע פענדלעך, מעשענע לייכטער... וואָלטן זיין זילבערנע לעפל, וואָלט איך עסן זילבערנע לעפל. איר האָט געהערט, אַז אַ מענטש זאָל קענען פאַרדייען אַ בלעכענעם סאַמאָ־וואַר? יעצט וואָך האָט מיין מאָגן איינגעשלונגען דאָס בלעכענע סאַ־מאָוואַרל מיינס, און הייבט ווילט זיך שוין ווידער עסן... אויף שבת

האָב איך גאָר אַ גרינגן מאכל אויסגעקליבן: אַ קישן מיט פעדערן... מיט אַזאַ גרינגער אכילה קען מען, מיין איך, דעם מאָגן נישט קאַליע מאַכן?...

מיט אַזעלכע ווערטלעך פאַררעדט ער אָפּט זיין אייגענעם הונגער און אַזוי שטופּט ער איבער די גאַנצע ווינטערצייט.

דאָס ווייב זיינס ווערט אפילו נישט געטרייסט פון זיינע גלייכווערטלעך און שרייט תמיד, אַז בעסער וואָלט איר מאַן געווען אַ שוסטער, אַ שניידער אָדער כאָטש אַ וואַסערטרעגער, איידער אַ פאַרבער, וואָס אַ האַלב יאָר פאַרדינט ער, און דאָס אַנדערע האַלבע יאָר מוז ער לייגן די ציין אויף דער פּאָליצע.

— אַ פאַרבער, — זאָגט זי, — איז נאָך אַן ערגערע חיה פאַר אַ בער. אַ בער לעבט אַ האַלב יאָר און שלאָפט אַ האַלב יאָר. אַ פאַרבער לעבט אויך נישט מער ווי זומער, שלאָפן אָבער אַ גאַנצן ווינטער קען ער נישט. ווינטער ווילט זיך אויך עסן, וואַך זיין...

— ווייסטו פאַרוואָס, יענטל, אַ בער שלאָפט אַ גאַנצן ווינטער? — רופט ער זיך אָפּ אויף איר טענה.

— פאַרוואָס?

— פאַר דעם, וואָס אַ בער האָט קיין ווייב נישט!... אַז ער וואָלט האָבן אַ ווייב, אַזוי ווי אַ פאַרבער, וואָלט ער אויך נישט קענען שלאָפן אַ גאַנצן ווינטער, ווי אַ מענטש...

— פאַרפינסטערט איז דער אשהס מזל! — רעדט איבער דאָס ווייבל זיינס. — אַלע גלייכווערטלעך זאָגט מען נאָר אויף דער אשה. וואָס וואָלסטו געטאָן, למשל, ווען דו האָסט מיך נישט?

— אַז איך וואָלט דיך נישט האָבן, — ענטפערט ער, — וואָלט איך געווען אַ פרייער פייגל און וואָלט טאָן דאָס אייגענע, וואָס אַלע פרייע פייגל טוען. ווען עס גייט דער זומער אַריבער, וואָלט איך אַוועקפליען אין יענע וואַרעמע לענדער, ווו עס איז תמיד וואַרעם און ווו מען קען פאַרבן דעכער, לאָדנס און פאַרקאַנס אַ גאַנץ יאָר.

— כלי, אַז דו קענסט! פאַרוואָס פליסטו נישט? ווער לאָזט דיך נישט?

— מיט אָפּגעהאַקטע פליגלען איז שווער צו פליען... — רעדט ער אַרויס מיט אַ זיפץ. — נאָך אַ חודש, נאָך אַ וואָך, שוין בענטער ווי ווייטער, עס וועט ווידער זיין זומער, עס וועט זיך ווידער אָנהייבן

אן אַרבעט און עס וועט ווידער ווערן פרייליך אין האַרצן און אַ זעט אין בויך.

און אָט ווערן שוין די טעג גרעסער, מען בענטשט שוין ראש־חודש אדר, עס באַווייזט זיך אַ וואַרעמע ליכטיקע זון אויפן גאַס.

די ברוגזע זון לאָזט זיך איבערבעטן. זי וואַרפט ביסלעכווייז אַראָפּ דעם ברוגזן שאַרן שלייער. זי חנדלט זיך און ווינקט צו אירע פאַרבענקטע ליבהאָבער, זיי זאָלן אַרויסגיין אין גאַס...

— מוחל, מוחל, — זאָגט זי זיי, — ווידער גיט, ווידער שלום! איך וועל אייך זיין געצריי, לויפט נישט, באַהאַלט זיך נישט פון מיר!...

און עס שיטן זיך אַרויס קליינע קינדער פון די קעלערשטובן, פון די דאַכשטיבלעך אויפן גאַס און פרייען זיך און וואַרעמען זיך אונטער דער ליבער זון.

און מען הערט שוין קינדערישע פריילעכע קולות אינדרויסן און אפילו די עלטערע בייזע יידן, וואָס גייען אַרום אָנגעפּעלצט אין צעני־דליקער שמאַטעס, הייבן אָן צו שמייכלען און וואַרפן אַראָפּ פון זיך אַ פּאָר שמאַטעס.

מאָטל פאַרבער דערפילט דעם זומער נאָך פריער פאַר אַן אַנ־דערן, ווייל ער וואַרט און ציילט כסדר די לעצטע מינוטן פון ווינטער.

און קוים בענטשט מען ראש חודש אדר, שפּרינגט ער אַראָפּ פון באַנק, גלייכט זיך אויס, ציט זיך אויס אין דער הייך און אין דער ברייט און גייט אויף דער גאַס אַרויס.

צוריק אין דער שטוב אַריין קומט ער ערשט נאָך מעריב מיט אַ גאַנצער חברה פּועלים. חברה טרייסלט אויס די קעשענעס, מען קלויבט צונויף עטלעכע גראָשן, מאָטלס ווייב לויפט אין קרעמל, ברענגט ברויט מיט הערינג, מיט אַ פּאָר טעפּ קאַרטאָפל און מען מאַכט אַ סעודה לכבוד ראש־חודש אדר.

מען עסט ברויט, קאַרטאָפל, הערינג און מען פאַרטרינקט מיט אַן טשייניק טיי כיד המלך. עס איז לעבעדיק, און מאָטל טיילט פאַנאַנדער די באָרד זיינע אין צוויי גלייכע חלקים, שטעלט זיך אויף מיט דער ברייטער ברוסט פון פאָרנט און גיט אַ קאָמאַנדעווע, ווי אַ פּולקאָווניק:

— נעמט זיך, קינדער, פאַר די כלים!

דאָס באַטייט, אַז מען דאַרף זיך נעמען מסדר זיין דאָס פּורים־שפּיל. מאָטל מיט זיין חברה זענען די באַרימטעסטע פּורים־שפּילער אין שטאָט. צוליב פּורים האָבן זיי אַלע מיט וואָס פּסח צו מאַכן. און

שפּילן זיי נאָר אין די הויכע פענסטער, ביי די נגידים, וווּ מען כאַפּט אַ דרייערל פאַר אַ שפּיל, און אַפּט אויך אַ פינפערל.

עס איז שוין מאָטלס חזקה פון לאַנגע יאָרן.

מאָטל שפּילט מרדכי אָדער מאַנדרעכיי היהודי.

איציקל גלעזער, אַ יונג מיט ביינער, שטעלט פאָר המנען.

איציקלס טאַטע, אַ געוועזענער ניקאָלאַיעווסקער זעלנער, שטעלט פאָר דעם קעניג אחשורש, דעם מלך פון הודו ביז כוש.

צוויי בחורימלעך, לערן־ייִנגלעך ביי מאָטל פאַרבער, שטעלן פאָר איינער ושתי המלכה און דער אַנדערער אסתר המלכה, אַ יידיש ווייבל מיט אַ פּאַרוק, מיט אַ שלייער און מיט אַ גאָלדענער קרוין אויפן קאָפּ.

נאָך עטלעכע גרעסערע און קלענערע פאַרבער־ייִנגלעך שטעלן פאָר די איבעריקע העלדן פון דער מגילה. עס פעלט נישט אפילו קיין חרבונה און ויזתא פעלט אויך נישט... עס איז אויך דאָ אַ פערד.

במקום אַ פערד בינדט זיך מאָטל צו אַ גרויסע זיפּ מיט אַ פערד־דיש עק פון הינטן, און אַ וואַילאָקע פון פאָרנט. די וואַילאָקע ווערט צוגעפאַרבן מיט אַ פּאָר פערדישע אויגן. צום מויל ווערט צוגעשפּיצט אַ צוים מיט לייצן, און די גאַנצע חיה ווערט איבערגעדעקט מיט אַ טערקישן שאַל. און עס דאַכט זיך דעמאָלט, אַז דער הויכער לאַנגער מרדכי רייט באמת אויף אַ פערד.

דער עיקר אָבער זענען נישט די קאָסטיומען, נאָר דער נוסח, די ווערטער מיט די ניגונים צו זיי. און ווערטער און ניגונים קען מאָטל געוויס בעסער פאַר אַלע אַנדערע פּורים־שפּילער. מאָטל האָט אַ קול נגינה און איז בארימט פאַר אַ דאַווענער ביים עמוד גאָר פון די אַנטיקן.

ער וואָלט אפילו געקענט דאַווענען מיט זיין חברה מוספים צו ימים־נוראים און נעמען אַ פיינע מטבע דערפאַר, אָבער מאָטל האָט תמיד קעגנער, וואָס ווילן אים נישט צולאָזן צום עמוד.

זיי טענהן, אַז אַ פאַרבער און דערצו נאָך אַ פּורים־שפּילער, קען נישט זיין קיין שליח־צבור...

צוויי וואָכן כסדר „סטראָיעט" זיך מאָטל מיט זיין קאָמפּאַניע, און נאַכט פאַר נאַכט באַלאַגערט מען זיין הייזל. מען כאַפּט אויף דאָס געזאַנג פון קעניג אחשורש, פון ושתי המלכה, פון המנען און דער עיקר טאַקע פון מאַנדרעכיי היהודי אַליין מיט זיין טענאָר־שטימע, וואָס צוגייט זיך אין אַלע אברים.

תיכף נאָך דער מגילה, ביינאַכט, קלויבט זיך חברה צוזאַמען ביי מאָטלען. עס ווערט געבראַכט דער לבוש מיט דעם „סוס".

מאָטל זאַטלט זיך אָן, קעמט פאַנאַנדער זיין באָרד, טוט אָן אַ שטריימל מיט אַ רבנישער דעליע און נעמט אין האַנט אַריין דעם שרביט הזהב.

המן טוט זיך אָן אין גענעראַלסקע שליפעס, די ברוסט איז אים אינגאַנצן פאַרהאָנגען מיט אָרדנס און מעדאַלן און אַלץ, וואָס אי־ציקל גלעזער באַקומט אויף נוץ־געלט ביי שמואל עפּאָלעטניק.

אויפן קאָפּ טראָגט ער אַ דריישפּיציקן הוט, אַזוי ווי אַ המן־טאַש.

איציקל איז הויך און געזונט, און אין די קליידער דערקענט מען אים גאָרנישט, ווער ער איז. אומבאַקאַנטע מענטשן קענען באמת מיינען, אַז ער איז אַ גרויסער גענעראַל.

דער רב לאָזט שטענדיק בודק זיין ושתי און אסתר המלכה, און אַז ער ווערט זיכער, אַז דאָס זענען נישט קיין אמתע נקבות, נאָר אי־בערגעקליידטע זכרים, הייסט ער פאָרשטעלן דאָס פּורים־שפּיל און האָט שטאַרק הנאה פון אַן אַלטן יידישן פריילעכן מנהג.

ער בענטשט מרדכין, שעלט המנען, דעם צורר, טוט אַ שפּיי אויף ושתין מיט זרשן, אַ גלעט אסתר המלכהן און ווינטשט צו דער קאָמפּאַניע, מען זאָל דערלעבן איבעראַיאָר און ווידעראַמאָל פאָר־שטעלן ביי אים דאָס פּורים־שפּיל.

נאָך דעם רבין גייט די קאָמפּאַניע צום ראש־הקהל. דאָרט גייט עס צו אַ ביסל פאַרשייטער, פרייער. חברה באַקומט צו קאַפּעלעך בראָנפן, עס דערווייכן זיך די פאַרשמאַכטע הערצער, עס לייטערן זיך אויס די שטימען, און ווי קאַרג דער ראש־הקהל איז, זאָל אים צו קיין חרפּה נישט זיין, שטייגט דאָך איבער די הנאה זיין קאַרגשאַפט, און ער שענקט מאָטלען גאַנצע פינף רובל פאַר זיך און פאַר זיין קאָמפּאַניע.

מיט דעם גייט חברה ווייטער. זי פילט זיך תקיפער, און ווו זי איז נישט זיכער מיט דער רעכטער נדבה, דינגט מען זיך פרייער. מאָטל זאָגט:

— מיין סחורה, אייער געלט. איר האָט אַ ברירה: יאָ אָדער ניין. קיין מוז און פאַריבל גייט דאָ נישט אָן. פּורים איז אַ ייד נישט קאַרג.

מאָטל ווייסט אויך, ווו איין, ווו אויס, און ביידע צדדים בלייבן תמיד צופרידן.

אזוי גייט עס שוין דער עסק פון יאָר צו יאָר. יידן זעען המנס מפּלה, דאָס הייסט איציקל גלעזערס מפּלה, ווי זיין אייגענער טאַטע, ישראל, דער ניקאָ־איעוווסקער זעלנער, וואָס איז דער מלך אחשורש, הייסט אים אויפהענגען און ווי מאַנדרעכיי היהודי גייט מיט דער גרויסער בלעכענער קרוין מיט גלעקלעך אויפן קאָפּ, און אַלע בוקן זיך צו אים. און מאָטל קוקט אויפן עולם און טראַכט בעת מעשה: עס וועט זיין אויף פּסח, איך האָב אייך אַלעמען אין דער אדמה...

* *

*

אזוי איז אַלעמאָל געווען, און אַזוי וואָלט זיך זיכער אויך ווייטער געפירט, וואָרים עולם כמנהגו נוהג. אַלע יאָר איז פּורים, אַלע יאָר לייענט מען די מגילה, שלאָגט מען המנען, און מען הענגט אים אויף...

אמת, המן בלייבט המן, דער אייגענער מיט זיינע מסירות, אָבער יידן בלייבן אויך די אייגענע. דאָס פאָלק איז אייביק... אייביק איז אויך טאָג און נאַכט, זומער און ווינטער... אפשר דאַרף אַזוי זיין, אפשר מוז אַזוי זיין... אפשר וואָלט אויך אונדזער מאָטל פאַרבער געבליבן אַ פאַרבער זומער, אַ פריילעכער קבצן ווינטער, און אַ פּורים־שפּילער, אַ מאַנדרעכיי היהודי פּורים און שושן פּורים עד היום הזה, ווען עס מאַכט זיך נישט די אומגעריכטע געשיכטע מיטן פּאָליצמייסטער.

און די געשיכטע מיטן פּאָליצמייסטער איז געווען אַזאַ.

עטלעכע וואָכן פאַר פּורים איז אין שטאָט אָנגעקומען אַ נייער פּאָליצמייסטער ערגעץ פון די ווייטע רוסישע שטעט. ער האָט יידן און יידישע מנהגים קיינמאָל נישט געזען און נישט געהערט. אָבער נאָך איידער ער האָט זיך רעכט באַקענט מיט יידן און יידישקייט, האָט זיך אונטערגערוקט דער פּורים.

געוווסט האָט ער שוין אפשר וואָס פּורים באַטייט, אָבער פון פּורים־שפּילער האָט ער זיכער קיין באַגריף נישט געהאַט. און אַרויסגייענדיק פּורים פון דער פּאָליציי, האָט ער אומגעריכט באַגעגנט די גאַנצע קאָמפּאַניע פּורים־שפּילער.

און אָט האָט ער פּלוצלונג דערזען איציקל המן אין דער גענעראַלסקער אוניפאָרם מיט די אָרדנס און מעדאַלן אויף דער ברוסט. האָט ער געמיינט, עס גייט עפּעס אַן אומבאַקאַנטער גענעראַל, און דער פּאָליצ־

מייסטער האָט זיך איבערגעשראָקן. ער האָט זיך באַלד אויסגעגלייכט, זיך אַנידערגעשטעלט, צוגעטראָגן די האַנט צום שלייף, געסאַלוטירט, ווי מען איז זיך נוהג אין אַזאַ פאַל. המן, איציקל, הייסט עס, האָט אַפילו איינגעזען דעם טעות. אָבער ער האָט זיך געמאַכט נישט וויסנ־דיק. ער האָט אויך אויפגעהייבן די האַנט צום שלייף, אָבער מיט אַזאַ מינע, ווי עס סאַלוטירט אַ גרעסערער אַ קלענערן.

דערזען אַזאַ מין סצענע, האָבן די יידישע און קריסטלעכע קרע־מער, וואָס זענען דערביי געשטאַנען, אויסגעשאָסן מיט אַ געלעכטער.

דער פּאָליצמייסטער איז בלאַס געוואָרן. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָ איז פאָרגעקומען עפּעס אַן אומפאַרצייַלעכער טעות, וואָס שמעקט מיט גרויסע בזיונות...

ער האָט זיך אָנגעהייבן אַרומצוקוקן און האָט באַלד דערזען מאָנדרעכיי היהודי אויף זיין וואַילאַקענעם פערד, דעם אַלטן קעניג, אחשורש, איציקלס טאַטן מיט דעם שרביט הזהב אין האַנט, ושתּי המלכּה מיט דער מכּה אויפן שטערן און אסתּר המלכּה אין אַ געלן פּאַרוק מיט אַ לאַנגן שלייער און מיט אַ פּאַפּירענער קרוין אויפן קאָפּ. נאָך זיי האָט זיך נאָכגעצויגן אַ גאַנצע כאַליאַסטרע שרים און משרתים אין מיליטערישע מלבושים.

אַ פאַרשעמטער, האָט דער פּאָליצמייסטער געמאַכט הינטערוויי־לעכטס אַ פּאָר טריט און זיך העגדום־פּעגדום אַריינגעכאַפּט אין דער פּאָליציי. פון דאָרט האָט ער באַלד אַרויסגעשיקט עטלעכע פּאָליציאַנטן, זיי זאָלן פּאַקן דעם „גענעראַל" מיט זיין סוויטע און אַריינישבענען זיי אין קאָזע...

דער פּאָליצמייסטער איז געווען זייער בייז און אויפגערעגט.

די פּאָליציאַנטן האָבן זיך תּיכּף ומיד אַ לאָז געטאָן נאָך די פּורים־שפּילער, און עס האָט לאַנג נישט געדויערט: אַלע — פון המנען ביז ושתּי המלכּה, און אַפילו ויזתא, זענען אַריינגעפּאַקט געוואָרן אין קאָזע.

און אַזוי־אַרום איז די גאַנצע פּורים־שמחה פאַרשטערט געוואָרן אין שטאָט.

ערשטענס, איז טאַקע געווען אַ רחמנות אויף מאָטל פּאַרבער מיט זיין קאָמפּאַניע, וואָס פייניקן זיך אין דער קאַלטער פינסטערער קאָזע, און ווייסט איין גאָט, מיט וואָס דערדאָזיקער ענין קאָן זיך נאָך

ענדיקן. און, צווייטנס, האָט מען זיך סתם איבערגעשראָקן: עפּעס אַ קליינינקייט, פאַרשעמען אַ פּאָליצמייסטער...

אין שטאָט האָט זיך נאָך דעם אייגענעם טאָג פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז דער פּאָליצמייסטער האָט גוזר געווען, מען זאָל אינגאַנצן מבטל מאַכן דאָס פּורים-שפּילן, און די פּורים-שמחה זאָל זיך בכלל נישט וואַרפן אין די אויגן...

יידן האָבן אַראָפּגעלאָזט די קעפּ. יינגלעך און מיידלעך האָבן געוויינט. ווייל זייער פרייד איז צעשטערט געוואָרן. עס איז געווען נישט קיין פּורים, נאָר אַ תשעה באב.

דער אויבערשטער שיקט אָבער אַלעמאָל צו די רפואה פאַר דער מכה.

דאַרף דעם פּאָליצמייסטערס ווייב גיין אין דעם אייגענעם טאָג צווישן די קראָמען עפּעס קויפן, און די קרעמערקע, דווקא אַ היינטוועל-טיק ווייבל, וואָס האָט אַ געשליפן צינגל, דערקענט אין איר אַן אַמאָ-ליקע חברטע אירע.

ביידע ווייבער צעקושן זיך, צעהאַלדזן זיך, ווי צוויי שוועסטער. וואָס פאַר אַ פריינטשאַפט, דאַכט זיך, קאָן זיין צווישן אַ פּאָליצמייסטערס אַ ווייב און אַ יידיש ווייבל, אַ קרעמערקע? אָבער גאָט, ברוך הוא, דרייט שוין אַזוי אויס דאָס רעדל, אַז אַלעמאָל זאָל זיין גוט. דאַרף דעם פּאָליצמייסטערס ווייב פאַרברענגען אַמאָל דעם זומער אין מאַריענ-באַד און זיך באַקענען מיט דעמדאָזיקן ווייבל, וואָס איז אויך דאָרט געווען. דעם פּאָליצמייסטערס ווייב איז אָבער דאָרט ערנסט קראַנק געוואָרן און די יידישע פרוי האָט פאַר איר איינגעלייגט אַ וועלט. זי האָט איר געבראַכט דאָקטוירים, גערעדט מיט זיי, ווייל דעם פּאָליצמייסטערס ווייב האָט אַ וואָרט דייטש נישט געקענט און האָט זי בכלל אָפּגעהיט, ווי דאָס אויג פון קאָפּ.

עס פאַרשטייט זיך, אַז יענע, די קראַנקע, האָט זיך צוגעבונדן צו דעם יידישן ווייבל מיט לייב און לעבן.

שפּעטער אָבער האָט מען זיך צעשיידט, זיך הייס צעזעגנט, און ווי עס טרעפט אין אַזאַ פאַל, ביסלעכווייז פאַרגעסן איינאַנדער.

דאָס מזל האָט זיי אָבער ביידן ווידעראַמאָל צוזאַמענגעפירט: איינע אין דער ראָל פון אַ פּאָליצמייסטערס אַ ווייב און די אַנדערע אין דער געשטאַלט פון אַ קרעמערקע...

אין ביידע ווייבער זענען ווידער און ווידער געפאַלן איינאַנדער אויפן האַלדז און זיך אפילו צעכליפּעט.

שפעטער, אַז מען האָט זיך באַרויקט און מען האָט שוין גע־קענט רעדן אפילו פון זייטיקע זאַכן, האָט מען זיך דערציילט מעשיות פון מאַריענבאַד און מען האָט אַלץ דערמאָנט יענעם זומער, וואָס איז געווען דער מקור פון זייער הייסער פריינטשאַפט.

דעם פּאָליצמייסטערס ווייב האָט פאַרבראַכט אַ פאָר שעה ביי דער קרעמערקע און איז אַוועקגעפאָרן אַהיים.

אין דעם אייגענעם טאָג, אינאָוונט, האָט דאָס יונגע ווייבל זיך איבערגעטאָן אין אירע שענסטע קליידער און איז אַוועקגעפאָרן מיט אַ וויזיט צום פּאָליצמייסטער.

דאָס יונגע ווייבל האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אסתּר המלכּה, וואָס איז דווקא נישט געווען קיין גרינגע און וואָס האָט געשיינט און גע־לויכטן, ווי דער מאָרגנשטערן.

זי איז געגאַנגען בעטן פאַר די אַרעסטירטע. האָט זי דאָך עפּעס איצט געהאַט אַ צד אין פּאָליציייאישן טיש.

דאָרט, ביים פּאָליצמייסטער, האָט מען זי זייער וואַרעם אויפ־גענומען.

דער פּאָליצמייסטער האָט שוין געוווּסט, אַז דאָס איז די יידי־שע פרוי, וואָס האָט אַמאָל געראַטעוועט זיין ווייב אין איר עלנט, נויט און קראַנקהייט.

און נאָך אַ לענגערן שמועס וועגן זייטיקע זאַכן, ווי מען איז זיך נוהג אין אַזאַ פאַל, האָט די יונגע שיינע „אסתּר" זיך אָנגערופן צום פּאָליצמייסטער:

— איך האָב צו אייך אַ בקשה... ניין, איך פאַרלאַנג אַ טובה...

דער פּאָליצמייסטער האָט זיך שטאַרק פאַרחידושט:

— ביי מיר אַ טובה?

און ער האָט געזאָגט:

— וואָס נאָר איך האָב אין מיין מאַכט, וועל איך פאַר דיינעט־וועגן טאָן! מה שאלתך ומה בקשתך, אסתּר? — זאָגט ער אויף זיין לשון, נישט ווי עס שטייט אין דער מגילה.

און דאָס ווייבל „אסתּר" נעמט און דערציילט אים אויס דעם גאַנצן ענין פון פּורים, פון שלח־מנות און פּורים־שפּילער, און דער־מאָנט אים, אַז הייַנט האָט ער, נישט וויסנדיק מסתּמא פון דעם מנהג, געהייסן אַרעסטירן עטלעכע אַזעלכע אָרעמע אומשולדיקע יידי־שע פּורים־שפּילער, וועלכע וואַרטן אויף דעם טאָג, ווי אויף אַ יריד.

זיי פֿאַרדינען היינט דורך זייערע אומשולדיקע פֿאַרשטעלונגען אויפֿן גרויסן יום־טוב פסח און אויף צו באַצאָלן זייערע חובות פֿאַרן ווינטער.

דער פּאָליצמייסטער האָט זיך גוטמוטיק צעלאַכט, געהייסן באַלד אַלע אַרעסטירטע יידן אַריינבעטן צו זיך, און אסתרן, זייער מליץ יושר, האָט ער געבעטן, זי זאָל דאָ בלייבן זיצן. ער וויל זען זייער פֿאַר־שטעלונג און זי וועט אים, אגב, איבערזעצן דעם גאַנצן אינהאַלט אויף רוסיש.

מען האָט אַריינגעפֿירט די חברה, מכבד געווען זיי אפֿילו מיט גלעזער קאָניאַק און פֿאַרבייסן. און מען האָט זיי געהייסן שפּילן.

דער עולם האָט זיך דערוואַרעמט, עס איז געוואָרן לעבעדיק. די קאָזע־לייט האָבן פֿריילעך אָפּגעשפּילט דאָס פּורים־שפּיל.

דער פּאָליצמייסטער האָט געלאַכט, כאָטש ער האָט עס נישט פֿאַר־שטאַנען. די קאָזע־לייט האָט מען באַפֿרייט און די גאַנצע שטאָט איז אַזוי ווי אויפֿגעוועכט געוואָרן. מען האָט זיך געפֿרייט מיט די באַפֿרייטע פּורים־שפּילער, און די יונגע שיינע קרעמערקע האָט באַ־קומען פֿון דעמאָלט אָן דעם קלינגענדיקן נאָמען: א ס ת ר ה מ ל כ ה.

אחיזת-עינים.

איינמאָל, אין אַ ראש-חודש-טאָג, ווען דער רבי האָט אונדז, חדר-ייִנגלעך, פריי געלאָזט פריער ווי אין אַלע טעג פון אַ גאַנץ יאָר, האָט מיך מיינער אַ חבר גענומען אין „קאָמעדיע".

די „קאָמעדיע" איז געווען אַ מין גרויסע סוכּה, אָן סכך, צונויפ-געשלאָגן פון נייע און אַלטע ברעטער אינמיטן מאַרק.

מיין חברס פאָטער האָט געהאַט אַן אכסניה — פון האָטעלן האָט מען נאָך צו יענער צייט אין יידישע שטעטלעך נישט געוווּסט — און דער קאָמעדיאַנט, ווי מען האָט דעמאָלט אָנגערופן יעדן קונצנ-מאַכער איז איינגעשטאַנען אין דער אכסניה.

צוליב דעם איז מיין חבר אַ גאַנצער נכנס ויוצא געווען אין „קאָמעדיע" און צוליב אים האָט מען אויך מיך אַריינגעלאָזן אומזיסט.

קאַ סך, אַ סך קונצן האָט דערדאָזיקער קאָמעדיאַנט באַוויזן עפּעס מיט קאָרטן, וואָס איך האָב נישט אָנגעהייבן צו באַגרייפן און נישט פאַרשטאַנען פין וואָס דער עולם ווערט נתפּעל און פּאַטשט בראַוואָ. נאָר אַז איך האָב געזען, אַז אַפילו גרויסע פּאַטשן בראַוואָ און ווערן נתפּעל, האָב איך אויך געפּאַטשט מיט די הענט, כאָטש נישט דאָס האָב איך געמיינט צו זען אין „קאָמעדיע".

ווידער, האָב איך גערעכנט, קאָסט עס דאָך מיר נישט קיין געלט, און אַז מיין חבר האָט געזאָגט: „פּאַטש בראַוואָ!" האָב איך געפּאַטשט ביז די הענט האָבן מיר אָנגעהייבן ווײַ צו טאָן. מיין חבר, וואָס האָט אין קאָרטן געהאַט אַזאַ ידיעה, ווי איך, איז, אַפּנים, אויך נישט נתפּעל געוואָרן פון די קאָרטן-קונצן, וואָרים ער האָט מיך אַלץ געטרייסט:

— בלאָטע, דאָס איז נאָך גאָרנישט, נאָר גלאַט אַזוי... אָבער באַלד וועסטו זען טאַקע אַן אמתן קונץ, וואָס דו וועסט באמת נתפּעל ווערן!...

און באַלד האָב איך טאַקע אַזוינס געזען, וואָס איז ביי מיר גע־וועזן מער וואונדער, ווי די אַלע וואונדער, וואָס פרעה מלך מצרים מיט זיינע חרטומים האָבן אַמאָל אין חומש געזען.

פון אַ קליין פלעשל, וואָס אין אַפּטייק נעמט מען אין דעם טראָפּנס צו ציינווייטיק, האָט דערדאָזיקער קונצנמאַכער אפשר אַ שעה כסדר אָנגעגאָסן גרויסע גלעזער ביר, בראָנפן, ווײַן און וואָס פאַר אַ משקה איינעם האָט זיך נאָר פאַרוואָלט, אַלץ פון דעם אייגענעם פלעשל, און דאָס פלעשל איז דאָך געוועזן פול, האָט זיך נישט אויסגעשעפּט, ווי אַ קוואַל.

איך האָב אַליין געזען, ווי אַנדערע האָבן די אָנגעגאָסענע גלע־זער פאַרזוכט נאָר מיט אַ שפּיץ צונג, און אנדערע, ווידער, האָבן טאַ־קע די משקאות אויסגעטרונקען ביזן דעק און האָבן זיך מחיה געווען.

איך האָב געהערט, ווי יידן האָבן געשמועסט, וואָס פאַר אַ שוטה דער קונצנמאַכער איז, וואָס ער מאַכט זיך נישט בעסער אַ שענק און טאַקע פאַרקויפן אָט דידאָזיקע משקאות אויפן גלעזל און אויפן קוואָרט און מאסף ממון זיין, און נישט באַווייזן אַזאַ קונץ פאַר פינף קאָפּיקעס אין „קאָמעדיע" און זיין ווי אַ ציגיינער נע־ונד, היינט דאָ, מאָרגן דאָרט.

איך געדענק, איך האָב די יידן געדעכט געגעבן אין האַרצן, אָבער נישט דאָס איז פאַר מיר געווען דער עיקר.

איך האָב געטראַכט, צי מאַכט ער אַזאַ קונץ מיט דעם שם המפורש, צי, להבדיל באלף אלפי הבדלות, מיט כישוף? דורך אַנדערע מיטלען אָנגיסן פון אַזאַ קליין פלעשל אַלע מינים משקאות האָב איך נישט געוווּסט און האָב עס מיר גאָרנישט געקענט פאָרשטעלן.

אויף מאָרגן האָב איך געפרעגט דעם רבין:

— צי איז דער קונצנמאַכער אַ מכשף, צי אפשר גאָר אַ גרויסער צדיק, וואָס האָט דעם שם המפורש באַהאַלטן אין די אויסגעשניטענע איקרעס פון די פיס?

דער רבי האָט זיך צעלאַכט און געזאָגט, אַז מכות ווייסט ער פון שם המפורש. מיט דעם שם המפורש, זאָגט דער רבי, קען מען אפילו אַ גולם מאַכן. — צו יענער צייט האָבן נאָך אַלע געמיינט, אַז אָן דעם שם המפורש קען מען קיין גולם נישט מאַכן, כאָטש היינט ווייסט אַ יעדער, אַז מען באַגייט זיך אָן דעם, דערפאַר אפשר זעט מען טאַקע היינט אַזויפיל גולמס די אין יידישע שטעטלעך. — קיין

מכשף, זאָגט דער רבי, איז ער אויך נישט, וואָרים ער איז אַ ייד. ער האָט היינט יאָרצייט, דערדאָזיקער קונצנמאַכער. ער האָט אין בית-המדרש געזאָגט קדיש און דווקא געגעבן אַ מזומן קערבל אויף משקה נאָכן דאַוונען.

— אַי, איז דאָך די קשיא, מיט וואָס פאַר אַ כּוח האָט ער פאָרט געמאַכט דידאָזיקע קונצן, וואָס דו און דער עולם דערציילן, איז דער תּירוץ גאָר פּשוט! פּשוט, וואָס קען גאָר פּשוטער נישט זיין, היינו, ער מאַכט דאָס מיט אחיזת-עינים, פאַרשטייסט?

איך האָב נישט פאַרשטאַנען און האָב געפרעגט:

— וואָס איז אַזוינס אחיזת-עינים?

— אחיזת-עינים, — האָט זיך דער רבי געקוועטשט צו פאַר-טייטשן עס מיט פאַרשידענע משלים, — אחיזת-עינים איז... איז ווי זאָל איך דאָס אָנרופן? דאָס איז אחיזת-עינים... פּשוט אַ מין קונץ אַזאַ, וואָס איינער קען עס און וואָס דער אַנדערער קען עס נישט. וואָרים אויך די אייגענע מעשה, אַז דאָס זאָל ווידער זיין אַזאַ כּוח, וואָס איז צוגעבנגלעך פאַר אַלעמען, וואָלט עס דאָך ווידער קיין קונץ נישט זיין, און מען וואָלט דערפון קיין חידושים נישט דערציילט!...

געדענקט-זשע, קינדער, — האָט דער רבי אונדז, חדר-יינגלעך, מסביר געווען דעם ענין פון אחיזת-עינים, איבערפרעגנדיק עטלעכע מאָל, צי פאַרשטייען מיר, ווי זיין שטייגער איז תּמיד געווען ביי יעדן שווערן ענין, וואָס ער האָט אַליין נישט פאַרשטאַנען. — נאָכאַמאָל, אחיזת-עינים איז אַלץ, וואָס איינער קען און וואָס דער אַנדערער קען נישט, און טאַקע דאָס איז דער קונץ און דאָס איז דער חידוש אין דעם קונץ! פאַרשטייט איר?

— מיר פאַרשטייען! — האָבן מיר אַלע געענטפערט, כאָטש מיר האָבן עס אַזוי פאַרשטאַנען, ווי דער רבי אַליין.

רבי, — האָט זיך אָבער אַ ייִנגל, אַ תּמים, אַרויסגעכאַפּט מיט אַ שאלה, — און אַז איין ייִנגל קען לערנען און דער אַנדערער קען נישט, איז דאָס אויך אחיזת-עינים?

— דו ביזט נעבעך, אַ שוטהלע! — האָט דער רבי געענטפערט. — אחיזת-עינים איז נישט שייך צו לערנען. אחיזת-עינים איז נאָר שייך צו וואָס מען זעט... קענען לערנען זעט מען דאָך נישט, מען הערט, ווי יענער קען! פאַרשטייסט?

אין יענער צייט האָבן אפשר אַלע געמיינט, אַז מען קען מיט

אחיזת-עינים נישט ווייזן ווי מען קאָן לערנען. היינט זעט מען אחיזת-עינים ביים לערנען אין שול אָדער ערגעץ אַנדערש, אַזוי גוט ווי אַמאָל ביי גרויסע קונצן אין „קאָמעדיע" פון ברעטער אינמיטן מאַרק. און אפשר האָט מען דעמאָלט נאָר פון אַחיזת-עינים אַליין געוווּסט, היינט ווייסט מען אויך פון אַחיזת-ידים ורגלים, פונקט ווי פון אַחיזת-עינים. נאָר איך האָב מיין רבין געגלויבט און ווייטער נישט איבער-געטראכט.

פון יענער צייט זענען שוין אַ סך, אַ סך יאָרן אַריבער, איך בין פון חדר אַרויס, אין לעבן אַריין, אַ סך זאַכן געזען, וואָס יענער קען און איך נישט.

איך האָב אַ סך זאַכן נישט פאַרשטאַנען, ווי אַזוי קען עס דער, ווי אַזוי טוט עס יענער, וואָס איך קען עס נישט און מיין רבים דערקלערונג האָט מיר אָבער שטענדיק אַלץ פאַרענטפערט:

— אַחיזת-עינים! נישט מער ווי אַחיזת-עינים!

און עס איז מיר אַלץ קלאָר געוואָרן, אַלץ פאַרענטפערט געוואָרן. איך בין פון פיל זאַכן ווייניק נתפעל געוואָרן.

ערשט נישט לאַנג צוריק איז מיר עפּעס אַ ספק אַריינגעפאַלן. איך האָב אַ ניי וואָרט דערהערט, און עס איז מיר געווען פרעמד און אומפאַרשטענדלעך. און עס איז אויך נישט געווען מיין רבי, וואָס זאָל מיר דערקלערן דעם אונטערשייד צווישן אַחיזת-עינים און דעם נייעם וואָרט.

און די מעשה איז אַזוי געשען: איך בין געווען אַ שכן פון ר׳ לייבעלע וויינשענקער, אַ פרומער ייד, וואָס מיט זיין לערנען און דאַווענען מעגן זיך גאָט און לייט בענטשן, און פונדעסטוועגן האָב איך זיך צוגעקוקט, ווי דער אייגענער ר׳ לייבעלע קען די קונץ פון אַחיזת-עינים נאָך פיל בעסער, ווי יענער קונצנמאַכער אין יענער „קאָמעדיע" פון מיינע קינדעריאָרן.

עס שטייען אַפילו ביי ר׳ לייבעלען א סך פעסער, גרויסע און קליינע, נאָר צאַפּן צאַפּט ר׳ לייבעלע אַלץ פון איין פעסל. אַ מאָדנע פעסל, זאָג איך אייך.

קומט אַ ייד ערב פסח און בעט פאָנטאַק, זיסן פאָנטאַק, צאַפּט ר׳ לייבעלע אַליין פון דעם פעסל פאָנטאַק, אמת זיסן פאָנטאַק.

קומט תוך כדי דבור אַריין הערשל וואָכערניק און זאָגט:

— ר׳ לייבעלע, גיט מיר אַ פערטל עמער בּאָרדאָ, נאָר אמתן בּאָר־דאָ פון בּאָרדאָ-לאַנד און בּארעכנט מיט יושר, נישט טייער!

צאַפּט ר׳ לייבעלע בּאָרדאָ פון בּאָרדאָ־לאַנד אַלץ פונם אייגענעם פעסל און בּארעכנט מיטן קריידל מיט יושר בּסך־הכּל אַ גילדן מיט אַכצן גראָשן אויפן קוואָרט טייערער פאַר פאַנטאַק און שווערט זיך אָפּ, אַז ער פאַרדינט נישט מער ווי די אַכצן גראָשן.

און אַז הערשעלען גיט זיך איין אָפּצודינגען דידאָזיקע אַכצן גראָשן, דאָס הייסט דאָס גאַנצע פאַרדינסט ר׳ לייבעלעס, איז ער אַזוי צעפרידן און גליקלעך, אַז ער האָט געפּי״ט גאָר אַ באַזונדער טעם אין דעם בּאָרדאָ, טאַקע פון אמתן בּאָרדאָ־לאַנד.

קומט אין אַ מינוט אַרום אַריין ר׳ שלמה וויינטרויב, אַ ייד אַ נגיד, נאָר אַ ביסל אַ גדלן, ווי שלעכטע צינגער רעדן, און זאָגט:

— ר׳ לייבעלע, גיט מיר אַ האַלב עמער עכטן מאַדערע. צו דעם ווייַן בּין איך געוווינט... אויף אַלע פסח נעם איך אים. איך קען אַ גאַנץ יאָר אויך קיין אַנדער ווייַן אין מויל נישט נעמען...

לייגט ר׳ לייבעלע אַ פינגער אַרויף אויף זייַן שטערן, מאַכט עפּעס אַ קנייטשל, פאַרטראַכט זיך אַ ביסל און זאָגט:

— איך האָב עכטן מאַדערע, אָבער זייער ווייניק, אפשר אַ פינף עמער וועט נאָך זייַן אײַנגאַנצן... און מיר איז אַ שאָד זיך צו געזעגענען מיט אַזאַ ווייַן. מען מוז אויף אים האָבן דעם אמתן מבין, און פאַר דעם אמתן מבין איז מייַן מקח נישט צו טייער.

שווערט ר׳ שלמה, אַז טאַקע נאָר ער איז דער אמתער מבין, און חוצן מקח וועט מען אַדורכקומען. מען וועט נישט גיין צום רב.

צאַפּט ר׳ לייבעלע ווייטער פון אייגענעם פעסל, וויקלט איין די אָנגעגאָסענע פלעשער אין ראָזע דינע פּאַפּירלעך, און שיקט זיי אָפּ צו ר׳ שלמהן אַהיים מיט זייַן משרת.

ר׳ שלמה טרינקט צו די סדרים עכטן מאַדערע, פילט ממש אַ אַ טעם גן-עדן, און רעדט אַלץ איבער:

— אַי, אַי, אַן אַנטיק! מען דאַרף נאָר זייַן דער אמתער מבין...

אָבער ווער ווייסט, וויפל ר׳ לייבעלע וועט פאַר אים זינגען?

אַפילו פאַר אַ חולה מסוכן, נעבעך, ווען דער דאָקטאָר זאָגט אָן חיות נישט זיכער, מען זאָל נישט קאַרגן קיין געלט און טאַקע קויפן דעם עכטן טאָקאַיער. וואָס איז, לפחות, פופציק יאָר אַלט, איז ר׳ ליי־בעלע, אָן עין־הרע שוין אַ זיבעציקער ביז הונדערט און צוואָנציק יאָר

און ער פֿאַרזיכערט, אַז ער האָט נאָך דעם טאַקאַיער בירושה פֿון זיין פֿאָטער ר׳ אברהם ווײַנשענקער, זכר צדיק לברכה.

ער הייסט זיך טאַקע גוט באַצאָלן און ... צאַפּט ווײַטער פֿון דעם אייגענעם פֿעסל, צו ראַטעווען דעם חולה, ער זאָל קענען בשלום אַריבער דעם קריזיס.

אַז ר׳ לייבעלע מאַכט דעם קונץ מיט אַחיזת-עינים, איז ביי מיר קלאָר געווען ווי דער טאָג.

דער עצם קונץ איז ביי מיר גאָר קיין קונץ נישט געווען. מיט אַחיזת-עינים קען מען באַווייזן נאָך גרעסערע קונצן.

אַ חידוש איז מיר נאָר געווען, ווי קומט אַזאַ פּשוטער פֿרומער ייד מיט באָרד און פּיאות, ווי ר׳ לייבעלע, צו אַחיזת-עינים?

אַחיזת-עינים, האָב איך געמיינט, איז אין מאָנאָפּאָל נאָר ביי יענע לייט, וואָס זענען כאָטש יידן, אָבער פֿאַרשייטע יידן.

יידן, וואָס ציטערן נישט פֿאַר באָרד און פּיאות און וואָס מען ווייסט, אַז זיי זענען יידן נאָר דערפֿאַר, ווײַל זיי האָבן אַמאָל אַ יאָרצייט, זאָגן קדיש און דאַסגלייכן, אַזוי ווי יענער קונצנמאַכער פֿון מײַנע חדר-יאָרן.

אָבער ר׳ לייבעלע, וואָס פֿאַרפֿעלט נישט אַפֿילו אינדערוואָכן קיין מנחה מיט אַ מנין — ווי קומט צו אים אַחיזת-עינים?

דידאָזיקע קשיא האָב איך אַמאָל געפֿרעגט פּיניע דעם קופּער, וואָס דינט שוין ביי ר׳ לייבעלען אין קעלער אַ יאָר דרייסיק כסדר. איך האָב געוווסט, אַז פּיניע טראָגט אַ ביטער האַרץ אויף ר׳ לייבעלען, למאי יענער העכערט אים נישט זיין פּענסיע, כאָטש זיין אַרבעט איצט אין קעלער איז זיבן מאָל מער, ווי אַמאָל. און דער פּיניע האָט מיר אָפּגעלייקנט שטיין און ביין.

— דאָ איז קיין שום אַחיזת-עינים נישטאָ! — זאָגט פּיניע. — ער, ר׳ לייבעלע, איז נישט קיין קונצנמאַכער. נישטאָ דאָ קיין שום סודות, נאָר גלאַט אמונה און ווײַטער גאָרנישט!...

— ווי הייסט אמונה? — פֿרעג איך פֿאַרוווּנדערט, — וואָס איז שייך אמונה צו פּאָנטאַק, באָרדאָ און מאַדערע?

עס איז שוין יאָ שייך! — זאָגט פּיניע. — און מיינט איר, מען ברויכט, אַז דווקא דער קונה זאָל זיין אַ מאמין? חלילה, גענוג אַז מען איז אַליין אַ מאמין און מען גלויבט טאַקע באמונה שלמה, אַז פֿונם פֿעסל צאַפּט זיך פּאָנטאַק, באָרדאָ, כערעס, מאַדערע און טאָקאַ-

יער. ר' לייבעלע איז טאַקע אַזאַ מאמין און דערפאַר איז זיין הצלחה אַזוי גרויס. ער בויט שוין די פערטע קאַמעניצע, חוץ קינדערישע חתונות, וואָס האָבן אים געקאָסט גאַנצע אייגנסן...

— איך פאַרשטיי אייך נישט, ר' פּיניע, — זאָג איך צו אים. — ווי הייסט, ער גלויבט, אַז עס צאַפּט זיך פון איין פעסל פּאַנטאַק, באָרדאָ און מאַדערע? ווייסט ער דען נישט, וואָס מען גיסט אַריין אין פעסל?

— ער ווייסט גאַנץ גוט, אַז אין פעסל איז נישט מער, ווי אַ ביסל געמלאַכהט בעסאַראַביער וויין, צוגעפּראַוועט מיט כּל המינים שהוא: געברענטער צוקער, קובעבע און לאַקריץ... אויך ווייסט ער, אַז אויף טייכוואַסער איז ער אַ גרויסער בעל-הוצאה, און פונדעסט-וועגן זאָג איך אייך גאָר אָן אַ שפּאַס: ער גלויבט, אַז עס צאַפּן זיך פון פעסל אַלערליי וויינען, וואָס מען קען נאָר רעדן און געדענקען!

פּיניע האָט געשמייכלט.

— און מיינט איר, — זאָגט ער ווייטער, — ער פאַרשטעלט זיך אפשר און זאָגט, אַז ער גלויבט און אין האַרצן גלויבט ער נישט? זאָג איך אייך, אַז איר קענט אים נישט. לאָמיר פּרווון אַמאָל פאַר-קויפן באָרדאָ אויף דעם אייגענעם מקח, ווי פּאַנטאַק, כאָטש דער באָרדאָ מיט דעם פּאַנטאַק שטאַמען ביידע פון דעמזעלבן פּעסל, וועט ער שרייען, אַז איך שטעל אים בדיל הדל, אַז איך האָב אַ פויערישן קאָפּ... ער באַרעכנט מיר, אַז דער באָרדאָ קאָסט אים טייערער, ווי איך האָב פאַרקויפט...

— איך פאַרשטיי נאָך אַלץ נישט, ר' פּיניע, — שריי איך, — ווי הייסט, ער גלויבט! לאָמיר גלויבן, אַז מיין שטעקן, וואָס איך האַלט איצט אין האַנט, איז גאָלד? ווי קען מען גלויבן, אַז מען ווייסט זי-כער, אַז עס איז נישט אַזוי? און פאַרוואָס גלויבט איר נישט?

— אָט דאָס איז דאָך טאַקע דער קונץ, — זאָגט פּיניע קופער, — וואָס איינער קען גלויבן און וואָס דער אַנדערער קען נישט! און דאָס טאַקע שמועס איך דאָך, אַז מען ברויך גאָר קיין אחיזת-עינים נישט, נאָר אמונה. אמונה און אמונה! אמונה אין זיך, אמונה אין פעסל און אמונה, אַז דער גאַנצער עולם, וואָס טרינקט וויין, ווייסט נישט וואָס וויין איז... מען ברויך נאָר אים מיט אמונה זאָגן: אָט דאָס איז פּאַנ-טאַק און דאָס איז מאַדערע!...

אוועקגייענדיק פון מיר, האָט פּיניע מיט אַ זיפץ אויסגערעדט:

— ווען גאָט שיקט מיר צו אַזאַ שטיקל אמונה, ווי ר' לייבע־לע האָט, וואָלט איך צאַפּן פונם פעסל נישט נאָר פּאָנטאַק, באָרדאָ, שאַקייער און מאַדערע, נאָר אַפילו כרמל... עכטן כרמל פון ראשון לציון, פון רחובות, אַפילו פון קפריסין־ווײַן...

— און איך וואָלט אַפילו גאָרנישט באַדאַרפט וויסן, אַז עס דאָ אַן ארץ־ישראל אויף דער וועלט, פונוואַנען עס קומט אָן אַהער דער כרמל־ווײַן!...

אַזאַ קליין מענטשל, דאַכט זיך, ווי פּיניע קופּער, האָט מיר מיט זײַן דערקלערונג דעם גאַנצן קאָפּ צעמישט. ביז איצט האָב איך גע־מיינט, אַז נאָר מיט אחיזת־עינים קען מען מאַכן אַזעלכע קונצן, אַז אין די אחיזת־עינים איז עפּעס אַזאַ מין סוד, וואָס לאָזט זיך נישט פאַר צלעמען אַנטפּלעקן.

איצט אָבער הייב איך אָן צו גלויבן, אַז עס איז לכתחילה קיין אחיזת־עינים גאָר נישטאָ.

עס איז נאָר דאָ אמונה. אַ פעסטע אמונה אין זיך, אין פעסל און אין יענעמס עם־הארצות.

ביז איצט האָב איך אַפילו מײַנע חברים, די שרײַבער, חושד געווען, אַז זיי שרײַבן אַלץ, וואָס זיי שרײַבן, מיט אחיזת־עינים. מיט איין רגע פריער ברויכן זיי נישט וויסן און נישט טראַכטן וואָס און וועגן וואָס צו שרײַבן, נאָר קוים זאָגט מען זיי: „שרײַבט און נעמט האָנאָראַר!" מאַכן זיי דעם קונץ פון אחיזת־עינים און שאַפן מיט דער פעדער פון טינטער אַרויס, וואָס מען קען הערן און געדענקען; איצט זע איך, אַז עס איז אין דעם אויך קיין סוד נישטאָ. עס איז נאָר דאָ אמונה!

אמונה אין זיך, אמונה אין טינטער, אמונה אין דער עם־הארצות פון לעזער, וואָס ווייסט נישט די נפקא־מינה צווישן פּאָנטאַק, באָר־דאָ, כערעס, מאַדערע און טאָקאַיער אָדער דערציילונג, בילד, סקיצע, פראַגמענט, ראָמאַן און דאָסגלײַכן. איך קען שרײַבער, וואָס נעמען אָן באַשטעלונגען אויף דער שורה, אויפן זייטל, אויף אַ גאַנצן דרוק־בויגן אַפילו....

זיי שרײַבן ליטעראַטור פאַר אַ רובל, פאַר אַ גילדן און פאַר אַ קאָפּיקע....

און פאַראַן שרײַבער אויף דער וואָך און אויפן טאָג און אויפן שעה און אויף דער מינוט, און די באַשטעלטע ליטעראַטור קומט ביי

זיי אַרויס צום טערמין, נישט איין רגע שפּעטער, נישט איין מינוט פריער.

עס האַלט אויס די מאָס נישט מיט איין שורה מער, נישט מיט איין קאָפּיקע ווייניקער.

ווי קאָן מען אַזוינס, פלעג איך זיך פרעגן, אָן אחיזת-עינים ?

ווי קאָן מען איבערהויפּט שרייבן פון ענינים, וועגן וועלכע מען האָט זייער ווייניג וואָס צו זאָגן ?

און איך האָב אַלץ געמיינט אַז ס'איז אַחיזת-עינים. נור לעבן זאָל פּיניע קופּער !

אָט דער פּראָסטער ייד האָט מיר מגלה געווען דעם סוד, אַז עס איז גאָר נישטאָ קיין אַחיזת-עינים אויף דער וועלט.

אַלץ איז בלויז אמונה.

גלויבן מוז מען קאָנען ! מען טאָר גאָר אַ רגע אין ספק נישט זיין, אַז יענער, וואָס טרינקט דעם וויין, אָדער דער, וואָס לייענט די ליטעראַטור, איז אַ מבין אויף די זאַכן: וואָס איז וויין און וואָס איז ליטעראַטור...

און ווי פּיניע קופּער זאָג איך מיט אַ זיפץ: ווען גאָט שיקט מיר צו אַזאַ שטיקל אמונה אין זיך, אין מיין טינטער און אין מיין לעזער, וואָלט איך אייך מיט אַ גרינגן געמיט געשריבן, ווי מיינע חברים, וואָס מען קאָן נאָר הערן און געדענקען איבער אַלץ אין דער וועלט.

איך וואָלט מיר צאַפּן פון מיין טינטער ראָמאַנען, דערציילונגען, פעליעטאָנען, קריטיק און גלאַט אַזוי מאמרים, ווי פאַנטאַק, באַרדאַ, כערעס, מאָדערנע און טאָקאַיער, ווי ר' לייבעלע פון פּעסל...

ווו נעמט מען אָבער אַזאַ אמונה?

דער גאַנצער קונץ,—זאָגט פּיניע קופּער, ווי אַמאָל מיין רבי,—דער גאַנצער קונץ שטעקט נאָר דערין, וואָס איינער קען און וואָס דער אַנדערער קען נישט ! . . .

אָך, אמונה ! אמונה !

דאס יידישע טעאטער.

(געדאַנקען און ערינערונגען).

I.

געבוירן איז דאָס יידישע טעאַטער אין אַן אָדעסער ווינקעלער. אויף די אייגענע פיסעלעך האָט עס זיך צום ערשטן מאָל אויפגעשטעלט — אין אַ רומענישן קאַפע-שאַנטאַן, אין דער צייט פון דער רוסיש-טערקישער מלחמה.

ווען איך האָב עס אין וואַרשע צום ערשטן מאָל דערזען, איז עס נאָך יעדנפאַלס געווען אַ קליין קינד, וואָס האָט ערשט דאָס לשון באַקומען.

פון אַ קליין קינד פאַרלאַנגט מען נישט פיל. וואָס פאַר אַ תנועה אַ קינד זאָל נישט מאַכן, איז אַ חנדל; ווי אַ קליין קינד זאָל זיך נישט אויסדריקן, איז אַ חכמהלע. טרעפט זיך אַ קליין קינד, וואָס האָט ליב נאָכצומאַכן, איבערקאָפּירן די דערוואַקסענע, צווישן וועלכע עס געפינט זיך, הייסט עס, אַ געראָטן קינד. עלטערן און אייגענע קענען זיינע „חכמות" און „גבורות" נישט גענוג אָפּלויבן, אַפילו פרעמדע און זייטיקע מענטשן זענען נישט קאַרג אים אַמאָל אַ קוש צו שענקען אָדער אויסצודריקן זייער צופרידנקייט כאָטש מיט אַ קניפּ אין בעקעלע. עס פאַרשטייט זיך, אַז ווען אַ דערוואַקסענער מענטש זאָל מאַכן אַזעלכע קינדישע העוויות און זאָגן: — דאָס קאָפּירט ער איבער דעם אָדער יענעם, וואָלט מען אויף אים זאָגן: ער מאַכט זיך משוגע אָדער ער איז טאַקע באמת משוגע! פאַר אַ קליין קינד אָבער איז אַלץ שיין, אַלץ — קלוג!...

קוקנדיק מיט אַזעלכע אויגן אויף דעם אַמאָליקן יידישן טעאַטער בכלל און אין וואַרשע בפרט, לייקן איך נישט, האָב איך פון אים נישט ווייניק פאַרגעניגן געהאַט. פאַר אַ קליין קינד, האָב איך מיר דעמאָלט געטראַכט, איז „ני-בע, ני-מע, ני-קוקוריקו" — אַ חנדל; „שמעב

דריק" — א וויץ; „קוני־לעמל" מיט אַלע זיינע ברידער און חברים — אן אמתע לעבנסקאַפּיע...

אמתע קונסט און לעבנס־וואָרהייט קומט מיט די יאָרן, מיט דער ווייטערער אַנטוויקלונג, נישט בלויז פון דעם קינסטלער אַליין, נאָר אויך פון דעם פּובליקום, וואָס דאַרף זיך בילדן און באַקומען פון דער קונסט די גייסטיקע נוצן. בנוגע צום ערשט־געבוירענעם יידישן טעאַטער איז נאָך דאָס דעמאָלטיקע פּובליקום אַליין אויך כמעט קינדיש געווען און האָט זיך מיטן יידישן טעאַטער געשפּילט, ווי איין קינד מיטן אַנדערן, און ביידע האָבן דערביי זייער קינדיש פאַרגעניגן געהאַט.

און טאַקע עפּעס אַ קינדישע אומשולד און יידישער חן איז דעמאָלט געלעגן אויף דעם יידישן טעאַטער. דער חן און די אומשולד האָט זיך געפּילט אין די עכט־יידישע לידעלעך, מיט וואָס איטלעכע פאָרשטעלונג האָט זיך אָנגעהייבן, און מיט וואָס זי האָט זיך שטענדיק אויסגעלאָזן.

איך ווייס נישט, צי האָט דער טאַטע פון יידישן טעאַטער, אברהם גאָלדפאַדען, אויסגעפּוצט זיין ניי־געבוירן קינד מיט אַזויפיל שיינע לידעלעך, ווייל ער האָט פאַר זיך געהאַט אַ מוסטער די אַלט־יידישע, פלומרשט טעאַטער־פאָרשטעלונגען, אַ שטייגער: „שפּרינצער המן" פון פּורים־שפּיל, „מכירת־יוסף" „מלוכת־שאול" און נאָך אַזעלכע, וואָס זענען באַשטאַנען דורכאויס פון לויטער גראַמען און געזאַנג, און גאָלדפאַדענען אַליין איז שווער געווען זיך פאָרצושטעלן אַ יידיש טעאַטער אָן גראַמען, אַ האַנדלונג אויף דער יידישער סצענע אָן געזאַנג, אָדער ער האָט עס באַרעכנט געטאָן?

פילנדיק אי זיך אַליין, אי דאָס יידישע פּובליקום ווייניק צוגעגרייט צו ערנסטע טעאַטער־פאָרשטעלונגען, און אַליין דערקענענדיק די שוואַכע זייטן פון זיינע פּיעסן, האָט ער אפשר דעם חסרון געמיינט ממלא צו זיין מיט זיינע יידישע לידלעך, אין וואָס ער האָט זיך יענדיפאַלס געמעגט פילן שטאַרקער. אַ סך גאָלדפאַדענס לידלעך זענען שוין דעם יידישן פּובליקום באַקאַנט און באַליבט געווען נאָך אַ צייט פריער, איידער ער אַליין האָט נאָך דאָס יידישע טעאַטער אין חלום געזען.

צייטנווייז בין איך אַפילו גרייט געווען צו גלויבן, אַז נישט די לידלעך זענען צוליב דעם טעאַטער אויף דער וועלט געקומען, נאָר דאָס גאַנצע יידישע טעאַטער איז צוליב די לידלעך באַשאַפן געוואָרן. אָבער ווי דאָרט איז שוין געשען, איז איצט קיין נפקא מינה

נישט; איינס איז ביי מיר געוויס, אַז דאָס גאַנצע אינטערעס פון דעם דעמאָלטיקן יידישן טעאַטער, זיין גאַנצער חן, ווי פאַר די מאַסן אַזוי אויך פאַר דעם אינטעליגענטן עולם, זענען געווען נאָר די גאָלדפאַדענישע יידישע לידעלעך, און מען קען דריבער זאָגן: גאָלדפאַדענס יידישע טעאַטער־לידלעך זענען מכפּר די אַלע קינדערישע פעלערן און אַפּט אויך נאַרישקייטן אין דעם גאָלדפאַדענישן יידישן טעאַטער!

און די גאָלדפאַדענישע טעאַטער־לידלעך פון יענער צייט — נישט די קופּלעטן זיינע מיין איך, — זענען נאָך איצט יידישע לידלעך.

דער יידישער עולם האָט זיי ווי עפּעס אייגנס צוגענומען, און זיי זענען מיט דער צייט געוואָרן יידישע פאָלקסלידער.

וועגן איינעם פון יענע טעאַטער־לידלעך האָט מיר דערציילט אַמאָל אַ טאַלנער חסיד, אַ יודע־נגן, אַזאַ געשיכטע:

— עס איז דער גאַנצער וועלט באַקאַנט, אַז מיין רבי, ר׳ דודל טאַלנער, זכותו יגן עלינו, איז געווען בבחינת „דוד מלך ישראל חי וקים". כּמה וכמה רמזים האָט די וועלט געהאַט וועגן דעם על פּי סוד, נאָר גאָר אין פּשטות האָט מען עס אויך געקענט דעריקענען פון זיין שפּילן און זינגען. פלעגט ער נעמען דאָס פידעלע אין האַנט, האָט אפילו אַ ליטוואַק געמוזט מודה זיין, אַז דאָס איז נישט קיין פּשוט פידעלע, נאָר טאַקע דער כּנור דוד מלך ישראל ממש. היינט ווער שמועסט מכּוח זיין זינגען! ווער עס האָט נישט געהערט זיינע זמירות, באַזונדערס נאָך הבדלה, ווייס גאָרנישט וואָס זינגען באַטייט.

ויהי היום, קומט אַמאָל צופאָרן אַן אָדעסער חסיד. שעפּסל אָדעסער האָט מען אים גערופן. דאַרפט איר אָבער וויסן, אַז די אָדעסער יידן, און חסידים אפילו אויך בכלל, זענען מגושמדיקע יידן און מגושמדיקע חסידים — נאָר נישט דאָס איז דער עיקר. — שבת ביי טאָג, קלויבט זיך צונויף אַ כּנופיא חסידים ביים רבין אין שטוב, נעמט שעפּסל זינגען עפּעס אַ ניי זמרל, וואָס צעגייט זיך אין אַלע אברים — אַ סך יונגעלייטלעך דערקענען אפילו דעם ניגון, ווייסן גאַנץ גוט דאָס פיינע ערטל, וווּ מען זינגט דעם ניגון, בחורים מיט מיידן צוזאַמען. אָבער איטלעכער מאַכט אַ שווייג, מען זאָל אים נישט חושד זיין, אַז ער גייט וווּהין מען באַדאַרף נישט. אַז שעפּסל זינגט, זינגען אַלע מיט, ביז והקול נשמע בית פּרעה, ביז ר׳ דודל אַליין האָט דעם ניגון דער־

הערט אין זיין חדר און איז טאַקע באַלד אַריינגעקומען אין עס-צי-מער, פונוואַנען דאָס געזאַנג האָט זיך צוגעטראָגן צו אים. ווײַל מען דאַך מסתמא, מפני כבודו, אויפהערן צו זינגען. טוט ער אָבער אַ מאַך מיט דער האַנט, מען זאָל ווייטער זינגען — אַז דער רבי הייסט, מסתמא געפעלט אים דאָך דער ניגון, זינגט מען דעם ניגון נאָכאַמאָל און נאָכ-אַמאָל. אַז מען האָט לסוף פאָרט אויפגעהערט צו זינגען, מאַכט דער רבי בזו הלשון:

— אַ טייערער רעיון! די ווערטער אויך גאָר פיינע, אַ גוט לידל. יועסט זינגען, שעפסל, דאָס לידל נאָכאַמאָל צו זמירות, נאָך הבדלה!

— איך פאַרשטייט שעפסלס האַרץ בעת מעשה?... וואָלט דער רבי אַפילו אויסגעהערט דאָס לידעלע און וואָלט אַ וואָרט נישט אי-בערגערעדט, וואָלט אַזאַ שעפסל אָדעסער, כאָטש אַ מגושם אַ חסיד, זיך באַלד מודה ומתודה געווען און וואָלט זיכער געזאָגט:

— רבי, את חטאי אני מזכיר, דאָס לידעלע שטאַמט אַרויס נישט פון אַ מקום טהור, איך האָב עס אין אָדעס אין יידישן טריאַטער גע-הערט!

און דער רבי וואָלט אים זיכער באַלד מוחל געווען. איצט אָבער, אַז דער רבי האָט בפרוש געזאָגט: „אַ טייערער רעיון, און די ווער-טער אויך גאָר פיינע” און ער וויל, אַז דאָס לידעלע זאָל געזונגען ווערן פאַר אים צו זמירות, נאָך הבדלה, ווער שעפסל מגושם נישט האָבן אַזאַ העזה צו זאָגן:

— ניין, רבי, דאָס לידעלע איז אַ גראָב לידל, ווייל דער טאַטע זיינער איז אברהם גאָלדפאַדען, אַ גלוח!

פאַרפאַלן, מען האָט געמאַכט אַ שווייג, און פון דעמאָלט אָן איז אַ חק ולא יעבור, צו זינגען דאָסדאָזיקע לידעלע תיכף נאָך הבדלה צו-זאַמען מיט די הבדלה-זמירות.

מילא, דאָס לידעלע מיטן האַרציקן יידישן ניגון איז טאַקע מושך את הלב, אַ מחיה עס צו הערן, אָבער דער גאַנצער ענין איז פונ-דעסטוועגן אַ חדוש נפלא געווען ביי חסידים, וויאַזוי איז מען דאָס רעם רבין נישט מגלה מן השמים, ווער דער טאַטע איז פון דעם לי-דעלע? מען זאָגט אַרויס אַלערליי השערות, אָבער דעם אמת ווייסט קיינער נישט, און מען וואָלט דעם אמת אפשר גאָר קיינמאָל נישט געוויסט, מאַכט זיך אָבער אַזאַ מעשה.

— ווען בעני חזן ווייסט איר דאָך אוודאי. אין אונדזער קאַנט

רעדן וועגן בעניס קול נגינה אפילו קליינע קינדער אין די חדרים. מיט בעניס מאַרשן פירט מען חתן־כלה צו דער חופה און פון דער חופה. אַוודאי קען מען נישט אים צוגלייכן מיטן רבינס ידיעה אין נגינה. קעגן רבינס ידיעה איז בעני טאַקע בבחינת פלאָקן שבפלאָקן, אָבער נישט פאַרמאָסטן מיטן רבין — איז אין דומה לו, איז זעלטן נאָך אַזאַ טייערן קול נגינה צו געפינען.

דעמאָלט, ווען די מעשה איז זיך פאַרלאָפן, איז נאָך בעני געווען דעם טאַלנערס אַ פאַרברענטער חסיד. היינט איז ער אַ מאַקאַראַווער — ווייסט אים דער רוח צוליב וואָס ער האָט אויסגעביטן טאַלנע אויף מאַקאַראָוו! נאָר צום ספור המעשה איז עס נישט שייך. — איינמאָל, אַקוראַט פאַר שבת נחמו, פאַרווילט זיך בענין מאַכן אַ ביי „פריילעכס" און ברענגען ר' דודלען אַ מתנה לכבוד שבת נחמו. ביי בענין איז עס קיין שווערע עבודה נישט: אַ טראַכט געטאָן, און עס איז דאָ! און בעני קומט אויף שבת נחמו קיין טאַלנע מיט אַ פאַרטיקן נייעם „פריילעכס".

אַ גאַנצן טאָג שבת שווייגט ער, רעדט מיט קיינעם נישט אויס אָן אות וועגן זיין „פריילעכס"—ביי חסידים אָבער איז קיין סוד נישטאָ. מען איז געוואָר געוואָרן, און חסידים שמועסן אַ גאַנצן שבת וועגן דעם „פריילעכס", וואָס בעני וועט זינגען מיטן רבינס קאַפעלע תיכף נאָך הבדלה.

דער עולם ריכט זיך אויף אַ שעת הכושר צוליב בעניס „פריילעכס", און אויף ישועות. מען האָט אָבער אַ טעות געהאַט. נאָך הבדלה, ווי דער רבי האָט נאָר אַרויסגערעדט: „והיה כנגן המנגן", כדי ער זאָל קומען צו דער מדרגה פון „ותנח עליו", טוט בעני אַ קנאַק זיין ביי „פריילעכס". אָבער אַנשטאָט צו זען אויפן רבין דעם „קרן עור פניו" ווי אַלעמאָל, ווען ער האָט אַ קורת רוח, באַמערקט איטלעכער, ווי עס ציט זיך אָן עפעס אַ שוואַרצע כמאַרע און פאַרשלייערט דעם רבינס פנים — און וואָס ווייטער בעני זינגט, אַלץ געדיכטער ווערט די כמאַרע. דער עולם ציטערט, דער רבי זאָל, חלילה, נישט אַריינפאַלן אין עצבות, און אַן עק פון דער וועלט, חלילה.

מען ווינקט צו בענין, ער זאָל אַנטשוויגן ווערן, איז דאָך אָבער בעני אַן עקשן, ווייל דער עולם וויל נישט—דווקא! ער מאַכט זיך נישט װיסנדיק און זינגט ווייטער, גלייך ווי נישט אים מיינט מען. ווערט

שוין דער עולם מלא חומה, וויל זיך א וואַרף טאָן אויף אים און אים אַרויסטראָגן אין ליילעכער פון רבינס הויף.

דערזעט עס אָבער דער רבי, טוט ער אַליין אַ זאָג:

— געבוג, בעני!

מער האָט מען טאָקע נישט באַדאַרפט. ביי בענין האָט זיך תיכף דער קול איבערגעריסן, און ער איז געבליבן שטום, ווי די וואַנט, דאָס פנים פון אַ בן-מות, און אין מויל טרייסלט אים אַ צאָן אָן אַ צאָן.

דער עולם זעט אין דעם אַ מופת: בעני איז אוודאי נכשל בעבירה געוואָרן, און דער רבי האָט עס דערשמעקט.

לב יודע מרת נפשו, מען זעט, אַז בעני האָט אַ הרהור תשובה. און ווי עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, איז זיין הרהור תשובה געווען אין דער רעכטער רגע, ווארים תיכף האָט אים דער רבי באַוויזן אַ פנים מאירות און האָט געזאָגט:

— ווי קומט עס צו דיר, בעני?

— רבי, מה פשעי ומה חטאתי?—רעדט בעני אַרויס אַ ביסל געשמאַרקט פון רבינס שמייכל.

— דאָס נאַרישע „פריילעכס" — פונוואַנען האָסטו עס גענומען? — פרעגט דער רבי און מיינט מסתמא עפּעס אַנדערש, כדי אים נישט מביש צו זיין.

— מיין אייגענער רעיון! — ענטפערט בעני. — איך בין אַליין פון אים דער מחבר!

— דיין אייגענער רעיון! — רעדט איבער דער רבי בעניס באַרימעריי. — אַליין ביזטו פון אים דער מחבר? טאָ וואָס חדושטו זיך, װאָס דיין ניגון געפעלט מיר נישט?

בעני גלאָצט אויס אַ פּאָר אויגן. ער וואונדערט זיך, פאַרוואָס זאָל דעם רבין נישט געפעלן זיין „פריילעכס" צוליב דעם, וואָס עס איז זיין אייגענער רעיון, און ער, בעני, איז אַליין פון אים דער מחבר?

דער רבי פאַרשטייט, וואָס בענין איז קשה, און ער פאַרענטפערט אים באַלד.

— אַ ניגון, בעני, וואָס איז מחויב, ער זאָל כל ישראל געפעלן, — זאָגט דער רבי מיט זייער אַ עימותדיקן קול — איז נישט קיין אייגענער רעיון! אַזאַ ניגון איז מען נישט מחבר... אַזאַ ניגון זינגט מען נישט... פון הימל פאַלט אַזא רעיון אַריין אין הארץ פון יודע נגן. דאָרט, אין האַרצן ביי אים, איז זיך דער רעיון מתלבש אין אַ לבוש

פון אַ ניגון, און ווען אַזאַ ניגון רייסט זיך ממילא אַרויס פון האַרצן, דרינגט ער באַלד אַריין אין די הערצער פון כל ישראל... אַזאַ ניגון זינגט מען נישט, ער זינגט זיך אַליין — דו ווילסט גאָר אַמאָל נישט זינגען, נאָר עס זינגט זיך אין דיר קעגן דיין רצון. עס זינגט זיך און איז מעורר דיין האַרץ, עס זאָל זיך מדבק זיין מיט דעם אָבינו שבשמים, דעם מקור הרינה והזמירה... היינט פאַרשטייסטו שוין, בעני, די נפקא-מינה פון אַ רעיון ביז אַ רעיון, פון אַ ניגון ביז אַ ניגון?

בעני און דער גאַנצער עולם חסידים הערן דבורים, וואָס צע־גייען זיך אין אַלע רמ״ח אברים און שס״ה גידים, אָבער זיי תופס זיין איז לאו כל אדם זוכה.

— אַזאַ ניגון, בעני, — רעדט דער רבי ווייטער, — אַזאַ ניגון איז דאָס שיינע לידעלע, וואָס מען זינגט ביי מיר אַלע שבת-צו-נאַכט נאָך הבדלה. קענסטו דאָס לידעלע: אָמר ה׳ ליעקב? זינג, בעני!

אַז דער רבי זאָגט: זינג! — זינגט מען. בעני האָט דאָס לי־דעלע אַ נעם געטאָן אויף זיין כלי, זיך געפלייסט, כדי מפיס צו זיין דעם רבין פאַר דאָס פריערדיקע.

חסידים גייען אַרויס פון די כלים פשוט פאַר מתיקות. נאָר דעם רבין געפעלט עס עפעס נישט.

— האַרץ, האַרץ, בעני! — קרעכצט דער רבי. — האַרץ פעלט דיר, בעני... אַ ניגון אָן האַרץ האָט קיין לחלוחית נישט — אַ נשמה איז אַזאַ ניגון אַפילו, אָבער אַ קאַלטע מתנגדישע נשמה!...

און צו ווייזן דעם עולם און טאַקע בענין אויך, וויאַזוי עס זינגט זיך אַ ניגון מיט האַרץ, האָט דער רבי אַליין אָנגעהייבן דאָס לידע־לע צו זינגען, תחילת שטיל, פּאַמעלעך, און דער עולם האָט דערפילט, ווי עפעס אַ מין זיסער פיבער וואָלט איטלעכן דורכגענומען.

באַלד אָבער האָט דעם רבינס זיסע שטימע אָנגעהייבן צו ווערן העכער און טיפער, קלערער, ריינער און שטאַרקער, און דער עולם פילט שוין קיין כוח נישט זיך איינצוהאַלטן און נישט מיטצוזינגען צו־גלייך מיטן רבין. עס עפענען זיך די מיילער אַליין, גאָר אַליין, און עס זינגט זיך מיט מיטן רבין אַזוי גרינג און זיס. עס דאַכט זיך, דער ניגון האָט איטלעכן אַרומגענומען, איינגעוויקלט אין ווייטער זיסע קולות.

אָט פילט איטלעכער, אַפילו אַ ליטוואַק, די התפשטות הגשמיות. דער גוף בלייבט דאָ ביים רבין אין שטוב, נאָר די נשמה טראָגט זיך אַוועק מיטן האַרציקן ניגון וויט-וויט אין אַנדערע עולמות, אין וועלטן,

ווי מען דאַרף גאָרנישט, ווי עס ווילט זיך גאָרנישט, נאָר זינגען, זינ-
גען און זינגען.

נאָך אַ רגע, און עס דאַכט זיך דיר, דו הערסט בחוש, ווי אַלץ
אין דער וועלט זינגט — הימל און ערד, כּוכבים און מזלות, דומם,
צומח, חי ומדבר, אַלץ זינגט, אַלץ טראָגט זיך מיט געזאַנג אַרויף
אַהין, אַהין ווייט אין די טיפע הויכע בלאָע לופטן. און קוקסטו אַראָפּ,
דאַכט זיך דיר, די גאַנצע וועלט איז פאַרפלייצט און צוגעדעקט אונ-
טער אַ טיפן מבול פון געזאַנג; און אין דעם מבול פון לויטער קלאָ-
רע און זיסע קולות, זעסטו בחוש, ווי עס טובלען זיך נשמות פון
קדושים וטהורים, באָדן זיך און פּליעסקען זיך, טוקן זיך אונטער און
טוקן זיך צוריק אַרויף, און שווימען אַרום אַהין און צוריק, מסוף עולם
עד סופו...

פלוצלונג דאַכט זיך דיר, דו זעסט שוין נישט קיין איינצלנע
נשמות. אַלע נשמות, אָבער זעסטו, האָבן פון מתיקות זיך צוזאַמענגעגע-
גאָסן אין איין גרויסער נשמה, און די איין גרויסע נשמה צעגיסט זיך
ווידער און ווערט צוזאַמענגעשמאָלצן מיט דעם „אין סוף". דו פילסט
שוין קיין גבול נישט, קיין מאָס און קיין צייט נישט, דו ביזט שוין
אַליין אַן „אין סוף". אָן אַן אָנהייב און אָן אן אויסלאָז, און עס
זינגט דער „אין סוף" דעם גרויסן זמר, וואָס האָט אויך קיין אָנהייב
און קיין אויסלאָז נישט... דו ווייסט שוין דעם סוד הבריאה כּלה, דו
ביזט שוין דער זמר, די נשמה פון דער בריאה כּלה אַליין...

ווי לאַנג יענע עלית הנשמה האָט זיך אַזוי געצויגן, איז שווער
משער צו זיין; עס איז רעכט, אַז דורות גאַנצע, און עס איז רעכט,
אַז נישט מער ווי איין הרף עין, נאָר פלוצלונג האָט זיך עפּעס ווי
אָפּגעריסן, און דער עולם האָט זיך צוריק דערפילט, ווו מען איז און
וואָס מען איז...

אויס מבול, אויס געזאַנג, כאָטש די קולות טראָגן זיך נאָך ווי
כוואַליעס, וואָס שווימען און ציען זיך ווייט-ווייט אין דעם גרויסן
חלל העולם אַוועק.

דער עולם שווייגט שוין, עס פילט איטלעכער אַ מין אַפיסת
הכּוחות, די נשמה פרייט זיך, דאַכט זיך, און די אויגן זענען פול מיט
טרערן. וויינען ווילט זיך איטלעכן, — פאַרוואָס און פאַרוועו? ווייסט
קיינער נישט...

פלוצלונג דערהערט איטלעכער ווידער אַ שטילן ניגון, וואָס צו-

נעמט די נשמה. דער רבי זיצט, דאַכט זיך, פאַרטראַכט, אָבער אַלע הערן, ווי די נשמה זיינע צעגיסט זיך אין אַ זיסער רירנדיקער תפילה, אין אַ מין בענקען און ציען זיך לאָביה שבשמים. און אַזוי ציט זיך, ציט זיך דאָס שטילע געזאַנג, און מען זעט בחוש, ווי עס פליט ווי אַ גן-עדן-פייגעלע הויך אַרויף, פאַרפליט אַלץ העכער און העכער, ווערט אַלץ שטילער און שטילער, ביז עס ווערט נעלם, און דאָס שאַרפסטע אויער הערט עס שוין אויך נישט...

און מיינט איר, דער רבי האָט עפּעס אַ נייעם ניגון געזונגען? ניין! דווקא דאָס לידעלע פון שעפּסל אָדעסער, וואָס ער האָט פון יידישן טעאַטער צום רבין פאַרשלעפּט. די פליאָה דערפון איז אָבער אַראָפּ. מיט דעם געזאַנג האָט דער רבי באַוויזן, אַז אַ הייליקער רייינער ניגון קען אויך אַמאָל, מעשה שטן, אַריינפאַלן צו יענע חברה-לייט, ביז ער געפינט צוריק דעם רעכטן וועג און ווערט צוריק אַ ניגון מעורר צו זיין אַ יידיש האַרץ, וואָס זינגט אים...

דאַכט זיך, אַזוי פשוט, וואָס אַנדערש טאָר אַ חסיד גאָרנישט אַ טראַכט טאָן אַפילו, איז דאָך אָבער בעני חזן אַ געבראָטענער עקשן, איז עס אים נאָך אַלץ קאַרג.

צו מלוי מלכא, ווען בעני עקשן האָט נאָר דערשפּירט „כטוב לב המלך ביין” — ר' דודל, זכותו יגן עלינו, האָט ליב געהאַט אַ קאַפּעלע שטאַרקע און פלעגט צו מלוי מלכא טרינקען לחיים צו איטלעכן אורח הגון באַזונדער — נעמט בעני און טוט אַ זאָג:

— רבי, במה יזכה נער את אָרחו? מיט וואָס האָט דאָסדאָזיקע לידעלע זוכה געווען צו אַזאַ מדרגה?

ר' דודל האָט פיינט געהאַט, מען זאָל אים פרעגן קשיות אויף זיינע דרכים.

— קשיות פרעגט אַ ליטוואַק! — האָט ער אַמאָל איינעם געענטפערט.— פריער פרעגט ער קשיות ביי טאַטע און מאַמע, דערנאָך — ביים רבין, שפּעטער — אויף דער תורה הקדושה, און גאָר שפּעטער — אויפן קודשא בריך הוא אַליין! דער אָנהייב פון די אַלע קשיות איז חוסר אמונה, און דער סוף — אַפּקורסות און כפירה, רחמנא יצילנו!

און באמת, דאַרף מען פרעגן אויפן רבינס דרכים קשיות, אַז מען איז אַ מאמין, כי לא יאונה לצדיק כל רע? אַז דער רבי זינגט דאָס לידעלע, דאַרף מען וויסן, אַז דער רבי ווייסט וואָס ער טוט, און אויס קשיות, אויס פלא.

נאָר עס איז אפשר דאָסמאָל דעם רבינס רצון אַליין געווען, דער ענין זאָל אינגאנצן אַלעמען קלאָר ווערן, און אויס טענות. דעריבער האָט דער רבי מעביר געווען על מדותיו און האָט בענין קורץ געענטפערט:

— דיר געפעלט נישט דאָס לידעלע, זינג נישט. ביזט נישט ראוי עס זאָל דיר געפעלן!

— רבי, דאָס לידעלע געפעלט מיר דווקא, — פאַרענטפערט זיך בעני. — אָבער דער טאַטע... דער טאַטע פונם לידעלע?!

— ווילסט מיר זאָגן, אַז דער טאַטע פונם לידעלע איז אַ גלוח, אַן עולם-הזהניק? שטיא, איך ווייס נאָכמער! — רופט זיך אָפּ דער רבי. — איך ווייס אַפילו, אַז ער איז אַן אַלט-קאָנסטאַנטינער, רחמנא יצילנו — די נשמה זיינע, בעני?... די טייערע יידישע נשמה זיינע!?..

בעני און דער גאַנצער עולם חסידים זענען נבהל ונשתומם געוואָרן, נאָר דער רבי איז נאָך דערמיט נישט יוצא און רעדט ווייטער:

— דו האָסט נאָר אויגן, בעני, דעריבער זעסטו נישט מער ווי „והידים ידי עשו", זיין עולם הזה און זיין אָפּגעגאָלטע באָרד. וואָלסטו אָבער געהאַט כאָטש אַ פּיצעלע אויער, וואָלסטו באַלד דערהערט אין זיין לידעלע דעם הקול קול יעקב... בוקע רקיעים איז דער קול פון אַ יידישער נשמה, נוקב ויורד עד התהום איז דער רעיון פון אַן אמת-יידישן ניגון!... ווער עס האָט אַן אויער, זינגט מיט, און פרעגט קיין קשיות נישט...

איך ווייס נישט, וויפל אמת און וויפל גיזמא עס שטעקט אין דעם ספור המעשה פון יענעם טאַלנער חסיד וועגן זיין רבין מיט דעם יידישן טעאַטער-לידעלע. חסידים האָבן בכלל ליב מגזם צו זיין דאָס, פון וואָס זיי ווערן נתפעל, בפרט אין אַ ספור המעשה וועגן זייער רבינ׳ און זיינע דרכים. נאָר איינס ווייס איך, עפּעס אַזוינס איז ווירקלעך געשען אַמאָל ביי ר׳ דודל טאַלנער.

און אַלעמאָל, ווען איך אַליין פלעג אַריינקומען אין כעס אויף דעם דעמאָלטיקן יידישן טעאַטער צוליב די קאַריקאַטורישע פאָרשטעלונגען, אומגעלומפּערטע פאַלשע סצענעס פון יידישן לעבן און נאָך אַנדערע חסרונות אין אים, פלעגט זיך מיר דאַכטן: איך זע דעם קלוגן רבין, ר׳ דודל טאַלנער פאַר זיך, ער דראָט מיר מיטן פינגער און

מיט זיין גוטן שמייכעלע אויף זיינע ליפּן זאָגט ער:

— זעט נאָר, ווי נישט גוט איר זענט, איר היינטוועלטיקע יונגע־לייטלעך! איך, ר׳ דודל טאַלנער, האָב געקענט אים מוחל זיין, צו־ליב זיין שיין יידיש לידעלע, וואָס ער איז אַן עולם־הזהניק, אַ גלות, און אַפילו אַן אַלט־קאָנסטאַנטינער, רחמנא יצילנו, און איר, היינטוועל־טיקע יונגעלייטלעך, קענט אים נישט מוחל זיין, צוליב די אייגענע לידלעך, אַפילו זיינע קינדישע נאַרישקייטן און זיינע נאַרישע קינדהייטן, כאָטש באמת ווייסט איר נאָך נישט זיכער, צי איר אויף זיין אָרט וואָלט עס בעסער און קליגער געמאַכט!...

II.

דאָס פּובליקום וואָרט נישט ביז די קריטיק וועט אים דווקא אָנ־ווייזן וואָס גוט איז און וואָס שלעכט. וואָס איז היימיש און אייגן, טראָגט עס אַוועק אַהיים צו זיך; וואָס פרעמד און נישט גוט — פאַר־וואַרפט עס און פאַרגעסט עס אַליין.

פון אַלץ, וואָס דאָס יידישע פּובליקום האָט אין דעם אַמאָליקן יידישן טעאַטער זיך אָנגעזען און אָנגעהערט, האָט עס אויף אים קיין רושם נישט געמאַכט, נישט צום גוטן, נישט צום שלעכטן. אין „שמענ־דריק“, „קוני לעמל“, „ברײנדעלע קאָזאַק“ און אין „דער כשוף־מאַכע־רין“, ווי אויך אין נאָך אַזעלכע, דעמאָלט גאַנגבאַרע פאָרשטעלונגען אין יידישן טעאַטער, האָט דאָס פּובליקום קיין טראָפּן באַקאַנטס און אייגנס נישט געקענט געפינען, דעריבער האָט עס זיי, אַרויסגייענדיק פון טעאַטער, באַלד פאַרגעסן. יעדנפאַלס האָט קיינער נישט איבער־געטראַכט וועגן די פאָרשטעלונגען, זיי צו פאַרגלייכן מיט זיך אַליין, מיט זיין אייגענעם לעבן, אָדער מיט דעם לעבן פון זיינע שכנים, און מיטגענומען אַהיים פון טעאַטער האָט יעדער די יידישע לידלעך, וואָס ער האָט דאָרט געהערט זינגען.

איך ווייס נישט, צי איז דעמאָלט, ווען דאָס נייע יידישע טע־אַטער האָט געשפּילט אין וואַרשע, איין יידיש הויז, איין יידישע פאַ־מיליע געבליבן, וווּ מען האָט די טעאַטער־לידלעך נישט געזונגען און מיט זיי זיך נישט געקוויקט.

פון יענע יידישע הייזער און יידישע פאַמיליעס, ווו אַ יידיש וואָרט מאָר נישט געדאַכט ווערן, און ווו מען שעמט זיך מיט דער

אייגענער יידישקייט אַפילו פּאַר אייגענע נישט־יידישע באַדינטע, רעד איך נישט.

אַזעלכע שעמעוודיקע יידן, חיפּל איך געדענק, האָבן אַפילו מורא געהאַט צו גיין אין יענער גאַס, ווו דאָס יידישע טעאַטער איז געשטאַנען, מען זאָל זיי נישט חושד זיין, אַז זיי האָבן אַזאַ בייזע מחשבה, הלילה, דעם יידישן טעאַטער אָנצוטאָן דעם כבוד מיט זייער באַזוך.

אָבער איך רעד נאָר וועגן אַזעלכע יידישע הייזער און פאַמיליעס, ווו אַלץ, וואָס איז יידיש, איז זיי ליב און געטריי. אין אַזעלכע יידישע הייזער און פאַמיליעס זענען די טעאַטער־לידלעך נישט נאָר היימיש געוואָרן, אָבער אויך אייגן און געטריי.

און ווער פון אַזעלכע יידן האָבן די לידלעך דעמאָלט נישט געזונגען?

עס האָבן זיי געזונגען אַלע: חסידים, ווי מתנגדים, פּוילישע יידן, ווי ליטוואַקעס, דער באַלעבאָס, דער נגיד, מיט דעם יידישן שכן דעם קבצן צוגלייך; פּועלים ביי די וואַרשטאַטן און משרתים אין די געשעפטן.

יידישע מאַמעס האָבן מיט די לידלעך פאַרשלעפערט זייערע קינדער אין די בעטלעך און אין די וויגעלעך, און יידישע קליינע קינדער, יינגעלעך און מיידעלעך, האָבן ווי זינג־פייגעלעך זיי אויסגעקלונגען אויף יידישע הויפן אין אַלע זייערע שפּילערייען און שטיפעריייען.

מען האָט זיי געזונגען אין יידישע שבתים און ימים טובים, אויף יידישע שמחות, חתונות און בריתן. קלעזמער האָבן מיט זיי מחותנים און חתן־כלה משמח געווען, און יידישע אָרעמעלייט בעטלען נאָך איצט נדבות מיט זיי אונטער יידישע טירן און פענסטער.

און די לידלעך זענען מיט דער צייט נישט פאַרקלונגען, מיט די יאָרן נישט פאַרגעסן געוואָרן. נאָך איצט, אַכצן יאָר נאָכדעם, ווי יענס יידיש טעאַטער איז שוין אין וואַרשע נישט געווען, הערט מען נאָך אָפּט יענע לידלעך זינגען און זיי זענען נאָך נישט אַלט און נאָך נישט איבערדריסיק געוואָרן.

וואָלט דאָס יידישע פּובליקום, — פרעג איך, — גאָר געהאַט צוגענומען יענע טעאַטער־לידלעך אַזוי ליב און אַזוי וואַרעם, ווען עס וואָלט אין זיי זיין אייגענעם גייסט נישט געהאַט דערקענט, זיין אייגן געמיט נישט דערפילט?

זיין אייגן קול האָט דאָס פּובליקום אין די לידלעך דערהערט,

דעם הקול קול יעקב, צוליב וועלכן ר׳ דודל טאל:ער האט מוחל גע-
ווען דעם טאטן פון די איי צנע לידלעך, וואס ער איז אן ן ם-הזה-
ניק, א גלוח און אפילו וואס ער איז אן אלט-קאנסטא:טינע ...

און מוחל בין איך אויך דעם באשאפער פונם יידישן טעאטער
אלע פעלער און נישט-געראטנקייטן פון זיין טעאטער, צוליב די טייע-
רע יידישע לידלעך, וואס זענען ארויס פון זיין טעאטער.

און מוחל זיין, האף איך, וועט אים אויך יעדער, וואס וועט זיך
אמאל נעמען ערנסט אפשאצן דעם ווערט און ווירקן פון זיינע יידי-
שע לידלעך אויף די יידישע מאסן אין זייער צייט און אויך א צייט
שפעטער.

און רייד איך שוין וועגן דעם ווערט און ווירקן פון יענע יידי-
שע טעאטער-לידלעך, ווילט זיך מיר, ביי דער געלעגנהייט, נישט פאר-
ביי גיין א פאקט, וואס איך קען אליין עדות זאגן אויף אים, און אין
וועלכן עס שפיגלט זיך אפ דער איינפלוס פון די אייגענע לידלעך,
אפילו אין אזעלכע הייזער און פאמיליעס, וו מען האט פון זיי נישט
געוואלט הערן און וויסן.

צו יענער צייט, ווען דאס יידישע טעאטער האט צום ערשטן
מאל אנגעהייבן שפילן אין ווארשע, בין איך, צוליב געשעפטס-אנגע-
לעגנהייטן, באפריינדט געווען מיט איינער פון יענע ווארשעווער יידי-
שע פאמיליעס, וואס האבן נישט נאר דאס יידישע טעאטער נישט גע-
קענט, נאר ווי מיר האט זיך דעמאלט געדאכט, וואס האבן אפילו יידן
אלס מענטשן נישט געוואלט דערקענען.

מיך האט יענע פאמיליע, לויט ווי זי האט מיר מערערע מאל
אפן געזאגט, גערן געהאט. כאטש מיין יידישקייט האב איך פון זיי
קיינמאל נישט באהאלטן. דעם גרעסטן חסרון אין מיר האט די פא-
מיליע געפונען נישט אין מיין יידישקייט, נאר אין מיין יידישן לשון.

נישט קענענדיק צו יענער צייט זיך געהעריק אויסדריקן אויף
פויליש, ווי מיינע באקאנטע האבן ביי זיך אין הויז גערעדט, און
וויסנדיק אבער, אז זיי זענען יידן, כאטש זיי שעמען זיך מיט יידן,
האב איך באין ברירה גערעדט מיט זיי אויף דעם אייגענעם לשון,
וואס מיין טאטע האט צו מיין מאמען גערעדט און וואס זיי ביידע
האבן מיט מיר גערעדט, רעכענענדיק דערביי, אז אוודאי האבן טאטע-

מאַמע פון מײנע באַקאַנטע מיט זײ אױך גערעדט אױף דעם אײגע־נעם לשון.

— מיר האבן אײך דאָך אַזױ גערן, — האָט צו מיר אַמאָל די מאַדאַם פון יענער פאַמיליע אַ זאָג געטאָן. — באַמיט זיך װאָס פרי־ער צו דערלערנען פױליש, עס זאָל כאָטש װערן אײער אונטערהאַל־טונגס־שפּראַך, װעלן מיר אײך באַקאַנט מאַכן מיט אונדזערע פּאַרװאַנד־טע און באַקאַנטע, װעלכע װעלן אײך אַזױ גערן האָבן, װי מיר.

מאַכן באַקאַנטשאַפט מיט אירע קרובים און באַקאַנטע האָב איך גאָר קײנמאָל נישט געװאָלט, און האָב מיר װײטער מיט יענער מאַ־דאַם און איר מאַן גערעדט מאַמע־לשון, װי תמיד.

אײנס אָבער האָב איך זײ יאָ צוליב געטאָן: כאָטש איך האָב מיט זײ גערעדט יידיש, האָב איך אָבער װעגן זײער אײגענער יידיש־קײט מיט זײ קײנמאָל נישט גערעדט.

דערמאָנען זײ, חוץ מיט מײן לשון, אַז זײ זענען יידן, װאָלט זיכער בײ זײ פאַררעכנט געװען, װי באַלײדיקן זײ בײ זיך אינדער־היים.

בכלל קוק איך אױף אַזעלכע פאַרקנעכטע יידישע נפשות, װי אױף גײסטיק־קראַנקע. אין ערגסטן פאַל קען איך זײ פאַראַכטן, אָבער נישט באַלײדיקן זײ, און נישט װעלן זײ איבערצײגן אין װאָס איך בין אַלײן איבערצײגט. קאַרג יידישע נשמות האט דער יידישער גלות געמאַכט פאַר קאַליקעס? מיט אײנער װײניקער אָדער מער װערט אַ פאָלק נישט רײכער, נישט אָרעמער.

װען איך װאָלט געװען צו יענער צײט אַ גאַנצער מאמין, װי עס באַדאַרף צו זײן, װאָלט איך זיכער געגלױבט, אַז אַ זכות אָבות האָט זיך אַרײנגעמישט, עס זאָל עפּעס בײ זײ אין שטוב אַזױנס געשען, װאָס זאָל אױפװעקן זײער האַרץ, עס זאָל אָנהײבן צו בענקען און זיך צי־ען צוריק צו זײערע ברידער, פון װעמען זײ האָבן זיך דערװײטערט.

אײנמאָל בין איך צו זײ אַרײנגעקומען און האָב געפונען עפּעס אַ פרײלעך זיצנדיק בײם ראָיאַל און שפּילן אַ װונדערשײנעם קאָנצערט.

װער דאָס פרײלין איז געװען — װײס איך נאָך איצט נישט, אפשר אַ טאָכטער פון יענע „פּאַרװאַנדטע און באַקאַנטע“, מיט װעל־כע די מאַדאַם האָט מיר צוגעזאָגט באַקאַנט צו מאַכן, װען פּױליש װעט װערן מײן אונטערהאַלטונגס־שפּראַך. נאָר װער זי האָט אױך גע־מעגט זײן, אײנס האָב איך באַלד דערקענט, אַז שפּילן איז איר עלעמענט

און עס איז זעלטן צו הערן פון א יינג קינד אזוי פיין שפילן.

אפגעשפילט דעם קאנצערט און זיך העפלעך פארנויגט פאר דעם בראוואָ, וואָס אלע צוהערער האבן איר נישט געקארגט, האָט זי פון איר פעקעלע ארויסגענומען נייע נאָטן – וואָס זי האָט ערשט געקויפט, ווי זי האָט דערציילט, און האָט געבעטן, מען זאָל א רגע האָבן געדולט, ביז זי וועט די נאָטן פריער איבערקלייבן אויף די קלאַווישן, דערנאָך וועט זי זיי שפילן ווי עס דאַרף צו זיין.

אין די ערשטע איינצלנע טענער, וואָס די שפילערין האָט אויף די קלאַווישן איבערגעקליבן, האָב איך באַלד דערהערט דעם יידישן קרעכץ, דאָס יידישע געזאַנג, און האָב מיר געקלערט: דאָ וועט די שפילערין קאַליע מאַכן מיט דעם יידישן ניגון דעם גאַנצן איינדרוק פון איר ערשט אָפגעשפילטן קאָנצערט. און עס האָט זיך, דאַכט זיך, ארויסגעוויזן, אַז איך האָב מיך נישט גענאַרט. קוים האָבן מיינע יידישע פריינט דערשפירט, אַז עס שמעקט מיט יידיש, האָט דער באַלעבאָס באַלד אָנגעהייבן צו קרימען די נאָז, און די מאַדאַם האָט איר עזיסע ליפעלעך אַזוי וויער צוגעצויגן און צוגעשנירט, פונקט ווי זי וואָלט מיט זיי נאָר וואָס געלעקט אַ ציטרין.

פאַרקוקט אין די נאָטן און פאַרטראָגן אין דער מעלאָדיע, האָט די יונגע שפילערין נישט באַמערקט דאָס קרימען מיט דער נאָז פון מיין פריינט, און די זויערע מינע פון דער מאַדאַם, און האָט געשפילט ווייטער, אָנפאַנגס פאַמעלעך און פרווונדיק, ביז זי איז אַריין אין רעכטן טאָן און טאַקט און האָט שוין געשפילט ווי נאָר זי האָט געקאָנט.

די מעלאָדיע איז מיר גוט באַקאַנט געווען. איך האָב זי שוין אין יידישן טעאַטער מערערע מאָל געהערט, נאָר אַזוי ריין און גאַנץ, ווי זי איז אַרויס פון אונטער די געניטע פינגער פון דער זעלטענער שפילערין, האָב איך זי קיינמאָל נישט געהערט.

איך האָב מיך אינגאַנצן איבערגעגעבן דער מעלאָדיע, און האָב אויף אַ רגע פאַרגעסן דאָס הויז און די מענטשן, ביי וועמען איך בין, און האָב מיין פאַרגניגן, געוויס, מיט מאַנכע באַוועגונגען אויסגעדריקט.

אַז איך האָב מיך באַלד אָבער דערמאָנט, און האָב ווי פאַרשעמט אַ קוק געטאָן אויף מיינע פריינט, איז שוין די נאָז ביי דעם באַלעבאָס געווען אויסגעגלייכט, ווי שטענדיק, אָבער דאָס שטענדיק צופרידענע פנים איז עפּעס ערנסט און פאַרקלערט געווען.

די זויער-פאַרצויגענע ליפעלעך ביי דער מאַדאַם זענען צוריק זיס

געוואָרן, אויף איר פּנים איז געלעגן אַ מין פאַרגעניגן און אינערלעכע צעפרידנקייט. נאָר אין די אויגן האָבן געבליצט אַ פּאָר טרערן, אַ סך שענער און שטראַלנדיקער, ווי די צוויי גרויסע בריליאַנטן אין אירע מאָדערנע אויררינגלעך.

טרערן, אין וועלכע אויגן איך זאָל זיי נישט זען, זאָגן מיר תמיד עדות, אַז דאָס האַרץ אונטער זיי איז נאָך נישט אויסגעפּרווירן און נישט אויסגעטריקנט אינגאַנצן; טרערן אָבער, וואָס ווייזן זיך אין די אויגן ביים צוהערן אַ הערלעכע מוזיק, אָדער אַ רירנדיקע מעלאָדיע, דערציילן מיר אַלעמאָל נאָכמער — זיי דערציילן מיר, אַז דאָס האַרץ פילט, בענקט, צעשמעלצט זיך פון ליבע צו אַלץ, וואָס איז אים ערגעץ ליב און טייער.

איך בין מיט מיינע פריינט אין יענער רגע אמת צעפרידן געווען, און דאָס פריילן האָט ווייטער און ווייטער געשפּילט. און ווי פון אַ קוואַל האָט זיך געגאָסן די רירנדיקע מעלאָדיע ריין און קלאָר פון אונטער אירע פינגער.

דאָס שפּילן האָט אויפגעהערט, אָבער דער איינדרוק האָט נישט אָפּגעלאָזן.

קיינער האָט מיט אַ וואָרט נישט איבערגעריסן די פאַרחלומטע שטילקייט, וואָס האָט זיך איבערן גאַנצן רייכן סאַלאָן אויסגעשפּרייט.

איטלעכער איז זיך געבליבן זיצן פאַרטראַכטערהייט אין דער־זעלבער פּאָזע, ווי בעתן שפּילן. אפילו די שפּילערין האָט זיך פון איר אָרט נישט גערירט, און איז געבליבן זיצן ביים ראָיאַל, די אויגן טיף אריינגעטאָן אין די נאָטן, וואָס זי האָט ערשט איבער־געשפּילט.

עס האָט זיך מיר געדוכט: איטלעכער האָט עפּעס מיט זיך אַליין צו טאָן אין דער רגע. די אַנדערע דאָ אין זאַל געהערן אים נישט אָן. די שטימונג איז געוואָרן אַ שווערע. מיינע פריינט שעמען זיך פאַר מיר, פאַרוואָס ?

פון חומש געדענק איך : ווען יוסף איז שוין צו שווער געוואָרן צו שפּילן זיין הערשערישע ראָליע קעגן זייגע אייגענע ברידער, האָט ער געהייסן אַלע זייטיקע מענטשן ארויסגיין. צי האָט ער זיך פאַר לייטן געשעמט, זיך צו לאָזן דערקענען פון זיינע אייגענע ברידער ?

ניין ! אָבער מיט זיך, מיט זיין פאַלשער ראָליע, וואָס ער האָט קעגן אייגענע ברידער געקאָנט שפּילן, האָט ער זיך געשעמט...

נישט זיי, די, וואָס האָבן אים אַמאָל פון קנאה און כעס שלעכטס געטאָן, זענען אין יענער רירנדיקער רגע, ווי שולדיקע געשטאַנען פאַר אים, נאָר ער, דער מעכטיקער שטאָלצער משנה למלך, איז ווי אַ שולדיקער געשטאַנען פאַר זיי!

זיי האָבן שוין זייער שולד לאַנג געהאַט דערקענט און האָבן שוין אויך לאַנג חרטה געהאַט, און וואָלטן זיי נאָר געוווסט, ווו זיי קענען אים נאָך געפינען, וואָלטן זיי גערן כאָטש אַן עק וועלט אויסגעגאַנגען אים צו זוכן. ער אָבער האָט געוווסט ווו זיינע ברידער זענען, ער האָט געקענט זיך פאָרשטעלן, ווי זיין אלטער פאָטער וויינט און קלאָגט נאָך אים, נאר דאָס גליק האָט אים געטראָפן. ער איז רייך געוואָרן, ער איז „אַ קרוב למלכות״ געוואָרן... האָט ער אָן זיי אַלעמען פאַרגעסן... און אפילו, ווען הונגער און רדיפה האָבן זיי שוין געבראַכט צו אים, האָט ער נאָך אַ האַרץ געהאַט זיך נישט צו לאָזן דערקענען פאַר זיי, ביז זייער פאַרצווייפלטע לאַגע און גערעכטע טענות האָבן צולעצט דאָס פאַרלייקנטע ברודער-האַרץ אויפגעוועקט אין אים...

יאָ, קיין זייטיקער מענטש, וואָלט אים נישט מוחל געווען זיין שטאָלץ, זיין פרעמדקייט קעגן אייגענע ליידנדיקע ברידער!...

עפעס וואָס נישט וייט דערפון האָט זיך מיר געדאַכט אין יענער רגע, קומט פאַר אין האַרצן פון מיינע פאָרנעמע פאַרגוישטע פריינט. עפעס שעמען זיי זיך פאַר מיר... וואָלט נישט בעסער זיין, איך זאל זיי איצט אַליין לאָזן? זאָלן זיי דעם שווערן ערנסטן איינדרוק פונם יודישן לידעלע אַליין אויסלעבן!

איך האָב טאַקע אַזוי געטאָן, און בין דערנאָך גאַנצע צוויי וואָכן ביי זיי אין הויז נישט געווען.

ווען איך בין צום ערשטן מאָל ווידער אַריינגעקומען צו זיי, האָבן זיי מיך דאָסמאָל אויפגענומען פיל איינפאַכער, אָבער פיל היימישער, ווי פריער. ביי די ערשטע פאָר ווערטער האָט מיין פריינט אַליין פאַרקניפט אַ געשפּרעך וועגן מוזיק איבערהויפּט, און וועגן יידישע באַרימטע מוזיקער באַזונדערב. מיט אַ באַזונדערער צעפרידנקייט האָט ער מיר אויסגערעכנט אַ צעטל פון באַרימטע יידישע נעמען, וואָס האָבן זיך אויסגעצייכנט כמעט אין אַלע צייטן און אין אַלע לענדער, ווי וועלטבאַרימטע מוזיקער.

— האַרמאָנישע איידעלע טענער, — האָט ער געזאָגט, — קענען אַרויספליסן נאָר פון אַ האַרמאָנישער איידעלער נשמה. און האָבן

מיר דעם פאַקט אין האַנט, אַז דאָס יידישע פאָלק האָט, פאַרהעלטנישמעסיק, מער באַרימטע מוזיקער, ווי אַנדערע, מוזען מיר כאָטש, נישט ווילנדיק, מודה זיין, אַז דאָס יידישע פאָלק האָט איידעלע האַרמאָנישע נשמות, פאַרהעלטנישמעסיק, אויך מער, ווי אַנדערע... און פונדעסטוועגן ווילן אונדזערע שונאים אונדז נישט מודה זיין, אַז מיר זענען כאָטש נישט ערגער פאַר זיי. אַזויפיל האַרמאָנישע איידעלע טענער האָט שוין דאָס יידישע פאָלק געגעבן דער געבילדעטער וועלט און וואָס האָט אונדז די געבילדעטע וועלט צוריקגעגעבן? אַנטיסעמיטיזם, באַגרענעצונגען און פאָגראָמען!... אָט די אומדאַנקבאַרקייט פון דער געבילדעטער וועלט קעגן יידישן פאָלק — איז מיט קיין קלאָרן שכל נישט צו באַגרייפן, און מיט ערלעכע רייד נישט צו פאַרענטפערן!...— האָט זיך מיין פריינט באַקלאָגט פאַר מיר.

איך בין פון אַזאַ פאַרענדערונג אין מיין פריינטס געדאַנקען גאָרנישט נתפעל געוואָרן. עס זענען דאָ הערצער, וואָס מען קען זיי מיט פויקן נישט אויפמונטערן.

עס זענען אָבער דאָ אויך אַזעלכע מוזיקאַלישע הערצער, וואָס עס איז גענוג אַמאָל אויף אַ סטרונע אָנצוטרעפן, אַז דאָס האַרץ זאָל זיך דערוואַכן, און אָנהייבן אַליין צו שפילן דאָס אַלטע לידעלע, וואָס איז אים אַמאָל ליב און טייער געווען...

אַזאַ האַרץ, האָב איך מיר דעמאָלט דערקלערט, האָט געוויס מיין פריינט אין זיך, און אָט זינגט עס דאָס אַלטע יידישע לידעלע מיט אַלע יידן צוגלייך!...

רעדנדיק וועגן ריין־יידישער מוזיק, האָט מיין פריינט מיר געזאָגט:

— אָבער מער ווי אַלץ וואָלט איך וועלן וויסן, אין וואָס ליגט דער כוח פון דער יידישער מעלאָדיע, וואָס זי דרינגט אַזוי טיף אין האַרצן אַריין, בלייבט דאָרט זיצן, ווי איינגעוואַקסען, און מען קען זי נישט פאַרגעסן? שוין צוויי וואָכן זינט מען האָט דאָ געשפּילט יעבע יידישע נאָטן און די מעלאָדיע פאַרפאָלגט מיך פשוט וווּ איך גיי און וווּ איך שטיי. נעכטן בין איך געווען אין גרויסן טעאַטער, מען האָט געשפּילט מייערבערס „נביא", נאָר מיר האָט זיך געדאַכט, איך הער נאָך אַלץ יענע יידישע מעלאָדיען, וועלכע האָבן, דאַכט זיך, מיט דער מייערבערישער מוזיק קיין שום שייכות נישט.

היינט שטיי איך אויף דער בערזע, פאַרטראַכט זיך עפּעס, און זינג זיך שטילערהייט, באַטירלעך, דעם אייגענעם ניגון. עס מוז דאָך

עפּעס פּאָרט ליגן אַ כּוח אין דער עכט-יידישע מעלאָדיע, וואָס דרינגט אַזוי טיף אין האַרצן אַריין...

— זינגען, ווי מוזיק איבערהויפּט, זאָגט מען, — געדענק איך, האָב איך אים געענטפערט, — איז דאָס לשון פון דער נשמה. אַ ט-לעבע פאָלקס-נשמה האָט איר נשמה-לשון, און וואָס איז פאַר אַ וואונדער, וואָס אַ יידישע נשמה פאַרשטייט טיפער דאָס לשון פון זיין פאָלקס-נשמה? דעם קול פון זיין פאָטער און מוטער, פון זיינע שוועסטער און ברידער, וואָס זענען אים אייגן און טייער, כאָטש ער דערווייטערט זיך אַמאָל פון זיי, דערהערט דער ייד אין זיין פאָלקס-מעלאָדיע! זייער זיפצן, בענקען און ליידן, ווי אויך זייער בטחון און האָפענונג קלינגט אין דער מעלאָדיע! ווי קאָן אַ קינד נישט דערהערן די שטימע פון זיינע עלטערן, ווי קאָן אַ ברודער נישט צוהערן דאָס זיפצן און ליידן פון זיינע ברידער און שוועסטער?

— יאָ, יאָ, מיין פריינט,—האָט מיר דער אַסימילירטער ייד געענטפערט, — בלוט איז נישט קיין וואַסער!

— און מען קאָן עס מיט וואַסער נישט אַפּוואַשן און אין וואַסער נישט דערטרינקען!... — האָב איך מוסיף געווען.

אין דעם אייגענעם אָוונט האָט מיר אויך די מאַדאַם דערציילט, וואָס איר האָט זיך געחלומט אין יענער נאַכט, ווען מען האָט ביי זיי אין סאַלאָן געשפּילט די יידישע נאָטן.

— עס האָט זיך מיר געדאַכט, — האָט זי מיר דערציילט — אַז איך בין נאָך אַ קליין מיידעלע, און זיץ ביי מיין פרומער מוטער אויף איר שויס. זי קושט מיך און גלעט מיך אַזוי הייס, טוליעט מיך אַזוי ליבלעך און געטריי צו איר ברוסט, און זינגט מיר עפּעס אַ זיס לידעלע, פון וואָס עס ווילט זיך מיר וויינען און פרייען צוגלייך. איך פיל מיך אַזוי גוט, אַזוי געטרייסט און גליקלעך. אייביק-אייביק וואָלט איך וועלן אַזוי געטרייסט זיין, אַזוי גליקלעך מיך פילן! און דאָס לידעלע, וואָס זי האָט געזונגען, איז דאָסזעלבע לידעלע, וואָס איך האָב מיט אַ שעה פריער געהערט שפּילן.

— און ווייסט איר,— האָט די מאַדאַם פאַרענדיקט איר חלום,— יענס לידעלע איז מיר, צוליב מיין חלום, אַזוי זיס און ליב געוואָרן, אַז איך הער עס נישט אויף צו שפּילן, ווען איך גיי נאָר צו צום קלאַוויר!

אַז דאָס לידעלע איז איר נאָך פריער זיס געוואָרן, און אַז איר

חלום איז נאָר דער איינדרוק פֿון זיין זיסקייט, האָט אפשר די מאַדאַם נישט פאַרשטאַנען.

שפּעטער האָב איך די אייגענע מאַדאַם מיט איר מאַן אַ פּאָר מאָל באַגעגנט אין יידישן טעאַטער, און נאָך שפּעטער פלעג איך זיי אָפט זען גיין אין דער יידישער גאַס צו זייערע אָרעמע יידישע קרובים...

פאַרשידן זענען די מיטלען אויפצוּוועקן און אויפצומונטערן אַן אָפּגעשוואַכט הארץ פון אַן איינצלנעם מענטשן. נאָכמער פאַרשידן זענען די מיטלען אויפצוּוועקן און אויפצומונטערן אַ אָפּגעלאָזן און אָפּגעשוואכט האַרץ פון אַ גאַנצן פאָלק... נאָר איינס פון די ווירקזאַמסטע מיטלען, וואָס געניטע פאָלקספריינט ווענדן אָן צו דעם, זענען: פאָלקסלידער, פאָלקס-מעלאָדיעס און פאָלקס-טעאַטער.

ווייטן וועגן דעם אונדזערע הייגטיקע פאָלקס-טוער, וואָס טוען איצט, אָדער וואָס רעדן איצט אַזויפיל וועגן דעם אויפלעבן פונם יידישן פאָלק, וועגן שטאַרקן און אויפמונטערן זיין באַוווסטזיין?

III

קורץ, ווי אַ ווינטערטאָג, איז די קינדערצייט פון אַ יידיש קינד. נאָך קיורצער איז דאָס לוסטיקע לידעלע, וואָס עס זינגט... נאָך איידער דאָס יידישע קינד האָט צייט זיך אַליין צו דערקענען, דערקענט עס זיך שוין מיטן יידישן גלות, און דעמאָלט קאָן עס נאָר וויינען און נישט זינגען.

דאָס נאָך קינדישע יידישע טעאַטער האָט נאָך קיין צייט נישט געהאַט צוצוקומען צו זיינע חדר-יאָרן, לערנען עפּעס און געוואָר ווערן, וואָס עס איז און וואָס עס דאַרף זיין, האָט עס זיך שוין באַגעגנט מיטן אַלטן יידישן גלות, וואָס האָט אים איבערגעריסן זיין לידעלע, פון דער בינע אַראָפּגעטריבן און געמאַכט אַ סוף מיט אַלץ, וואָס עס איז גוט און נישט גוט געווען אין אים.

גוטע פריינט און ליבהאָבער האָט אַזאַ אומגעריכטער סוף באַנג געטאָן.

— סטייטש, — האָבן זיי געפרעגט, — ווען האָט עס געטאָן שאָדן? ווען האָט עס געקענט ביין טאָן?

און נאָך און נאָך אַזעלכע שאלות, וואָס אַ ייד באַקומט קיינמאָל

קיין תשובה נישט אויף זיי, האָט מען געפרעגט, געטענהט און ביי דעם איז מען געבליבן.

גאָט אָבער פארלאָזט נישט זיין פאָלק ישראל, און א ייד גיט זיך אן עצה. באַלד ווי דאָס יידישע טעאַטער האָט זיך צוגעמאַכט, האָט מען אָנגעהייבן באַגעגענען אויף יידישע שמחות, תנאימס, חתונות און בריתן, אויף סיום - התורהס אַפילו, ביי - מאָדישע יידישע בדחנים, וואָס האָבן אָנגעהייבן דעם עולם משמח צו זיין מיט די יידישע לידעלעך פון דעם צוגעמאַכטן יידישן טעאַטער. „אַקטיאָרן פון דעם געוועזענעם יידישן טעאַטער“,—האָבן זיך אָנגערופן, די ניי־מאָדישע בדחנים, און דער עולם האָט זיך געקוויקט מיט זיי.

צי זענען זיי טאַקע געווען אַמאָל אַקטיאָרן אין יידישן טעאַטער, בין איך שטאַרק אין ספק. קבצנים און שנאָרער זענען זיי זיכער געווען, ליידיקגייער און גראָבע יונגען אויף דערצו.

זיי האָבן גענומען דאָס צוגעמאַכטע יידישע טעאַטער, ווי יענער קבצן נעמט צו עפּעס א קאַליקע א קינד, צו גיין מיט אים אין די הייזער...

יידן האָבן שוין מער נישט באַדאַרפט גיין אין טעאַטער. דאָס יידישע טעאַטער איז שוין אין זייערע הייזער געגאַנגען.

— איר זעט, וואָס פון מיין האַרציק קינד איז געוואָרן? — האָט זיך אַמאָל פאַר מיר באַקלאָגט אברהם גאָלדפאַדען, דער טאַטע פון יידישן טעאַטער, אָנווייזנדיק מיר אויף א באַנדע יונגעלייט, ליידיקגייער, וואָס האָבן זיינע טעאַטער־לידלעך געזונגען אויף א יידישער חתונה. — א כלי־קודש האָבן זיי פון אים געמאַכט, א בעטלער, וואָס גייט איבער די הייזער אויסצובעטלען א גראָשן, איז מיין קינד געוואָרן און איך דאַרף עס צוזען און דאָס האַרץ זאָל אין מיר נישט פּלאַצן?...

נאָר וואָס האָט ער געקאָנט טאָן מער ווי די אַלטע יודישע סגולה ביי אַזאַ פאַל? און די סגולה האָט ער טאַקע באַלד אָנגעווענדט.

אין איין שיינעם טאָג האָט ער צוגערופן זיינע בעסערע אַקטיאָרן, זיי דערלאַנגט דעם אַלטן יידישן וואַנדערשטעקן אין האַנט, און האָט זיי געהייסן גיין זיך זוכן א נייע היים.

— דעם פריץ קלינגט נאָך דער „מה־יפית“־ניגון אין די אויערן,— האָט ער צו זיי געזאָגט, — דערפאַר קאָן ער פון אייך קיין אַנדער ניגון נישט פאַרטראָגן... אַהין גייט, קינדער, ווו אייערע עלטערן האָבן נאָך קיין פריצים אויף זיך נישט געהאַט, און האָבן פאַר זיי נאָך

קיינמאָל קיין מה־יפית נישט געזונגען!... אַהין גייט, וווהין דער גלות טרייבט טויזנטער פון אייערע ברידער, צו געפונען פאַר זיך אַ נייע היים. דאָרט, אין יענער נייער היים, וואָס זיי וועלן געפינען, זינגט זיי מיין לידעלע, און דערמאָנען זאָלן זיי אָן זייערע ברידער און שוועס־טער, וועלכע בענקען נאָך זיי אין דער אַלטער היים!

און זיי האָבן געפאָלגט זייער רבין, גענומען דעם וואַנדערשטעק אין האַנט, דאָס יונגע יידישע טעאַטער — אויף דער פּלייצע, און זעג־נען מיט אים אַוועק קיין אַמעריקע.

— איצט בין איך רויק — האָט מיר גאָלדפאַדען געזאָגט, — איצט ווייס איך, אַז מיין קינד וועט זיך קאָנען פריי אַנטוויקלען און אויס־וואַקסן, וואָס עס דאַרף פון אים אויסוואַקסן!

ליידער האָט ער. נעבעך, א ביטערן טעות געהאַט.

אַ נישט נארישער ייד האָט אַמאָל געזאָגט:

— הערט איר, קומט מיר אויס זיך צו געזעגענען מיט א ליבן פריינט, וואָס די נויט טרייבט אים קיין אַמעריקע, בין איך מיך קיינ־מאָל נישט איבעריקס מצער. ווי זאָגט די וועלט: איידער צו זען יע־נעמס צער און צרות פון נאָענטן, איז שוין א סך בעסער צו הערן פון אים גוטע בשורות כאָטש פון וויטן. קומט מיר אָבער אויס זיך צו געזעגענען מיט א קליין קינד, וואָס זיין יידישער מזל פאַרוואַרפט עס שוין אזוי פרי אַזש קיין אַמעריקע — ווייינט שטענדיק דאָס האַרץ אין מיר, גלייך ווי איך וואָלט עס שוין האָבן פאַרלאָרן אויף אייביק...

אַ קליין קינד, וואָס ווייסט אַ קליין קינד? וואָס זעט א קליין קינד? וועל איך אַמאָל קומען צו אים, וועט עס מיך נישט דערקענען; וועט עס אינטערוואַקסן און קומען צוריק אַמאָל צו מיר, וועל איך עס נישט דערקענען!

און יענער נישט נארישער ייד האָט געוווסט וואָס ער רעדט.

דאָס נאָך קינדישע יידישע טעאַטער, וואָס איז אין אַמעריקע פאַר־וואָרפן געוואָרן, האָט שוין אין איינע דריי־פיר יאָר שפּעטער מער זיין טאַטן נישט דערקענט, ווען ער איז געצוווּנגען געוואָרן, אָדער ווען עס האָט זיך אים פאַרגלוסט צו קומען צו אים.

אין א בריוו פון יענער צייט שרייבט צו מיר גאָלדפאַדען פון אַמעריקע: „איך האָב קיין טענות נישט, וואָס דאָס אמעריקאַנישע יידישע טעאַטער האָט זיין טאַטן נישט דערקענט און וויל פון מיר נישט וויסן. ביי א פאָלק, וואָס עלטערן און קינדער זענען געצוווּנגען צו וואַנדער־

אין פֿאַרשידענע צייטן און אָפּט אויף פֿאַרשידענע וועגן, איז קיין זעלטנ־הייט נישט, אַז קינדער זאָלן זייערע עלטערן נישט דערקענען, און אַפילו עלטערן זאָלן נישט קענען טרעפֿן דעם וועג צו זייערע קינדער. טענות אָבער האָב איך, כאָטש איך ווייס נישט צו וועמען, וואָס דאָס ליבע קינד מיינס וואַקסט אויס אַ גרויסער שייגעץ, אָן עזות מחוצף פּנים, און איך מעג זיך ריכטן, אַז מען וועט מיך אַמאָל שעלטן אין טאָטן אַריין פֿאַר דעם טייערן תכשיט, וואָס איך האָב אויף דער וועלט געבראַכט... איך לייקען נישט, אַז אין דער אַלטער גלות־היים האָט מיין טעאַטער שוין אויך געגנוג געהאַט חסרונות, האָט עס אָבער פֿאָרט גע־האַט אַ מעלה, וואָס אייגענע און גוטע פֿריינט האָבן אויף אים געהאַט אַ שטיקל השגחה, און עס פֿלעגט זיך נאָך לאָזן לערנען. דאָ, אין אַמעריקע אָבער, ווו אייגענע און גוטע פֿריינט האָבן קיין השגחה נישט אויף אים, האָט עס אַראָפּגעוואָרפֿן די בושה אינגאַנצן און נישט נאָר עס האָט זיך נישט צוגעלערנט עפּעס, — עס האָט אויך דאָס ביסל גוטס פֿון אַמאָל פֿאַרגעסן".

פֿון יענעם טאָג, זינט איך האָב דאָסדאָזיקע בריוול דערהאַלטן, האָב איך וועגן יידישן טעאַטער מער נישט געהערט.

נאָר מיט אַ יאָר דריי־פֿיר צוריק האָב איך דערהערט, אַז ער־געץ אַ יידישער סוחרל אָדער פֿאַקטאָר האָט, מיט דעם כוח פֿון זיין פֿריץ מסתמא, זוכה געווען, מען זאָל אים דערלויבן אויף אַ גאַנצן זו־מער שפּילן יידיש טעאַטער אין וואַרשע, און צוליב דעם האָט ער אַראָפּגעבראַכט דאָס יידישע טעאַטער פֿון אַמעריקע, און עס שפּילט שוין טאַקע אין וואַרשע.

עס פֿאַרשטייט זיך, אַז איך בין נייגעריק געווען צו גיין אַ קוק טאָן, ווי זעט עס אויס. און איך בין געגאַנגען און האָב געקוקט און געקוקט, אָבער דערקענען עס האָב איך בשום אופֿן נישט דערקענט.

פֿון דעם יידישן חן און קינדישער אומשולד, וואָס האָבן אַמאָל מכפּר געווען אַלע פֿעלער אין אַמאָליקן יידישן טעאַטער, איז אין דעם פֿון אַמעריקע אַראָפּגעקומענעם אפֿילו קיין זכר נישט געבליבן. איך האָב עס אפֿילו נישט דערקענט פֿון די אַמאָליקע חסרונות זיינע, וואָ־רים זיי זענען אויסגעוואַקסן, גרעסער געוואָרן, גרעבער און חוצפּהדיקער, וואָס האָט זיך מיר אַזוינס גאָרנישט געקענט פֿאָרשטעלן.

דער עיקר אָבער האָט מיך געאַרט די קשיה: פֿאַרוואָס רופֿט מען עס נאָך „יידיש טעאַטער"? עס איז פֿון יידן און יידישן נאָך פֿיל ווייט־

טער געווען, ווי אַמעריקע פון וואַרשע, און דאָס האָב איך נישט נאָר אַליין געפרעגט, נאָר אויך דאָס גאַנצע יידישע פובליקום, וואָס האָט צוגעזען דאָס שפּילן און פאַרן שפּילן גוט באַצאָלט.

דערפ ר, ווען אין איין שיינעם טאָג איז אַרויס די ידיעה, אַז מען האָט דאָסמאָל דאָס טעאַטער ווידער משלח געווען, האָט קיינער קיין איינציקע טרער נישט אַרויסגעלאָזן אויפן גרויסן אומגליק, וואָס האָט דעם פּאָ"ק ישראל געטראָפן.

— קיין גרעסער אומגליק זאָל אונדז נישט געשען! — האָט איטלעכער זיך צוגעוווּנטשן, דערהערנדיק, אַז וואַרשע האָט שוין מער נישט דעם נחת, צו זען און צוזו הערן די באַרימטע אַמעריקאַנער אַקטיאָרן אין אַ יידישן טעאַטער.

און ווידער זענען אַריבער עטלעכע יאָר, און דער שריד ופליט פון אַמאָליקן יידישן טעאַטער, וואָס איז פון אָנהייב אָן דאָ געבליבן, האָט זיך אין פאַרשידענע גלגולים אַרומגעשלעפּט איבער דער מדינה, ווי אַ נע-ונדניק, נעבעך. ווו עס האָט געטאָגט — האָט עס נישט גענעכטיקט.

נאָר אָט האָבן יידישע צייטונגען גאָר אומגעריכט מודיע געווען, אַז איינער אַ הער פישזאָן, אַ דירעקטאָר, אָדער אָנפירער פון יענעם נע-ונדניק מסתמא, האָט זיך צוגעשלאָגן צו די גאָר העכסטע מקומות און האָט אויסגעבעטן, מען זאָל אַראָפּנעמען די קללה און דעם חרם פון דעם אומשולדיקן יידישן טעאַטער.

איך ווייס נישט, צי איז אמת, צי איז ליגן יענע ידיעה, אַז דאָס יידישע טעאַטער אין רוסלאַנד איז שוין ווידער דערלויבט.

ווי עס ווייזט אויס, גייט עס דערצו, עס זאָל ערשט דערלויבט ווערן. דערווייל אָבער איז מען זיך שוין מורה התיר און מען שפּילט יידיש טעאַטער אין מערערע שטעט. אפילו אין פּעטערבורג, דאַכט זיך, האָט דאָס יידישע טעאַטער געשפּילט אַ גאַנצן סעזאָן הייניקס יאָר. צי דאַרפן מיר זיך אָבער פרייען מיט דעם, צי נישט, קענען מיר נאָר ענטפערן, אַז מיר וועלן זיך באַקענען מיטן טעאַטער פון דערנאָענט.

אין וואַרשע שפּילן איצט צוויי יידישע טעאַטערס אין צוויי פאַרשידענע עקן שטאָט. אין איינעם פון זיי בין איך נישט לאַנג

צוריק געווען, און וואָס איך האָב אין אים געזען — וויל איך זיך טיילן מיט די לעזער.

איך מיין אָבער נישט צו קריטיקירן עס. קריטיקירן דאָס יי־דישע טעאַטער אין דעם שטאַנד, ווי עס איז נאָך איצט, איז אַזאַ אָנגעלייגטע אַרבעט, מיין איך, ווי גיין זוכן אַ פּגימה אין אַ זצג... אַלץ אָבער, וואָס איך האָב אין אים געזען, האָט אויף מיר געמאַכט אַ רושם, אַז דעם איצטיקן יידישן טעאַטער פעלן נישט קיין אַקטיאָרן, וואָס זאָלן קענען גוט שפּילן, אבער עס פעלט זיי דאָס ביסל וויסן, בעבען, זיי זאָלן כאָטש פאַרשטיין, וואָס זיי שפּילן.

די פראַגע, דאַכט מיר, איז איצט: נישט ווי מען שפּילט אין יידישן טעאַטאָר, נאָר וואָס מען שפּילט? און שטעלן מיר נאָר אַזוי די פראַגע, מוזן מיר באַלד מודה זיין, אַז דאָס יידישע טעאַטער שפּילט, ווי אַ קליין קינד, רייט אַרויס אויף דער בינע אויף אַ הילצערן פערדל, מאַכט זיך נאַריש, קינדיש, אָדער אַ ביסל משוגע, נאָר קיין יידיש טעאַטער שפּילט עס נאָך דערווייל נישט.

איך האָב קיין טענות נישט צו אונדזערע יידישע אַקטיאָרן, וואָס זיי רייטן אַרויס אויף דער בינע אויף אַ הילצערן פערד במקום אַ לעבעדיקס. טענות האָב איך צו זיי, וואָס זיי האָבן אַזוי ווייניק שכל, זאָלן זיי מיר מוחל זיין, און גלויבן און מיינען, אַז דאָס הילצערנע פערדל איז טאַקע אַ לעבעדיקס, און זיי ווערן נתפּעל פון אים.

אין דעם טעות, דאַכט מיר, ליגט דער גאַנצער חסרון פון יידישן טעאַטער דערווייל, און פריער ווי אַלץ, איז אַ חוב אויף איטלעכן, וואָס אינטערעסירט זיך מיטן יידישן טעאַטער, און וואָס פאַרשטייט, וואָס אַ יידיש טעאַטער דאַרף זיין און ווי עס דאַרף זיין, אויפקלערן אונדזערע טעאַטער-דירעקטאָרן און טעאַטער-אַקטיאָרן, וואָס אַ הילצערן פערד איז און וואָס אַ לעבעדיק פערד איז.

ווען זיי וועלן נאָר האָבן אַזויפיל שכל דאָס אַליין צו קענען אונטערשיידן, מיין איך, וועלן זיי אַליין אייַנזען, ווי נישט שיין עס איז, ווי נישט קלוג און לעכערלעך עס איז, ווען אַ דערוואַקסענער מענטש רייט אַרויס אויף דער סצענע אויף אַ הילצערן פערדל, און האָט אַליין אַ מין רעספּעקט פאַר אים טאַקע ווי פאַר אַ לעבעדיק פערד.

דאָס הילצערנע פערדל, מיין איך, די אַלטע פּיעסן זייערע, מיט די אַלטע פאַלשע ראָלן אין זיי. זאָלן די אַקטיאָרן וויסן, וויל איך,

וואָס עס איז אַ פּיעסע, אַ דראַמע, אָדער אַ קאָמעדיע פון לעבן; אַ דראַמע אָדער קאָמעדיע, וואָס איז כאָטש ווערט, מען זאָל זי קריטי־קירן, און וואָס זענען אַזעלכע נארישע, קינדישע צעקאַלעטשעטע און אומגעלומפּערטע דראַמען און קאָמעדיען, וואָס זיי שפּילן און שעדיקן דערמיט אי זיך, אי די צושויער.

אָבער כדי נישט יוצא צו זיין מיט הוילע ווערטער, וועל איך מיר פּרוּוון ווייזן יענע פּיעסע, וואָס איז געשפּילט געוואָרן אין יענעם אָוונט, ווען איך בין צום ערשטן מאָל געווען אין דעם איצטיקן יידישן טעאַטער.

אשה רעה

אזוי רופט זיך אָן יענע פּיעסע.

ווּיסנדיק, וואָס אַ ייד פאַרשטייט אונטער דעם נאָמען „אשה רעה", האָב איך געמיינט, אַז די הויפּט־ראָליע וועט מסתמא פאַרשטעלן אַ יידענע אַ שלאַק פון גאָטס געגאָד, אַ מין ארורה מיט אַ פייערדיק פּיסקל, וואָס איר מאַן האָט פון איר אי קאַלט, אי וואַרעם.

אַזעלכע ווייבער זענען דאָ בכל אומה ולשון, בפרט ביי אונדז, יידן, קינדער און אייניקלעך פון אַמאָליקע בית־המדרש־יידן, וואָס זייערע ווייבער זענען געווען די „אשת חיל". נאָר פאַרגעשטעלט האָט זיך גאָר עפּעס אַנדערש. אָט הערט אויס כסדר:

דער ערשטער וואָס, האָט זיך באַוויזן אויף דער סצענע, הייסט פּרץ: מיטן נאָמען, דאַכט זיך, אַ ייד. טוט איר אָבער אַ קוק אויף זיינע בגדים, מיינט איר, אַז ער איז אַ טערק, אַ טאַטער אָדער וואָס נאָר איר ווילט, אַבי נישט קיין ייד.

טראָגן טראָגט ער אַ פּויק. קענט איר דאָך אפשר מיינען, אַז ער איז איינער פון די ארקעסטער־מוזיקאַנטן, האָט איר ווידער אַ טעות. וואָרים תיכף קומט אָן די מעכטיקע אַרמעע, וואָס באַשטייט אינגאַנצן פון זעקסטהאַלבן זעלנער, און ער, פּרץ מיטן פּויק, קאָמאַנדעוועט מיט זיי, ווי אַן אמתער פעלדמאַרשאַל. מיין איך שוין, אַז ער איז טאַקע אַ פעלדמאַרשאַל.

קומט אָבער באַלד ארויס עפּעס אַ פאַרדריפּעט מיידל, זייט מיר מוחל, און מיר ווערן געוואָר פון זייער ליב־האַרציקן שמועס, אַז ער, דער פּויקער, דער פעלדמאַרשאַל, טערק, אָדער טאָטער, איז טאַקע אַ ייד,

אפילו מיט די יידישע ווערטלעך „יהודי בלא", וואָס ער געברויכט איטלעכע רגע, און דאָס פאַרדריפּעטע מיידל איז א כשר יידיש קינד, געבוירן און דערצויגן אויפן יידישן שול־הויף מיט אַלע שול־הויף־ווערטער, מיט אַלע שול־הויף־תנועות, ווי עס דאַרף צו זיין.

זי דינט אַ ס קעכין, אָדער ניאַנקע, ביים גרויסן באַרימטן העלד אבנר, און ער, פּרץ, מיין איך, איז טאַקע ביים אייגענעם אבנר אַ לאָקיי. אויף יידיש גערעדט: אַ משרת, הייסט עס.

ווייטער ווערן מיר געוואָר, אַז ער איז פאַרליבט, שטאַרק פאַר־כלאָפּטשעט אין דעם פאַרדריפּעט מיידל, די קעכין אָדער ניאַנקע, און אַזוי זי אויך אין אים.

אַ פּאָר, זאָג איך אייך, וואָס פּאַסטן איינער צו דעם אנדערן, ווי אַ שטיוול צו זמירות.

נאָר אַז זיי געפעלן זיך, געזונטערהייט! די ליבע, זאָגט מען, איז בלינד, און אַז זיי ליבן זיך באמת, זאָגן זיי עס באַלד אַרויס אָפן בפני עם ועדה: מען נעמט זיך אַרום, מען צעקושט זיך, מען צע־פּאַטשט זיך אפילו. און מען זינגט אַ לידעלע, וואָס זיי וועלן טאָן באַלד נאָך דער חתונה. דאָס הייסט: זיי וועלן האָבן קינדערלעך... ער, פּרץ, וועט זיי פאַרשלעפּערן און וויגן אַליו־ליו, און זי, מלכהלע, וועט זיי באַקן אַ בילקעלע. קאָן זיין א שענערער און פּאַסנדיקער גראַם, ווי מלכהלע מיט בילקעלע?

דערמיט ענדיקט זיך דער ערשטער אַקט און דער געהאָרכזאַמער פאָרהאַנג לאָזט זיך אַראָפּ, דאַכט זיך, אַ ביסל פויל, שלעפעריק און פאַרשעמט...

דער עולם פּאַטשט בראַוואָ, „ביס" מיט געוואַלדן. דער פאַרשלאָ־פענער פאָרהאַנג מוז זיך, נעבעך, נאָכאַמאָל פאַרקאַטשען, און מען זינגט ווידער דאָס שיינע לידעלע: „מלכהלע וועט באַקן אַ בילקעלע!" און אַזוי דריי מאָל כסדר.

דער צווייטער אַקט הייבט זיך אָן אין היכל המלך. עס זיצט דער אַלטער יידישער מלכות הירקאָנוס (הורקנס), געוויס איינער פון די חשמונאים, אויף זיין כסא המלוכה. עפּעס אַ מין צעבראָכן בענקל, אַ רחמנות אַ קוק צו טאָן דערויף.

אויפן קאָפּ טראָגט ער דעם כתר מלכות. אַנישט, וואָלט איך אַזוי פון ביידע נישט וויסן, ווי איך וואָלט נישט געוווסט, אַז ער איז אַ מלכות, רחמנא לצלן. נישט פון זיין שטוב, נישט פון זיינע קליי־

דער און נישט פון זיין באַנעמען זיך איז עס צו דערקענען. אין שטוב דרייט זיך אַרום דאָס פאַרדריפּעטע מיידל מלכהלע.

ווי קומט זי אַהער? שוין געביטן איר שטעלע? גאָר ווי די היינטיקע דינסטן, אַלע טאָג אַן אַנדער קיך, אַלע טאָג אַן אַנדער באַלעבאָסטע.

מילא, צו קשיות פרעגן איז קיין סוף נישטאָ. מען מוז זיין צופרידן מיט אַלץ, ווי עס מאַכט זיך.

נאָר אָט הערט זיך דאָס פּויקן. פּרץ פירט אַריין אין היכל המלך אַ גאַנצע מחנה זעלנער, פּוסגייער, רייטער, גוואַרדיע, קיראַסירן און קאָזאַקן, מושטירט זיי אויס, צעשטעלט זיי, זאָגט עטלעכע בדחנישע וויצען און גייט מקבל פּנים זיין דעם גרויסן העלד אַבנר, וואָס צו זיין גבורה און העלדישע מעשים איז גאָר קיין גלייכן נישטאָ.

באַלד טראָגט מען טאַקע אַריין דעם גרויסן העלד. צוויי „כהן גדולס", מיטן חושן אויפן האַרצן און מיט אַ ציץ הקודש אויפן שטערן, שטעלן זיך ווי צוויי אָפּגעמאָלטע שווייצאַרן ביי דער טיר, און מען ווייסט נישט, צי זיי לעבן, צי נישט? פאַר אַ כהן גדול, און נאָך פאַר צוויי אַנשטאָט איינעם, פּאַסט עפּעס אַנדערש ווי צו שטיין ווי צוויי געהאָרכזאַמע משרתים ביי דער טיר?

נאָר דאָס איז ווידער ווי געפונען אַ פּגימה אין אַ זעג. לאָזן מיר עס, און באַקענען זיך בעסער מיטן העלד אַבנר אַליין.

אָט איז ער, אָט פאַלט ער אויף די קני פאַרן קעניג, דערציילט אים, ווי ער האָט גימאַכט אַ תל פון דעם פּערסישן חיל.

אָט זענען די געפאַנגענע. אַלץ, אַלץ דערציילט ער און אַלץ, אַלץ לייגט ער אַוועק צו זיינע קעניגס פיס און זיך אַליין אויך, ווי עס פּאַסט פאַר אַן אמתן איידעלן העלד.

דאָס זענען די מעשים זיינע. טוט מען אָבער אַ קוק אויף אים, ווילט זיך וויסן ווו איז דער העלד? זיין פּנים, זיינע באַוועגונגען, זיין ווייכהאַרציקע שטימע און אַלץ, וואָס איר זעט אין אים, פּאַסט בעסער פאַר אַן איידעלן געלערנטן, פאַר אַ מענטשן, וואָס ווייסט נאָר גוטס צו טאָן, וואָס האָט קיינמאָל קיין שווערד נישט געהאַלטן אין האַנט און קיינמאָל קיין טראָפּן פאַרגאָסן בלוט נישט געזען.

פאַרוואָס איז דעם הער קאַמינסקי, וואָס האָט געשפּילט די ראָליע פון אבנרן, געפעלן געוואָרן אָנצונעמען אַזאַ געשטאַלט, אַרויסווייזן אַזאַ ווייכהאַרציקייט, און נישט לאָזן אויף זיך קיין שום סימן פון

אַ ווירקלעכן מלחמה־העלד — דאָס ווייסט מסתמא הער קאַמינסקי אַליין.

דער צושויער אָבער ווייסט עס נישט, און פרעגט: אַט אַזוי ווייזט אויס אַ מלחמה־העלד? מיט אַזאַ טאָן און מיט אַזאַ לשון רעדט ער?

און בעת דער צושויער פרעגט דאָ זיינע קשיות, קומט דערוויל אַריין אבנרס פרוי איזאַבעלאַ — אַז „אבנר" האָט שוין געוווסט, אַז מען קאָן איבערלייגן דעם פעניקישן נאָמען „איזבל" אויף איזאַבעלאַ, בין איך שטאַרק אין ספק, נאָר לאָז זיין, אַז אבנר, וואָס האָט געלעבט אין דער צייט פון די חשמונאים, האָט שוין געהאט אַ היינט־מאָדישע יידישע טאָכטער, וואָס שעמט זיך מיט איר יידישן נאָמען, און ער האָט איר צוליב געטאָן און האָט זי אָנגערופן איזאַבעלאַ. און די איזאַבעלאַ, לויט ווי עס ווערט אויף דער אַפּיש אָנגעגעבן איר נאָמען, איז דאָס טאַקע די אשה רעה. און אָט־אָט וועט זי עפענען איר פּיסקל און אַרויס מיט טויזנט טענות און מיט צענטויזנט קללות, ווי עס פּאַסט פאַר אַ אשה רעה...

נאָר עס הייבט זיך גאָרנישט אָן.

די פרוי איזאַבעלאַ שטעלט פאַר, מיט איר פוץ און האַלטונג, אַ ריכטיקע איזאַבעלאַ פון מאַדריד, אָדער פּאַריז. נישט איין קללה, נישט איין שלעכט וואָרט הערט מען נישט פון איר.

אדרבה, אַז מען קוקט זיך גוט צו, באַמערקט מען באַלד, אַז דאָ שטייט פאַר אונדז נישט קיין שלעכטע, נאָר אַ טיף־באַליידיקטע און העכסט אומגליקלעכע פרוי, וועלכע ווערט צען מאָל אין טאָג צעריסן צווישן טרייער ליבע צו איר מאַן און צווישן אַ ביטערן פאַרלאַנג זיך נוקם צו זיין פאַר דאָס אומשולדיק פאַרגאָסן בלוט פון איינציקן זון.

אין דער מינוט, ווען מיר זעען זי צום ערשטן מאָל דאָ, כּלומרשט אין מלכּס פּאַלאַץ, טראָגט זיך פאַר אירע אויגן דער שאָטן פון איר געליבט קינד, וואָס איז געווען איר גאַנצע טרייסט און האָפענונג, ווי ביי יעדער איידעלער מוטער איר איינציק קינד.

דאָס קינד האָט מען אָבער פון ברוסט אַוועקגעריסן און עס געטויט אומשולדיק, און זי ווייסט אפילו נישט ווו זיין געביין איז אַהינגעקומען.

און נישט אַ שונא האָט עס ביי איר אַוועקגערויבט, נישט אַ ווילדע חיה אין וואַלד האָט עס צעריסן, נאָר ער, דער געטרייער פאָטער פונם קינד, איר הייס־געליבטער מאַן האָט עס געטאָן.

און נישט פאַר אירע זינד, חלילה, און נישט פאַרן קינדס זינד, חלילה, האָט ער עס מיט זיינע אייגענע הענט געטויט, נאָר צוליב אַ נאַרישן חלום, וואָס אים האָט זיך אַמאָל געחלומט, אַז זיין אייגענער זון וועט אַמאָל זיין אַ גרעסערער העלד פאַר אים, און וועט אים מנצח זיין.

און וואָס נאָך ערגער איז — ער, דער מערדערישער פאָטער, פאַרלייקנט זיין שולד, און האָט נאָך אַזאַ האַרץ צו פאַרלייקענען עס פון איר און וויין אַ פנים, ווי ער טרויערט נאָך דעם אומגליק-לעכן קינד, גלייך ווי זי אַליין.

און אַכצן יאָר זענען שוין אַריבער, און זי וויל נישט און זי קאָן נישט פאַרגעסן איר קינד, און איצט, אין דער רגע, ווען זי ווייסט שוין ווער זיין מערדער איז געווען, און זי זעט דעם כבוד, וואָס מען גיט אים אָפּ, טראָגט זיך דעם קינדס שאָטן פאַר אירע אויגן.

זי זעט, ווי עס בעט זיך ביי איר, זי הערט ווי פון יעדער וווּנד, וואָס דער מערדער האָט אים געמאַכט, שרייט אַרויס אַ קול: „נקמה, נקמה! נקמה פון מיין מערדער, נקמה פון מיין אייגענעם פאָטער... אַ מערדער, אַ מערדער איז מיין פאָטער!"

— קאָן מען נאָך אַזאַ מאַן ליבן? — פרעגט זי זיך. — ליבן אַזאַ מאַן, וואָס זיין אייגן קינדס פאַרגאָסן בלוט שרייט וועגן נקמה פון אים?... און דאָך ליב איך אים, ליב איך אים, ליב איך אים! אָבער ניין, ליבער פאַר אים איז מיר מיין קינד! וועגן נקמה שרייט עס, און עס ווייסט נישט, אַז מיט דער נקמה מוז איך מיך אַליין אויך פאַרדאַרבן. יאָ, נקמה נעמען פון זיך אַליין, פאַרוואָס איך ליב נאָך דעם מערדער פון מיין קינד!

אַזוי קעמפט זי מיט זיך אַליין אָן אַן אויפהער, ביז אירע גע-דאַנקען הייבן אָן טונקל צו ווערן און זי קאָן שוין ווייטער אפילו נישט קעמפן מיט זיך. און אין אַזאַ שווערער רגע, אַז עס קומט אַריין דעם מאַנס אַ שונא, וואָס פאַרשטעלט זיך פאַר איר געטרייסטן פריינט און דערציילט איר, אַז ער קאָן נישט רוען, ווי לאַנג ער וועט זיך נישט נוקם זיין פאַר איר קינדס אומזיסטן טויט, און ער דערקלערט איר זיין פּלאַן ווי אַזוי דאָס אויסצופירן, זענען שוין אירע געדאַנקען אַזוי טריב און פינסטער, און זי לאָזט זיך פון אים פאַר-פירן און העלפט אים אויספירן זיין פּלאַן: פאַלשע עדות זאָגט זי פאַרן קעניג קעגן איר געליבטן מאַן.

אָבער ווי שטאַרק ליידט זי בעת מעשה!

באַלד אָבער קומט זי צוריק צו די קלאָרע רעיונות און לויפט צום קעניג, פאַלט אים צו די פיס, איז זיך מודה, אַז זי איז אַ פאַר-דאָרבענע, אָבער אומגליקלעכע פרוי, בעט אויס אַלע שטראָפן אויף זיך, נאָר איר מאַן ריין צו וואַשן.

אָבער עס איז שוין צו-שפּעט . . . דעם קעניגס צאָרן איז שוין אויסגעגאָסן אויף איר מאַן. מען האָט אים בלינד געמאַכט און פאַר-יאָגט פון לאַנד. און אַז זי דערהערט עס, פאַרלירט זי איר זינען אינ-גאַנצן און ווערט משוגע אויף אייביק.

ווייטער קומען פאַר נאָך עטלעכע רירנדיקע סצענעס, ווי דעם אומגליקלעכן אבנרס טאָכטער, פאַרשטעלט אַלס יונגער בעטלער, נעמט זיך אָן דעם בלינדן העלד פאַר א האנט צו פירן און מען לאָזט זיך אַוועק בעטלען אינדערפרעמד — די סצענע האָט די שפילעריין אַזוי גוט, אַזוי פיין דורכגעפירט, כאָטש די סצענע אינגאַנצן איז אַזוי פאַלש, אַזוי נישט נאַטירלעך פאַר אַ וועלטבאַרימטן מלחמה-העלד.

דאָס זענען די איינציקע צוויי סצענעס, וואָס מאַכן אַ געוויסן פאַראַלישן איינדרוק אויף דעם צושויער.

אָבער בשום אופן קאָן דער צושויער נישט באַגרייפן, פאַרוואָס רופט מען אזא אומגליקלעכע מוטער אשה-רעה?

כמעט ווייסט ער נישט, דער צושויער, וועמענס אומגליק און עלנט איז גרעסער: דעם מאַנס אָדער פרויס? נאָר אונדזערע אַקטיאָרן פאַרשטייען עס בעסער.

דער נאָמען „בעליזאַר”, ווי די פיעסע הייסט אין אָריגינאַל, איי-דער מען האָט זי פאַריידישט און קאַליע געמאַכט, איז זיי נישט גע-פעלן.

אשה-רעה איז דער גאַנצער שווערפּונקט פון דער טראַגעדיע. זיי ווילן ווייזן דער וועלט, וואָס אן אשה איז און וואָס זי קאָן. צוליב דאָס נאָר האָבן זיי פאַרשטאַנען אין דער גאַנצער האַנדלונג פון דער טראַגעדיע.

איך האָב איינעם פון זיי געפרעגט:

— פאַרוואָס רופט איר עס אָן אשה-רעה?

ער האָט מיך תמעוואַטע אָנגעקוקט.

— וואָס הייסט? — ענטפערט ער מיר. — דער מחבר הייסט דען נישט וואָס אשה רעה באַטייט?

און זיי ווייסן, נעבעך, נישט, אַז עס קאָנען זיין מחברים כּלומרשט, בפרט אזעלכע „איבערמאַכער-מחברים“, וואָס זאָלן עס נאָך ווייניקער וויסן, ווי זיי אַליין.

און נישט שעמען דאַרף מען זיך אָפן מודה צו זיין, אַז נאָר גראָבע אומוויסנדיקע מענטשן, און נאָך העכסט נישט ערלעכע דערצו, האָבן ביז איצט דעם גרעסטן טייל פּיעסן באַשאַפן פאַר דעם יידישן טעאַטער.

מענטשן אָן טאַלענט, אָן אַ ברעקל ידיעה פון יידישן לעבן, אין וועלכן זיי דרייען זיך אַרום — זיי שרייבן נישט זייערע „מאַך-ווערק“ פון איצטיקן לעבן, ווייל זיי ציטערן, מען זאָל זיי נישט כאַפּן ביי אַ פאַלשקייט און אַ גראָבן ליגן ביים ערשטן אַרויסטריט. דעריבער „אַרבעטן“ זיי נאָר אויף היסטאָרישע פּיעסן. הרוצה לשקר ירחיק עדותו.

אמת, מען מעג אין אַ היסטאָרישן ראָמאַן אָדער אַ היסטאָרישער דראַמע טויזנטער שקרים אָנשרייבן, אָבער אפילו די ליגנס אָנצושרייבן מוז מען כאָטש קענען געשיכטע, האָבן פיל-ווייניק אַ מיינונג וועגן דעם העלד און די פּערזאָנען, וואָס מען פירט אַרויף אויף דער סצענע.

אונדזערע מחברים פון די כּלומרשט היסטאָרישע דראַמען האָבן אָבער קיין היסטאָריע קיינמאָל נישט אָנגעקוקט, און אויב זיי האָבן יאָ אַמאָל אַריינגעקוקט אין דער געשיכטע, האָבן זיי געקוקט אין איר מיט די אויגן פון דעם כּפרה-האָן אין בני-אדם...

קיין ווונדער נישט, וואָס יענער מחבר האָט אָנגעטאָן דעם ביזאַנטישן העלד בעליזאַר אַ יידישן כאַלאַט און אים אַ נאָמען געגעבן אבנר, און דעם אָסט-רוימישן קייזער יוסטיניאַנוס — אַ נאָמען הורקנס, כאָטש פון איינעם ביזן אַנדערן ליגט אַ צייט פון כמעט זיבנהונדערט יאָר.

נאָר וואָס גייט עס אָן דעם יידישן מחבר? — אַ סך קימערט אים, וואָס אין דער גאַנצער פּיעסע, וואָס אויסער די פּאָר ווערטער—„יהודי בלא“, איז אַ סימן פון יידישקייט נישטאָ, און די גאַנצע געשיכטע איז אַזוי פרעמד און ווייט פון יידישן געשיכטלעכן לעבן! אָבער צי ווייסט ער אפילו, וואָס מיינט מען אונטער דעם נאָמען: „היסטאָרישער ראָמאַן“, אָדער „היסטאָרישע דראַמע“?

געכאַפּט אַ היסטאָרישן קריסטלעכן העלד בעליזאַר, אים אַ גאָמען געגעבן אבנר און נאָט אייך אַ היסטאָרישע טראַגעדיע, אַן עכט יידישע, און האַלט זיך מיט איר!

דאַכט זיך, אַזוי נישט ליב ווי דאָס יידישע פאָלק האָט שטענדיק געהאַט מגייר צו זיין פרעמדע אומות, אפילו אַזעלכע וואָס האָבן זיך געבעטן: לערנט אונדז אייער תורה, מיר ווילן ווערן יידן! און אין דער יידישער ליטעראַטור, אין דער נייער באַזונדערס, זעען מיר דעם היפך: מען כאַפּט אַ דייטשיש אָדער פראַנצויזיש ווערקל מען גיט יידישע נעמען די פאַרשויגען פון דעם ווערקל:—פון פריץ ווערט פרץ, פון לוצינאַ ווערט אַ לאה, אָדער יאַכנע־שאָשע, און נאָט אייך אַן אָריגינעלן יידישן ראָמאַן, ריין־יידיש על טהרות הקודש.

וואָס, למשל, וואָלט יענער כּלומרשט־מחבר פון „אשה רעה" געהאַט פאַרלאָרן, ווען ער וואָלט גאַנץ איינפאַך גענומען פאָן שענקס טראַגעדיע „בעליזאַר" און וואָלט עס איבערגעזעצט וואָרט אין וואָרט און די פּיעסע וואָלט געבליבן אַ פּיעסע?

אַ שלעכטע איבערזעצונג איז נאָך נישט אַזוי שלעכט, ווי אַ שלעכטע איבערמאַכונג.

שעמט זיך אַ פראַנצויזישער מחבר איבערצוזעצן אַ דייטשע, ענגלישע אָדער אפילו רוסישע דראַמע?

ניין, אונדזערע יידישע מחברים שטייט נישט אָן צו זיין איינפאַכע איבערזעצער. אונדזערע מחברים מוזן פריער מגייר זיין די גולם, „פאַרריכטן", „אויסבעסערן" און פאַרדאַרבן, ביז קיין דאָקטאָר ווט עס שוין נישט העלפן.

אַ רעכטער טייל פון אונדזער נייער ליטעראַטור, העברישער און יידישער, איז פול מיט אַזעלכע צקאַליעטשעטע גרים, רחמנא לצלן.

וואָס איז ביי אונדז נישט פאַריידישט, נישט איבערגעמאַכט, נישט איבערגעניצעוועט און נישט איבערגעקערט מיטן קאָפּ אַראָפּ און מיט די פיס אַרויף?

אפילו אַ „טויזנט אין איין נאַכט" האָב איך אַמאָל באַגעגנט אַ יידישן. אַנשטאָט אַ וויזיר און אַ פּאַשאַ, שפּילט אַ ראָליע אַ גוטער ייד, אַ בעלטאַקסע, אָדער אַזוי אַ יידישער עושר.

„ראָבינזאָן קרוזאָ" הייסט ר' „אַלטער־לעב" אין אונדזער יידישער ליטעראַטור, און ר' אַלטער־לעב אויף דער אינדזל דאַוונט, נעבעך, אָן תפילין, נאָר ער בענטשט ראש־חודש, צינדט אָן חנוכה־ליכטלעך, בלאָזט שופר און שלאָגט המנען — אַלץ אויף דער וויסטער אינדזל!

די עם־הארצות פון דעם מין מחברים איז אַזוי גרויס, די אומ-

פֿאַרשעמטקייט — אַזוי ברייט, אַז אַפֿילו דעם אָרעמען שעקספּירן האָבן זיי נישט אדורכגעלאָזן.

מיר האָבן, ברוך השם, ביכלעך מיט דער אויפֿשריפֿט, למשל: „דער מלך ליר פֿון וויליאַם שעקספּיר, פֿילפֿאַרבעסערט, פֿאַרריכט און איבערגעאַרבעט פֿון ר׳ דובער טורש“ וכדומה.

אַזאַ הפקר־וועלט איז אין אונדזער אַלגעמיינער ליטעראַטור און נאָך אַ גרעסערע און ברייטערע הפקר־וועלט איז אין דער ליטעראַטור, וואָס איז ספּעציעל באַשאַפֿן געוואָרן פֿאַרן יידישן טעאַטער.

וועגן דער מאָראַלישער עוולה רעד איך נישט. אַזעלכע מחברים האָבן מיט מאָראַלישע פֿליכטן ווייניק וואָס צו טאָן, אָבער וועגן דעם מאָראַלישן שאָדן, וואָס זיי ברענגען מיט אַזעלכע ווערק אונדזער ליטעראַטור בכלל, און דעם יידישן לעזער און דעם יידישן צושויער אין טעאַטער בפֿרט— אויף אַזעלכע מחברים־מזיקים דאַרף מען השגחה געבן, אָנווייזן זיי זייער אָרט.

באַזונדערס איז איצט א חוב, אַזעלכע איבערגעמאַכטע דראַמעס און קאָמעדיעס, אַזעלכע אומגעלומפּערטע גרים אַראָפּצוטרייבן פֿון דער יידישער בינע. מען טאָר נישט יוצא זיין מיט אַ קוק טאָן, אַ שפּיי טאָן און זיי לאָזן צורו... אָנווייזן אויף זיי דאַרף מען די יידישע אַקטיאָרן, דערקלערן דאַרף מען די גאַנצע פֿאַלשקייט, די גראָבע עם־הארצות, וואָס קומען אַריין אין אַזעלכע כלומרשט־פֿאַריידישטע טעאַטער־ווערק.

נישט ווי צו שפּילן דאַרף מען נאָך דערווייל לערנען די יידישע אַקטיאָרן, נאָר וו אָ ס צו שפּילן.

ווי צו שפּילן וועט זיי אויסלערנען די צייט, דאָס אייגענע געפֿיל און דער אייגענער טאַלענט.

אַ טייל פֿון זיי שפּילן שוין איצט אויך נישט שלעכט זייערע ראָלן.

וואָלטן די ראָלן נאָר ראָלן געווען!

פֿאַרלאַנגען דאַרף מען נאָך איצט פֿון זיי גאָר ווייניק, נישט מער ווי צו פֿאַרשטיין, אַז די ראָלן, וואָס זיי שפּילן איצט אַזוי מיט חשק און מיט ערנסט, זענען באמת גאָר קיין ראָלן נישט.

ווען זיי וועלן עס נאָר איינזען, וועלן זיי זיך ווייטער נישט דערלויבן אַרויסצוטרייטן אויף דער בינע אויף אַ קאַטשערע.

זיי וועלן שוין וויסן, ווי עלנט און נאַריש זיי באַווייזן זיך פֿאַרן

צושויער, ווי לעכערלעך זיי מאַכן זיך דערמיט אין די אויגן פון דעם מבין.

דאָס וועט זיי ברענגען דערצו, זיי זאָלן אָנהייבן זוכן רעכטע, אמתע טעאַטער-שטיק פונם היינטיקן יידישן לעבן.

און אַז מען זוכט — געפינט מען!

פאַרלאַג „אחיספר“, וואַרשע.

אַלע ווערק פון יעקב דינעזאָן

פון דאָסניי אַרויסגעגעבן מיט דערקלערונגען און איינלייטונגען.

שוין דערשינען:

I באַנד **הנאהבים והנעימים** אָדער דער שוואַרצער יונגערמאַנטשיק
ראָמאַן אין פיר טייל. 356 זייטן.

II באַנד **אבן נגף** אָדער אַ שטיין אין וועג
ראָמאַן אין פיר טייל. 500 זייטן.

III באַנד **הערשעלע** / **יאָסעלע**

IV באַנד **פאַליק און זיין הויז** / **קריזיס**

V באַנד **וועלטגעשיכטע**
פיר טייל. 640 זייטן.

עס דרוקן זיך און וועלן דערשיינען דעם ווינטער:

VI ב. **אַרטיקלען** און **זכרונות** וועגן **יעקב דינעזאָן**

VII ב. **אַלטער** (ראָמאַן). VIII ב. **קינדערשע נשמות**

IX באַנד **יאָסל אלגעברניק**

X באַנד **אם הבנים** אָדער **די שיינע רחעלע** (ראָמאַן)

XI באַנד **מעשיות בכל יום** (ראָמאַן)

אויסשליסליכער פאַרקויף: קאָאָפּעראַטיוו „ביכער“ וואַרשע, נאַלעווקי 2a

פאַרלאַג „אחיספר“, וואַרשע

ש. ל. ציטראָן, נייע ביכער:

שְׁתֵּי דְלָבִים

אינטערעסאַנטע יידישע טיפּן פון נאָענטן עבר

פרייז זל.

די געשיכטע פון דער יודישער פּרעסע

פון 1863 ביז 1884 יאָר.

פרייז זל.

דריי ליטעראַרישע דורות

כאַראַקטעריסטיקעס און זכרונות וועגן ייד. שריפטשטעלער

פערטע טייל.

פרייז

מְשׁוּמָּדִים

טיפּן און סילועטן פון נאָענטן עבר.

דריטע און פערטע טייל.

פרייז

אויסשליסליכער פאַרקויף: קאָאָפּעראַטיוו „ביכער“ וואַרשע, נאַלעווקי 2a